STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12888

# A TRER UN A TFILE :

Yosef Vaynberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

יוסף וויינבערג



ISBN:0-657-~~12588-1~~
12888-0
01-267

# א טרער און א תפילה

ACHEVÉ D'IMPRIMER SUR LES PRESSES DE LA SOCIETE D'IMPRIMERIE PERIODIQUES ET D'EDITION, 32, RUE DE MENILMONTANT, 75020 PARIS, EN FEVRIER 1978

יוסף וויינבערג

# אַ טרער און אַ תפילה

Digitized by the Internet Archive
in 2013

http://archive.org/details/nybc212888

# יוסף ווײַנבערג

# אַ טרער און אַ תּפֿילה

אַרויסגעגעבן דורכן מחבר

תשל״ח פּאַריז 1978

**Joseph Weinberg**

# UNE LARME ET UNE PRIERE

הילע: צייכענונג פון יצחק בעלפער (ישראל)

Copyright by Joseph Weinberg

Printed in France

Imprimerie S.I.P.E., 32, rue de Ménilmontant,
75020 PARIS

*

אַ שרפה האָט אַרומגעכאַפּט גאַנץ אייראָפּע. אַ גרויס פאָלק האָט געלאָזט אַריינדרינגען אין זיין האַרץ דעם סם פון ווילדער שנאה. דער אוראַלטער גערמאַנישער בלוט־וואָלף האָט זיך אויפגעוועקט מיט דער גרויסער תשוקה צו פאַרצוקן זיין קרבן — דאָס יידישע פאָלק. זיין ציל איז געווען אויסצוראָטן יידן ווו נאָר זיי זאָלן זיך נישט געפינען; אָט דאָס פאָלק, וואָס האָט דאָס ערשטע אַנטדעקט די אמתדיקע, די איינציקע געטלעכקייט, דאָס פאָלק פון דער ערשטער מענטשלעכער געזעצגעבונג; דאָס פאָלק פון די נביאים, פון יושר און גערעכטיקייט, דאָס פאָלק פון ספר.

נישט אַנדערש נאָר אַז דאָס דאָזיקע פאָלק מיט זיינע עטישע און עסטעטישע פּרינציפּן איז געווען פאַר דער גערמאַנישער חיה-רעה ווי אַן אבן-נגף אויפן וועג צו איר באַהערשן די וועלט.

זיי האָבן אויפגעשטעלט אַ צוים פון שטעכלדראָטן פון באַלטיק ביזן מיטלענדישן ים. פון די אוראַלער בערג, ווו די דייטשע אַרמייען זענען דערגאַנגען, ביז צום אַטלאַנטיק האָט זיך די שטעכיקע דראָטן־צוים געצויגן וויט אַוועק אויף אומענדלע־כע שטחים. זי האָט אַרומגענומען דעם גאַנצן קאָנטינענט ווו צווישן די פעלקער האָבן געלעבט יידישע קהילות: אין שטעט, אין שטעטלעך און דערפער. און דער קאָנטינענט איז דורכן גער־מאַנישן צורר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין ריזיקן מאַסן־קבר פאַר יידן, אין איין בשותפותדיקן ברידער־קבר, אין וועלכן עס

זענען אַריינגעשליידערט געוואָרן יידישע מענער, פרויען, זקנים און קינדער — מיליאָנען.

די וועלט אַרום איז געווען פאַרגליווערט אין איר גלייכגילט און זי האָט געשוויגן. די מענטשן האָבן געהאַט אויערן און זיי האָבן נישט געהערט; זיי האָבן געקוקט מיט זייערע אויגן און זיי האָבן נישט געזען; זיי האָבן געהאַט ליפן, פון וועלכע דאָס קול פון ווייטיק, פון חרפה און דערווידערונג האָט זיך נישט גע־טראָגן.

אונדזער ברידער־קבר האָט זיך פאַרטיפט און פאַרברייטערט און פון זיין פינצטערן תהום אַרויס, פון דעם איינגעזאַפטן בלוט, מיט וועלכן ער האָט זיך אָנגעפילט, האָט זיך גע־טראָגן אַ שטילער געיאָמער און אַ תפילה:

שמע ישראל אדוני אלוהינו אדוני אחד.

ערשטע טייל

# ליבע אין גיהנום

## אַריינפיר־וואָרט צו דער ערשטער טייל

שוין אַ שיין ביסל יאָרן ווי איך וויל נעמען די פעדער אין האַנט בכדי צו פּרובירן אויפלעבן די בילדער פון יענע פינצטערע טעג אין בירקענוי, אין לאַגער פון קרעמאַטאָריע־אויוונס און פון שטיקנדיקן געריך פון פאַרברענטע מענטשלעכע גופים. אָבער יעדעס מאָל ווען איך זעץ זיך אַוועק צום טיש בכדי דאָס אַלץ אַרויסצוברענגען אויפן פּאַפּיר, פאַלט מיר אַרויס די פעדער פון האַנט. עס איז מיר שווער צו שרייבן!

אין דעם גרויסשטאָטישן ווירוואַר און האַרמידער, וווּ מען ווערט אַריינגעצויגן אין דער גרויער טאָג־טעגלעכקייט און אין האַסטיקן געיעג נאָך פּילצאָליקע קליינע זאַכעלעך און ענינים, פון וועלכע די דאָזיקע טאָג־טעגלעכקייט איז צוזאַמענגעשטעלט, איז נישט לייכט פאַר מיר אויפצולעבן אָט די בילדער פון יענער קאָשמאַרפולער פאַרגאַנ־גענהייט. און ווען איך שטרענג זיך גאָר שטאַרק אָן און די בילדער הייבן אָן אויפצוטויכן אין מיין זכרון און דמיון, קומען זיי דעמאָלט אַרויס מיט זייערע פינצטערע שאָטנס, אָבער אויך מיט זייער ליכט. יאָ, ליכט! ווייל אויך ליכט האָבן מיר דעמאָלט געהאַט, ליכט פון מענטשלעכע און דער־הויבענע מאָמענטן!

אַ סך, זייער אַ סך איז שוין געשריבן געוואָרן וועגן יענע פינצ־טערע טעג אין די דייטשע פאַרניכטונגס־לאַגערן, אָבער וויפל מען זאָל נישט האָבן געשריבן וועגן זיי איז עס נאָך אַלץ נישט גענוג, און די,

וואָס וואָלטן נאָך געקאָנט דערציילן און באַשרייבן יענע גרויל־תקופה פון אונדזער פאָלק, זענען דאָך אַזוי ווינציק און מיט די יאָרן וואָס פאַרגייען פאַרקלענערט זיך נאָך די צאָל פון די לעבן־געבליבענע, וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק ניצול צו ווערן פון די טויט־לאַגערן.

און די מוטערערד דעקט מיט זיך צו, צוזאַמען מיט די געביינען פון די פאַרשטאָרבענע קאַצעטלער, גאַנצע אוצרות פון עדותשאַפט און דעם סוד, וואָס איז נאָך אפשר געבליבן טיילווייז פאַרהוילן, דעם סוד פון אַ וועלט ווו אַ מענטש קעגן אַ מענטש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווילדער חיה.

דאָס בילד פון יענער פינצטערניש וואָס עס האָט אַרויסגערופן דער נאַצישער מערדער, איז שוין אַ סך געשילדערט געוואָרן, און פון דעסטוועגן איז נאָך פאַראַן גענוג צו דערציילן. אָבער גאָר ווינציק איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן דאָס ליכט וואָס האָט דאָ און דאָרטן געשיינט אין טויט־לאַגער, דאָס ליכט וואָס האָט זיך אַדורכגעריסן דורך דער פינצטערניש. און וועגן אָט די ליכטיקע מאָמענטן איז כמעט ווי גאָרנישט דערציילט געוואָרן. עס קאָן דוכטן, אַז די, וואָס האָבן וועגן דעם צו דערציילן, וואָלטן זיך ווי זשעניִרט, וואָלטן זיך געוואָלט אָפּהאַלטן דאָס צו טאָן מחמת עס וואָלט נאָך אפשר געקאָנט אויסזען אין די אויגן פונעם לייענער ווי זעלבסטלויב אָדער מאַנגל אין ענִיוות.

גראָד איצט געפין איך זיך אין סאַמע האַרץ פון די אַלפּן־בערג. אַרום און אַרום איז אַלץ באַדעקט מיט אַ בלענדנדיק־ווייסן שניי־מאַנטל. פונעם טאָל דערגייט צו מיר דער גערויש פון רייסנדיקן וואַסער־שטראָם, וואָס טראָגט מיט זיך דעם אייביקן סוד פון דער נאַטור. די ביימער־שפּיצן נעמען איבער דעם גערויש פון שטראָם; זיי באַוועגן זיך אין דעם לייכטן ווינט און נעמען אַריין אין זייער בלעטער־לשון דעם פריילעכן געפּלאַפּל פון קינדער וואָס שפּילן זיך נישט ווייט פון מיר. דאָס זענען קינדער פון פאַרשידענע לענדער, וואָס זענען דאָ אַהערגעקומען בכדי צו געניסן פון גאָטס שיינער נאַטור. דער גאַנצער אַרום איז באַגאָסן מיט ליכט פון אַ זוניקן אַלפּן־טאָג. אָט דאָס ליכט און דער געטשוויטשער פון

זילבערנע קינדער־קולעכלעך וועקן אויף אין מיר ווייטע רעמיניסצענצן פון אַ ליכט וואָס האָט זיך אַדורכגעשלאָגן דורך אַ קאָשמאַרפולער פינצ־טערניש.

און אָט דאָס ליכט האָט אַרויסגעשטראַלט פון מענטשן!

## די טראַנספּאָרטן פון זאַגלעמביע

גערוען איז דאָס אין די ערשטע אויגוסט־טעג פון יאָר 1943. גרויסע טראַנספּאָרטן יידן זענען דעמאָלט אָנגעקומען אין בירקענוי. פאַר אַ סך פון זיי איז עס גערוען דער לעצטער וועג. די אַנדערע האָבן באַקומען נומערן אויף זייערע אָרעמס, פון 132000 ביז קנאַפּע 135000. דאָס זענען געווען טראַנספּאָרטן יידן פון זאַגלעמביע: בענדין, סאָסנאָוויץ, דאָמבראָווע, טשעלאַדז און אויך פון קאַטאָוויץ, וואַדאָוויץ, טשעבין מיט די אַרומיקע שטעטלעך.

די נומערירטע מענער האָט מען פאַרשפּאַרט אין אַ נייעם לאַגער וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען קאַראַנטין.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען אונדז, די עטלעכע טויזנט יידן, פונאַנדערגעטיילט אין זעכצן בלאָקן. צוזאַמען מיט די הילצערנע באַראַקן האָבן אונדז די נאַצישע רוצחים צוגעטיילט בלאָק־עלטסטע. יעדע גרופּע פון פינף־זעקס הונדערט מענער האָט פאַר דעם טויער פון בלאָק געטראָפן איר בלאָק־עלטסטן, וועלכער האָט געהאַלטן פאַר זיי אַ דרשה וועגן פינצטערן סוף וואָס עס דערוואַרט די ניי־געקומענע גאָר אין קורצן. כמעט אַלע בלאָק־עלטסטע האָבן טאַקע געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע אונדז צו פאַרניכטן. מיט זיי האָט אָנגעפירט דער טרויעריק־באַרימטער מערדער, דער דייטשער לאַגער־עלטסטער טין. די בלאָק־עלטסטע האָבן זיך באַלד אויסגעזוכט צווישן די ניי־געקומענע די „שטובענדינסטן", וואָס

זאָלן האַלטן די אָרדענונג אין די בלאָקן און גלײַכצײַטיק העלפֿן די בלאָק־עלטסטע אין אויספֿירן זײער װיסטע פֿונקציע.

פֿאַר אַ סך פֿון אונדז האָט זיך באַלד פֿון אָנהײב געשטעלט די גורל־דיקע פֿראַגע: צי זאָל מען אויסמײַדן דאָס נעמען אויף זיך אַ װעלכע ס׳זאָל נישט זײַן פֿונקציע פֿון די דײַטשן און זײערע געהילפֿן, װי צום בײַשפּיל, די פֿונקציע פֿון דעם לאַגער־שרײַבער, פֿון די בלאָק־עלטסטע אָדער שטובענדינסטן?

•

מען האָט פּשוט מורא געהאַט װעגן דעם צו רעדן אײנער מיטן אַנ־דערן. שױן דאָס צונױפֿזאַמלען זיך מער פֿון צװײ מענטשן אויף אײן אָרט איז געװען פֿאַרבונדן מיט אַ טויט־געפֿאַר. מען האָט נישט געװוּסט צו װעמען מען מעג רעדן און אויף װעמען מען קאָן זיך פֿאַרלאָזן. מען האָט מער נישט דערקענט אַ מענטשן װאָס איז דיר ערשט נעכטן געװען נאָענט. מען איז נישט געװען מער זיכער מיט זיך אַלײן. מיטאַמאָל האָט מען װי אײַנגעזאַפּט אין זיך די לופֿט פֿון פֿאַרניכטונגס־לאַגער און מ׳האָט זיך אַפֿילו נישט אָפּגעגעבן קײן חשבון דערפֿון װי טיף עס דרינגט אַרײַן אין דיר דער סם פֿון אָט דער לופֿט.

דער נאַצישער מערדער איז געשטאַנען מיט דער ביקס אויף דער צװײטער זײַט פֿון די עלעקטרישע דראָטן. ער האָט אָבער אויך געקאָנט זײַן זײער נאָענט פֿון אונדז. אין דעם קלײנעם סאַלאָן־שטיבל פֿון בלאָק־עלטסטן, אויף דער פּריטשע לעבן דיר, װוּ עס איז געלעגן דײַן נעכטיקער חבר, האָט זיך איצט געפֿונען דער „שטובענדינסט״ װאָס איז אַזױ שנעל פֿאַרװאַנדלט געװאָרן אין אַ מערדער, נישט אָפּגעבנדיק זיך אַפֿילו קײן חשבון װעגן דעם. דאָס פּיצעלע ברױט װאָס ער האָט זיך באַמיט יעדן טאָג סיסטעמאַטיש בײַ דיר צוצורױבן, די עטלעכע לעפֿל װאַסערדיקע זופּ, װאָס ער האָט דיר יעדן טאָג געגעבן װײניקער, האָבן בײַ דיר צו ביסלעך צוגענומען דאָס ביסל חיות װאָס איז נאָך געװען אין דיר, אָבער אים, דעם שטובענדינסט, האָט דאָס שנעל פֿאַרװאַנדלט אין אַן אכזר.

און אין אָט אַזעלכע באַדינגונגען האָבן טראָץ אַלעם עטלעכע קאַ־צעטלער געפונען אַן אָרט און אַ מעגלעכקייט זיך צונויפצוקומען. דער ערשטער צונויפטרעף פון אַ צען מענטשן איז פאָרגעקומען אין אָפּטריט פון דעם קאַראַנטין־לאַגער אין בירקענוי. מיר האָבן „באַזעצט" אַלע צען לעכער פון דעם לאַנגן אָפּטריט־קאָרידאָר און אַזוי אַרום האָבן מיר מער קיין מורא נישט געהאַט צו ווערן געשטערט אָדער פאַראַטן.

אַלע זענען מיר געווען דורכגעדרונגען מיט גוטן ווילן. אָבער נישט אַלע פון אונדז האָבן געהאַט דעם גלויבן אַז עס קאָן דאָך עפּעס געטאָן ווערן בכדי צו העלפן איינער דעם אַנדערן. אַ טייל פון אונדז האָט גע־האַלטן אַז מען דאַרף יאָ פאַרכאַפּן די וויכטיקסטע פּאָסטנס פון בלאָק, ווי שטובענדינסט און בלאָק־שרייבער, אָבער נישט בכדי פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַ געהילף פון דעם נאַצי־מערדער, נאָר בכדי אַזוי אַרום צו קאָנען העלפן אונדזערע ברידער אַז זיי זאָלן קאָנען אויסהאַלטן וואָס לענגער; בכדי נישט צו דערלאָזן אַז יעדן טאָג זאָל פון זייער חלק שפּייז אַוועקגערויבט ווערן אַ שטיקל ברויט אָדער אַ ביסל זופּ; נישט דערלאָזן אַז מען זאָל זיי שלאָגן ביי יעדער געלעגנהייט, אַז מען זאָל זיי אַזוי פּיי־ניקן ביים יאָגן צום אַפּעל און פון אַפּעל צו דער אַרבעט און פון דער אַרבעט, ווי דערשראָקענע הילפלאָזע באַשעפענישן, ווידער צום אַפּעל.

בזשעסקי, אַ מוטיקער בענדינער יונגערמאַן, וועלכער האָט זיך קונה־שם געווען מיט זיין קאַמף קעגן דעם יודענראַט אין בענדין, האָט אויף דער דערמאָנטער אָפּטריט־פאַרזאַמלונג אַ טרויעריקער מיר אָפּגע־ענטפערט:

„דאָס וואָס דו ווילסט איז איבער אונדזערע כוחות. דער לאַגער איז געשאַפן געוואָרן דורכן דייטש מיטן איינציקן ציל אונדז צו פאַרניכטן. דאָס איז — האָט ער ווייטער געזאָגט — אַן אומברחמנותדיקע מאַשין, וואָס איז דורך היטלערן געלאָזט געוואָרן אין באַוועגונג. מיליאָנען מענטשן זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין די רעדערציין פון דער דאָ־זיקער מאַשין בכדי זיי זאָלן אין זיי צעריבן ווערן. אַ נייעם „סדר־

העולם״ האָבן די מערדער געשאַפֿן. ווילסטו גאָר, דו קלײנטשיק מענ־טשעלע, זיך אַקעגנשטעלן דעם דאָזיקן מעכטיקן „סדר־העולם״?

די זעלבע נאַכט נאָך איז בזשעסקי געגאַנגען אויף די עלעקטרישע דראָטן. ער האָט מער נישט געהאַט קײן גלױבן אין זיך, אַז מען קאָן דאָך גײן קעגן אָט דעם „סדר־העולם״ און ער האָט מער נישט געקאָנט לעבן אין אָט דער גרויזאַמער וועלט, וואָס האָט געהײסן: פֿאַרניכטונגס־לאַגער.

פֿון דעסטוועגן האָט זיך, אומבאַמערקט, געשפּינט אַ פֿאָדעם פֿון האַרציקער סאָלידאַריטעט, וואָס האָט נישט געהאַט קײן נאָמען און נישט קײן באַשטימטע פֿאָרעם. קײן שום „פּראָגראַם״ האָט נישט געבונדן די דאָזיקע מענטשן און בראש פֿון זײ איז קײנער נישט געשטאַנען. און דאָך...

אין פֿריען מאָרגן־גרוי, ווען מען האָט אונדז אַזוי אכזריותדיק אויפֿ־געריסן פֿון שלאָף און אונדז אַראָפּגעטריבן פֿון אונדזערע פּריטשעס און מיר זענען באָרוועסע געלאָפֿן צום בלאָק־פּלאַץ זיך צו שטעלן צום אַפּעל, אין אָט דעם מאָמענט, ווען מען האָט געצײלט די לעבעדיקע וואָס זענען געשטאַנען, און די טויטע, וואָס זענען לעבן זײ געלעגן, האָבן אין אָט דער גרויסער מאַסע זיך געפֿונען מענטשן, וואָס האָבן אָנגעהויבן זיך צו פֿילן נאָענט אײנער צום אַנדערן, ווי דורכגעדרונגען פֿון אַ געמײנזאַם געפֿיל.

דאָס לעבן אין לאַגער האָט אָנגעהויבן אַרויסווײַזן די ערשטע סימנים פֿון עפּעס אַ נײעם אינהאַלט, עס האָט אויפֿגעלויכטן אַ שוואַכע שײַן פֿון בטחון.

די פּרימאָרגנס זענען געוווען קילע. דער געדיכטער נעפּל האָט זיך געזען ברײט אַרום און האָט פֿאַרשטעלט פֿאַרן אויג די סאַמע נאָענטסטע

קאַרפּאַטן־בערג. די קעלט איז דורך די באָרוועסע פּיס אַריינגעדרונגען ביז צום מאַרך פֿון די ביינער פֿון אונדזערע האַלב־נאַקעטע לייבער. דאָס שעהען־לאַנגע שטיין אויף די אַפּעלן האָט אונדז אויסגעמאַטערט ביז גאָר און מיר האָבן אָנגעהויבן גיך צו פֿאַלן פֿון די כּוחות. אונדזער מוט איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן און פֿון דעסטוועגן האָבן זיך דאָ און דאָרטן געפֿונען מענטשן, צעזייטע אין די בלאָקן, וואָס האָבן אין האַרצן געטראָגן אַ פּייערל פֿון האָפֿענונג און פֿון אַ ווילן צום לעבן.

דאָס דאָזיקע פּייערל, דער דאָזיקער פֿאַרבאָרגענער שטראַל, וואָס האָט געלויכטן אין אונדזערע הערצער, האָט זיך געטראָגן פֿון איינעם צום אַנדערן. אויסערלעך האָט ער זיך אויסגעדריקט אין אַ שמייכל, אין אַ בליק פֿול מיט דערמוטיקונג, וואָס האָט געקוקט צו דיר מיט גוטסקייט און האַרציקייט. איינער פֿון אונדזערע בלאָקן איז געווען טרויעריק־באַרימט דערמיט וואָס דאָרטן האָט מען ביי די קאַצעטלער צוגערויבט אַ ביסן פֿון זייער ברויט, אָדער אַ לעפֿל זופּ. האָט זיך געפֿונען אַ מענטש פֿון אַן אַנדערן בלאָק, וואָס איז זיך כּלומרשט סתּם געקומען קוקן ווי אַזוי מען טיילט דאָרט פֿונאַנ־דער דאָס עסן. פֿון זיין מויל האָט זיך נישט געהערט קיין וואָרט. קיינער האָט אים נישט געשיקט אַהער, אָדער געגעבן אים אַ באַפֿעל, אַז ער זאָל אַכטונג געבן אויף דעם ווי אַזוי דאָס עסן ווערט אויסגעטיילט. די קאַצעטלער האָבן אָבער באַלד דערפֿילט, אַז עס איז דאָ אַן אויג וואָס זעט אַלץ, וואָס איז וואַכזאַם און גיט אַכטונג; די הפקרות, דאָס געפֿיל אַז דאָ הערשט לית דין ולית דיין האָט ווי אומבאַמערקטערהייט אָפּגע־טראָטן דאָס אָרט פֿאַר אַן אַנדער געפֿיל, וואָס אין לאַגער איז דאָס בכלל נישט געווען בנמצא — דאָס געפֿיל פֿון חרטה ביי די מענטשן וואָס די הפקרות און דער לית דין ולית דיין זענען געוואָרן דער איינציקער אינהאַלט פֿון זייער לאַגער־לעבן.

ביי מענטשן פֿון גוטן ווילן האָט גענומען אַריינדרינגען אַ געפֿיל פֿון חברשאַפֿט און סאָלידאַריטעט. די גרעסטע טייל פֿון זיי האָט זיך גוט געקענט נאָך פֿון פֿאַר דער מלחמה. אַלע זענען זיי דערצויגן געוואָרן אין

זייערע שטעטלעך אין פאַרשידענע ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. אָבער דאָס וואָס האָט זיי אַמאָל פאַרבונדן איז נישט געווען גענוג. דאָ האָט זיך געדאַרפט אויסשמידן אַ נייע חברשאַפט, פאַר וועלכער עס האָט זיך פאַרלאַנגט מסירת־נפש; עס האָט איצט פאַרבונדן יעדן פון זיי די גרייטקייט צו ראַטעווען דאָס לעבן פון זיין ליידנס־חבר, זיין ברודער פון בשותפותדיקן גורל.

און דעמאָלט האָט מען זיך אָנגעהויבן צו דערציילן, אַז עס זענען פאַראַן עטלעכע בלאָקן ווו מענטשן ווערן מער נישט געשלאָגן, אָדער גאָר ווייניק געשלאָגן; אַז דאָרט ווערט מען נישט באַגנבעט און באַרויבט פון דער פּאָרציע ברויט, אָדער פון דעם ביסל זופּ.

***

מיינער אַ ניצול־געוואָרענער חבר האָט מיר אַנומלט דערציילט:

„ווען איך בין געקומען אין לאַגער אַריין בין איך קוים אַלט געווען זעכצן יאָר און איך בין געווען ווי אַ יונגע קאַלב; האָב איך גלייך דעם ערשטן טאָג גענומען שרייען אויף די שוואַכע. איך בין געווען ברוטאַל.

אַ געוויסן טאָג ביסטו, יוסף, געקומען צו מיר צוזאַמען מיט יאַלעק פיינער פון בענדין, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער שרייבער־שטובע. איך האָב דיך כמעט נישט געקענט, אָבער דו האָסט אַרויפגעלייגט דיין האַנט אויף מיין אַקסל און מיך פריינטלעך אַוועקגעפירט אויף אַ שפּאַציר אין לאַגער. איר ביידע האָט מיך געפרעגט: פאַרוואָס שרייסטו אַזויפיל אויף די מענטשן? האָב איך געענטפערט, אַז איך שריי בלויז, אָבער איך שלאָג נישט קיינעם. און דו, יוסף, האָסט מיר רואיק געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס שרייען הרגעט גענוי אַזוי אַוועק די מענטשן ווי דאָס שלאָגן. איך בין אַלט געווען זעכצן יאָר און האָב דיינע ווערטער נישט

פֿאַרשטאַנען, אָבער דײַן ליבלעכקייט צו מיר האָב איך נישט בלויז פֿאַר־שטאַנען, נאָר אויך געפֿילט.

פֿון דעמאָלט אָן האָב איך מער אויף קיינעם נישט געשריגן".

***

די בלאָק־עלטסטע וואָס האָבן די ערשטע צײַט געווילדעוועט מיט זייער הפקרות און ברוטאַליטעט און זיך אַפֿילו אָפּט גערימט און שטאָל־צירט דערמיט ווער עס קאָן בעסער שלאָגן און אַפֿילו איינער דעם אַנ־דערן געוויזן אַז ער איז אַ גרעסערער אויפֿטוער אין הרגענען, אין שנעלן הרגענען, האָט זיך אַפֿילו בײַ זיי געצומען באַווײַזן אַ געפֿיל פֿון חרפּה.

האָט טאַקע געטראָפֿן אַז איינער פֿון די בלאָק־עלטסטע, וועלכער האָט געהאַט אַ שם אין לאַגער פֿאַר איינעם פֿון די גרעסטע רוצחים, האָט נאָך דעם ווי ער האָט געהאַט שטאַרק צעשלאָגן איינעם פֿון אונדז, צוגעלאָפֿן צו אונדזער גרופּע, וואָס האָט זיך צוגעקוקט צו זײַן מער־דערײַ, און זיך גענומען פֿאַרענטפֿערן מיט אומגעלומפּערטע ווערטער, אַז ער איז נישט שולדיק פֿאַרוואָס ער שלאָגט, נאָר דער קרבן זײַנער האָט נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס ער טוט דאָס; אַז ער מוז לפּנים שלאָגן.

יאָ, מען האָט גענומען צו ביסלעך זיך שעמען מיט די באַגאַנגענע רוצחישע מעשׂים אין לאַגער. די שטובענדינסטן האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּגעבן אַ חשבון, אַז מען איז מער נישט אויף הפקר. די פֿאָראַרבעטער, וואָס האָבן אין לאַגער אָנגעפֿירט מיט די אַרבעטס־בריגאַדעס, האָבן אַלץ זעלטענער אויפֿגעהויבן זייערע שטעקנס איבער די קעפּ פֿון זייערע קרבנות, בכדי צו באַמיען זיך צו ווײַזן דעם דײַטש אַז זיי זענען פֿלײַסיק אין זייער „אויפֿגאַבע"; צו געווינען זײַן צוטרוי און אַרויסמאַניען בײַ אים אַ חי־שעה. זייערע הענט האָבן זיי נאָר געביילט און געהויבן, אָבער מער נישט געשלאָגן.

אומבאַמערקט האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַקציע קעגן די שרייערס. ביי די קאַפּאָס און פאָראַרבעטער האָט געהערשט אַ מיינונג, אַז בכדי צו געפעלן די דייטשן דאַרף מען הויך שרייען אויף די אַרבעטער. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיך איבער די קעפּ פון די אָנגעמאַטערטע, אָפּגעשוואַכטע שקלאַפן־אַרבעטער געטראָגן ברוטאַלע געשרייען פון זייערע וועכטער, די קאַפּאָס אָדער פאָראַרבעטער. דאָס דאָזיקע שרייען האָט דעמאָראַלי־זירט די מענטשן נישט ווייניקער ווי די קלעפּ, וואָס זיי האָבן באַקומען און האָט ביי זיי אָפּגעשוואַכט דעם אָנשטרענג און דעם ווילן צו לעבן.

די דאָזיקע מענטשן, וואָס אַ סך פון זיי האָבן געשטאַמט פון די זעלבע שטעט און שטעטלעך וואָס די קרבנות, איז שווער געווען צו פאַרשטיין, אַז דאָס שרייען הרגעט נישט ווינציקער ווי די קלעפּ.

זיי, די פאָראַרבעטער, זענען מערסטנטייל געווען נישט קיין שלעכטע יינגלעך, וואָס האָבן אין געוויסע פאַלן אַרויסגעוויזן גוטן ווילן לגבי די קאַצעטלער, וועלכע האָבן געאַרבעט אונטער זייער באַפעל, אָבער נישט תמיד זענען זיי געווען גענוג אינטעליגענט און עמפינדלעך בכדי צו באַנעמען און אונטערשיידן וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט, וואָס איז מענטשלעך און וואָס איז שענדלעך און אַז זיי זענען אין לאַגער געפאַנגען פון דעם זעלבן אכזריותדיקן שונא.

אין לאַגער איז די גרענעץ צווישן די חיהשע אינסטינקטן און מענטשלעכער איידלקייט אָפט מאָל פאַרווישט געוואָרן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אַ מענטש האָט געקאָנט גיך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מערדער. ער האָט אָבער גלייכצייטיק נאָך געהאַט אין זיך גענוג מאָראַלישן כוח בכדי גאַנץ לייכט געשטויסן צו ווערן צו קרבנות־גרייט־קייט, צו איידעלע מעשים.

די בחירה צווישן טויט און לעבן איז געווען אַזוי נאָענט, אַז אין געוויסע מאָמענטן פון ישוב־הדעת האָט אַ ייד נישט געקאָנט פאַרשטיין

דעם זין פון „הרי אני נותן לפניך את החיים ואת המות ובחרת בחיים״. (אָט גיב איך צו דיר דאָס לעבן און דעם טויט און דו זאָלסט אויסקלויבן דאָס לעבן). אַ גוט וואָרט, אַ שמייכל, אַ פריינטלעכער אָדער פיינטלעכער בליק האָבן אָפט דעצידירט איבער דער דאָזיקער בחירה: לעבן אָדער טויט.

און עס האָבן זיך געפונען מענטשן וואָס האָבן דעם דאָזיקן טיפן אמת פאַרשטאַנען און ס׳איז גענוג געווען אַז זייערס אַ שמייכל, אַ פריינט־לעכער בליק, אַ גוט וואָרט זאָלן אַ פּאָטענציעלן מערדער שיער נישט פאַרוואַנדלען אין אַ צדיק.

***

איך שרייב די עטלעכע באַמערקונגען דערפאַר, ווייל עס זענען געווען פּראָבלעמען, וועלכע זענען פאַר געוויסע מענטשן היינט אינגאַנצן נישט פאַרשטענדלעך; פּראָבלעמען, וואָס אין נאָרמאַלע לעבנס־באַדינ־גונגען וועט זיין זייער שווער זיי צו פאַרשטיין און באַגרייפן.

עס האָט זיך ביי אונדז געשאַפן אַ מצב אין וועלכן די ביוראָ־שריי־בער אין די פאַרשידענע בלאָקן האָבן אַלץ מער באַקומען חשיבות אין די אויגן פון די בלאָק־עלטסטע און מען האָט זיך געמוזט רעכענען מיט זייערס אַ וואָרט. נאָך מער: זייער אויטאָריטעט איז אָפט מאָל אַפילו איבערגעשטיגן דעם אָנזען פון די בלאָק־עלטסטע. זייענדיק געבונדן ביודעים, אָדער בלא יודעים מיטן ליכטיקן פאָדעם פון מענטשלעכער סאָלידאַריטעט, מיטן ווילן צו העלפן, צו פאַרלייכטערן די יסורים פון די ליידנדיקע קאַצעטלער, צו וועלן אַריינברענגען אַ ביסל זון אין דעם קאָשמאַרפולן לאַגער־לעבן האָבן זיך צו אונדזער גרויסן גליק געפונען צווישן אונדז אַ שיין ביסל אַזעלכע אײדעלע יידישע לאַגער־שרייבער. אָט זענען זייערע נעמען: העניעק ערליך, אלתר בריקנער, מאָטעק ליכ־

טענשטיין, די צוויי ברידער בוכווייץ און נאָך און נאָך אַזעלכע לאַגער־שרייבער, וועמענס נעמען איך דערמאָן זיך, לײדער, נישט מער.

## פאָסטעל

צו דער זעלבער גרופּע האָבן אויך געהערט צבי דאַנציגער, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט פאַרשידענע טעכנישע אַרבעטן, די ברידער זאב און מאָניעק לאַנדנער. זיי זענען אַלע געווען קינדער פון די זאַגלעמביער שטעטלעך. מיט דער צייט האָט זיך די דאָזיקע גרופּע אַלץ מער פאַרגרעסערט. אַנדערע קאַצעטלער מיט אַ גוטן ווילן זענען צוגעשטאַנען צו זיי און אַלע האָבן זיי זיך גרופּירט אַרום פאָסטעלן, אַ לעמבערגער יונגנמאַן, וועלכן מען האָט געברענגט קיין בירקענוי פון פראַנקרייך, ווו ער האָט געלעבט פאַר דער מלחמה. פאָסטעל איז געגאַנגען זיין אייגענעם וועג און בשום־אופן נישט געוואָלט מיטגיין מיט די, וואָס האָבן געוואָלט בלייבן לעבן אויפן חשבון פון די ליידן פון זייערע גורל־ברידער. זיין אינטעליגענץ, קאָרעקטקייט און שכלדיקייט האָבן געוועקט דרך־ארץ ביי אַלעמען, אָפילו ביי די נאַצישע רוצחים.

פאָסטעל איז מיט דער צייט געוואָרן דער ליכטיקער שטראַל אין אונדזער פינצטערן לאַגער־לעבן. ער איז דערגאַנגען צו דער הויכער מדרגה פון ראַפּאָרט־שרייבער. דאָס איז געווען דער העכסטער אַמט אין לאַגער נאָך דעם לאַגער־עלטסטן. ער איז באַלד פון אָנהייב צוגעטיילט געוואָרן צום קאַראַנטין־לאַגער אַלס ראַפּאָרט־שרייבער. פאָסטעל איז

געווען אַ גוטער מענטש, אַ האַרציקער ייד און דאָס לעבן פון אַ מענטש איז פאַר אים געווען דאָס טייערסטע פון אַלץ. מיר, די קאַצעטלער, האָבן גלייך דערפילט אַז מענטשלעכקייט שטראַלט אַרויס פון אים. אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ ייד אַ צדיק און מיר האָבן זיך גענומען דערנענטערן צו אים, צו געפינען זיך אַרום אים.

מיט פאָסטעלן האָבן אין דער שרייב־שטוב געאַרבעט זיינע געהילפן וואָס זענען באַשטאַנען פון בענדינער און סאָסנאָווצער בחורים און צוזאַמען מיט אים האָבן זיי וואָס אַ מאָל מער געהאַט אַ השפעה אויף די פאַרשידענע בלאָק־עלטסטע.

פאַרשידענע מיטלען האָבן זיי אָנגעוואָנדן קעגן די שלעכטע בלאָק־עלטסטע. אַזוי צום ביישפיל האָבן זיי אַ שלעכטן בלאָק־עלטסטן נישט צוגעטיילט קיין נייע העפטלינגע, אָדער זיך באַמיט ווי ווייט מעגלעך אָפּצושטעלן דאָס צוטיילן צו זיין בלאָק פריש־אָנגעקומענע יידן. און אָן מענטשן איז אַזאַ בלאָק־עלטסטער געוואָרן אויס צעלייגער וואָס האָט נישט געהאַט איבער וועמען צו זיין דער האַר פון לעבן און טויט. אָבער נאָך וויכטיקער פון דעם איז געווען דאָס, וואָס די דאָזיקע אכזריותדיקע בלאָק־עלטסטע האָבן געוווּסט ווער עס האָט זיי דאָס אָפּגעטאָן און דער עיקר, אַז מען באַשטראָפט זיי פאַר זייערע אוממענטשלעכע מעשים.

פאָסטעל האָט פאַר יעדן מענטש געהאַט אַ גוט וואָרט, אָבער ווען עס איז נייטיק געווען האָט ער פאַר די מענטשן פון מיאוסער אויפפירונג געהאַט אויך אַ שלעכט וואָרט, זיי געזאָגט מוסר און זיי געמאַכט שאַרפע פאָרווורפן.

אַז עס איז אָנגעקומען אַ נייער טראַנספּאָרט מיט העפטלינגע איז קודם־כל געווען אונדזער חוב זיי אַריינצוגעבן אַ ביסל מוט, שאַפן ביי זיי דעם איינדרוק, אַז נישט אַלץ איז פאַר זיי פאַרלוירן און אַז מען קאָן דעם לאַגער איבערלעבן. די נאַצישע לאַגער־אויפזעער און זייערע גע־

הילפן האָבן, פאַרקערט, געהאַט אַן אויפגאַבע צו דעמאָראַליזירן די נײַ־אָנגעקומענע, זיי מאָלן אַ שוואַרץ בילד פונעם לאַגער און אַז דאָ וועט זײַן דער סוף פון אַלע קאַצעטלער. מיר אַלייך, ווען מיר זענען אָנגעקומען אין בירקענוי, האָבן מיר גלייך דערפילט דעם שרעקלעכן אײַנדרוק פון אָט דעם וויסטן „ברוך־הבא". איידער נאָך מיר האָבן רעכט אָנגעהויבן דאָס פינצטערע לאַגער־לעבן האָבן מיר געהאַט דעם אײַנדרוק אַז דער קאַמף פאַר אונדזער קיום איז דאָ אַ פאַרשפּילטער, דער ווילן צום ווידערשטאַנד איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן און אונדזער גלויבן און אמונה האָבן זיך אָפּגעטאָן פון אונדז.

האָבן מיר דעריבער איצט געשטעלט זיך פאַר אַן אויפגאַבע אויפ־צונעמען די נײַ־געקומענע מיט אַ גוט וואָרט פון דערמוטיקונג און האָפע־נונג, מיט אַ האַרציקן שמייכל, מיט אַ היימישן ווונק, וואָס זאָל שאַפן בײַ זיי אַ געפיל פון ברידערלעכקייט און משפּחהדיקייט. דאָס איז אָפּט מאָל געווען אַ שווערע אויפגאַבע, ווי מיר וועלן דאָס זען:

## מיט יידן פון רוים

מ׳האָט צו אונדז איינמאָל געבראַכט אַ גרויסן טראַנספּאָרט איטאַליע־נישע יידן, פון רוים, און מיר האָבן אַפילו נישט געקאָנט זיי זאָגן אַ טרייסט־וואָרט, ווייל מיר האָבן זיך נישט פאַרשטאַנען שפּראַכלעך. אָבער באַלד דעם ערשטן טאָג פון זייער אָנקומען אין לאַגער האָט מען די

דאָזיקע יידן מיט דער הילף פון פּאָסטעלן צוגעטיילט צו דער אַרבעט פון אויסבויען דעם לאַגער, ווו איך האָב צוזאַמען מיט צבי דאַנציגער אָנגעפירט מיט דער טעכנישער טייל פון דער אַרבעט. ווי שוין געזאָגט, האָבן די יידן פון רוים נישט פאַרשטאַנען אונדזער שפּראַך און מיר נישט זייערע. און דאָך האָט גלייך אונדז פאַרבונדן אַ געפיל פון האַרצי־קייט. אַ גאַנצן טאָג ביי דער אַרבעט, ביים גראָבן דעם האַרטן באָדן, ביים טראָגן די שווערע שטיינער האָבן די יידן פון רוים געזונגען. אַ גאַנצן טאָג אַזוי, פון פרימאָרגן ביזן אָוונט. זיי האָבן געזונגען ביי דער אַרבעט, זיי האָבן געזונגען ביים טראָגן די שווערע פעסער זופּ, זיי האָבן געזונגען שוין ליגנדיק ביינאַכט אויף זייערע האַרטע פּריטשעס.

און אַזוי זינגענדיק זענען זיי ביסלעכווייז אויסגעגאַנגען.

מיר האָבן אַלץ געטאָן בכדי ווי ווייט מעגלעך זיי צו פאַרלייכטערן דאָס לעבן; מיר האָבן זיי אַרומגערינגלט מיט אַן אַטמאָספערע פון ברי־דערלעכער האַרציקייט; מיר האָבן זיך באַמיט לייכטער צו מאַכן זייער שווערע אַרבעט, פאַרבעסערן זייער ווינגען אין בלאָק, זייער עסן, זייער שלאָפן. אָבער די רעזולטאַטן זענען נישט געווען אַזוי ווי מיר האָבן זיך געווונטשן. דער ייד פון רוים האָט נישט געהאַט קיין ווידערשטאַנד־קראַפט בכדי לאַנג אויסצוהאַלטן דאָס שווערע לאַגער־לעבן. איך וויל דאָ צוגעבן, אַז ווען מיר פלעגן הערן די יידן פון רוים זינגען איז עס געווען פאַר אונדז אַ געוויסע סאַטיספאַקציע, ווייל מיר האָבן באַנומען אַז זייער זינגען איז אַ פועל־יוצא פון אונדזער דערמוטיקן זיי און וועקן ביי זיי אַ געוויסע האָפענונג. עס פלעגט טרעפן אַז בעת דער אַרבעט און אין מיטן זינגען איז איינער פון זיי אַוועקגעפאַלן. מיר זענען געלאָפן שנעל צו דעם אָרט. מיר האָבן געוווסט אַז מיר וועלן דעם ייד נישט קאָנען העלפן. מיר האָבן אָבער געוואָלט, אַז איידער עס גייט אויס זיין לעצטער אָטעם זאָל ער פילן אונדזער צוגעבונדנקייט און ברידערלעכ־קייט צו אים.

# מײַן געשלעג מיט אַ בלאָק־עלטסטן

אין דער דאָזיקער אַטמאָספערע פון קאַראַנטין־לאַגער איז נאָך צוגעקומען אין די לעצטע וואָכן פון יאָר 1943 די מגפה, וואָס האָט געבושעוועט צווישן אונדז. עס זענען געווען שרעקלעכע סעלעקציעס צו די קרעמאַטאָריעס.

מיר האָבן שוין פריער געהאַט דורכגעלעבט גאָר טראַגישע מאָמענטן ווען מען האָט ערב יום־כיפור געפירט דורך דעם וועג וואָס האָט זיך געצויגן לעבן לאַגער הונדערטער נאַקעטע פרויען צום פאַרברענען.

אַ סך פון אונדזערע נאָענטע האָבן צווישן די פרויען דערזען זייערע אייגענע פרויען אָדער שוועסטער. אַזוי ברוטאַל און אכזריותדיק איז אַוועקגענומען געוואָרן פון זיי זייער לעצטע האָפענונג. אָבער יעדער האָט זיך באַמיט צו טרייסטן דעם שווער־געטראָפענעם דורך אַרויסווייזן אים געפילן פון מיטלייד און האַרציקע חברשאַפט. ביי אַ סך פון אונדז האָבן די דאָזיקע געפילן ממש געהאָלפן דערהאַלטן דאָס חיות.

איך בין נישט געבוירן און נישט דערצויגן געוואָרן אין זאַגלעמביע און דאָך האָב איך זיך געפילט ווי איינער פון יענע יידישע קהילות. ווען איך האָב געזוכט די סיבה פון דאָזיקן געפיל האָב איך זי געפונען אין גאַנץ באַשטימטע מאָמענטן פון מײַן לאַגער־לעבן.

געווען איז דאָס אין די לעצטע סעפּטעמבער־טעג. מיר זענען גע־שטאַנען אויסגעשטעלט צו דעם פרימאָרגן־אַפּעל, צו צוויי בלאָקן אויף

אין פעלד, איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן. אַנטקעגן אונדז איז געשטאַנען דער פערצנטער בלאָק, וואָס האָט געהאַט אַ דיקן אָנגעפּרעסענעם בלאָק־עלטסטן; אָנגעטאָן איז ער געווען ווי אַ גראַף, אין פיינע הויכע אָפיצירן־שטיוול, פּרעכטיקע רייט־הויזן און אין אַן עלעגאַנטער קורטקע. ער האָט מיטאַמאָל גענומען מערדערלעך שלאָגן דעם יינגסטן העפטלינג פון זיין בלאָק און ווען דער פאָטער פון דעם קינד, וואָס איז לעבן אים געשטאַנען, האָט געמאַכט אַ לייכטע באַוועגונג בכדי צו שיצן זיין זון קעגן די קלעפּ, האָט זיך דער שלעגער געוואָרפן אויך אויף דעם טאַטן מיט זיינע פויסטן. אין דעם מאָמענט האָב איך פון מיין אָרט אויסגעשריגן: „זעט נאָר דעם גיבור, וואָס כאַפּט זיך שלאָגן קינדער אָדער אַלטע".

דער שלעגער האָט גלייך אָפּגעלאָזט זיינע קרבנות בכדי זיך צו נעמען צו מיר. מיט חוצפּה און כעס האָט ער אויסגערופן אין מיין ריכ־טונג: „וועל איך דיר ווייזן ווי אַזוי איך שלאָג יונגע". איך האָב אים געענטפערט: „אויב דו ווילסט זיך מיט מיר שלאָגן טאָ וואַרף אַוועק דיין רויטן באַנד פון בלאָק־עלטסטן, וואָס דו טראָגסט אויפן אָרעם".

אין דער רגע איז אויף דעם פעלד צוגעקומען דער לאַגער־עלטסטער און זעענדיק ווי דער בלאָק־עלטסטער איז נישט אַנטשלאָסן אַראָפּצונעמען זיין באַנד פון אָרעם האָט ער אים אַ פרעג געטאָן מיט אַ ציניש שמייכל: „האָסט אפשר מורא?".

דאָס איז גענוג געווען אַז דער בלאָק־עלטסטער זאָל מיט כעס אַוועקוואַרפן דעם אָפּצייכן פון זיין פונקציע און זיך וואַרפן אויף מיר ווי אַ ווילדע חיה.

ער איז געווען אַ סך גרעסער פון מיר און צוויי מאָל אַזוי דיק, אָבער דער ספּאָרט־פּאַרמעסט האָט נישט לאַנג געדויערט. נאָך עטלעכע קלעפּ וואָס איך האָב אים דערלאַנגט האָט מען אים אַראָפּגענומען פון אַפּעל־פעלד אין קראַנקן־הויז אַריין בכדי אים צו באַנדאַזשירן זיין צעבלוטיקט פּנים.

יאָ, ספּאָרט איז געפּעלן דעם לאַגער־עלטסטן און די אַנדערע לאַגער־הערשער. אָבער נאָך דעם געשלעג, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ זיג פון דודן קעגן גליתן, איז פאַרבליבן דער נישט־געוויינלעכער פאַקט, אַז אַ פּשוטער העפטלינג האָט געשלאָגן אַ בלאָק־עלטסטן און מען האָט זיך געריכט אַז ער וועט דערפאַר באַשטראָפט ווערן. אוודאי האָבן זיי מיך ביינאַכט געקאָנט אַראָפּשלעפּן פון מיין פּריטשע און מיך גאַנץ פּשוט דערווערגן. אָבער זיי האָבן דאָס נישט געטאָן, ווייל זיי האָבן געוואָלט אַז דער גאַנצער לאַגער זאָל וויסן אַז עס הערשט אָרדענונג און אַז אין אָט דער אָרדענונג איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר מענטשן, וואָס פאַרמעסטן זיך מיט כוח קעגן דער היעראַרכיע פון לאַגער.

און אַזוי האָט פאַר מיר זיך אָנגעהויבן אַ פּעריאָד פון סיסטעמאַטישן באַשטראָפט ווערן. יעדן טאָג האָט מען אויסגערופן מיין נאָמען. אויף דעם גרויסן לאַגער־פּעלד האָב איך אַליין געמוזט ציילן צוויי מאָל צו פופציק שמיץ, וואָס די רוצחים האָבן מיר דערלאַנגט. ווען איך בין געפאַלן אין חלשות און כ׳האָב אויפגעהערט צו ציילן האָט מען אויף מיר געגאָסן וואַסער ביז איך בין געקומען צו זיך און כ׳האָב אויפסניי אָנגעהויבן צו ציילן די שמיץ.

נאָכן פאַרענדיקן די דאָזיקע שטראָף האָט מען מיך אַוועקגעטראָגן פון פּעלד און איך בין געבליבן ליגן שעהען־לאַנג אין אַ באַוווסטלאָזן צושטאַנד. ווען איך האָב זיך עטלעכע שעה שפּעטער אויפגעוועקט פון האַלב־טויטן צושטאַנד זענען געשטאַנען איבער מיר די קאַצעטלער פון זאַגלעמביע. די אויגן פון אלתר בריקנער זענען געווען פאַרווײנט און די אויגן פון מאָטעק ליכטענשטיין האָבן אויסגעדריקט פרייד צוליבן זען מיך ווידער עטעמען. העניעק ערליך איז געווען ערנסט, ער האָט שוין געקלערט וועגן די מאָרגנדיקע שמיץ וואָס איך וועל ווידער באַקומען.

יעדע רגע איז אַן אַנדערער געקומען צו לויפן מיר אַרויסוויַיזן געפילן פון ברידערלעכקייט און האַרציקייט, וואָס דאָס האָט אין מיר

אַריינגעהויכט אַ נייעם לעבנס־אָטעם און אַ געשטאַרקטן כוח און ווילן אויסצוהאַלטן. דאָס זענען געווען געפילן וואָס פאַרגעסן זיך נישט. כמעט יעדער פון אונדז האָט געהאַט מאָמענטן פון שווערע איבערלעבונגען, פון יאוש און פאַרצווייפלונג, און דעמאָלט האָט דאָס ליכט פון פריינטשאַפט אויפגעלויכטן פאַר זיינע אויגן און אים אָנגעפילט מיט בטחון און לעבנס־ווילן.

## די הילף פאַר מיר איז געקומען פון טיפוס...

אין איינעם אַ רעגנדיקן אָקטאָבער־טאָג פון יאָר 1943 איז געפאַלן ווי אַ דונער פון הימל אַ באַפעל פון אַן אַלגעמיינער „קאַראַנטין־שפּערע" פאַרן גאַנצן לאַגער. אַלע, דאָס הייסט בערך צען טויזנט העפטלינגע, זענען גלייך איינגעשלאָסן געוואָרן אין די זעכצן בלאָקן. עס זענען בלויז געבליבן אין דרויסן עטלעכע צענדליק מענטשן, וועלכע האָבן אונטער אַ גאָר שטאַרקער וואַך אַרומגעצוימט דעם לעצטן בלאָק נומער זעכצן מיט אַ גאַנצער רייע שטעכל־דראָטן. אַ טאָוול אויף דעם שמאָלן איינגאַנג דורך די שטעכל־דראָטן האָט אָנגעוויזן מיט אומגעלומפּערט־אויפגעשריבענע ווערטער אויף דער דייטשער בהלה, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין די צוויי ווערטער: „טיפוס־בלאָק".

עס האָבן עקזיסטירט צוויי מאָמענטן וואָס האָבן די עס־עס־מערדער אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט און זיי אַריינגעטריבן אין אַ געוואַלדיקער בהלה: דער טיפוס און די לופט־באָמבאַרדירונגען.

ווערן דעם צווייטן מאָמענט האָבן מיר געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו דערוויסן שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך געפֿונען אין אַן אַנדערן לאַגער. אָבער אין יענעם אָקטאָבער־טאָג ווען וועלכן עס גייט אַ רייד, האָבן מיר געהאַט אַ געלעגנהייט צום ערשטן מאָל צו זען די עס־עס־לייט אין זייער טיפּוס־פּחד.

דורך דעם ברייט־אויפגעפּראַלטן טויער פֿון קאַראַנטין־לאַגער האָט געמומען ציען אַ לאַנגע קייט פֿון טויטע און האַלב־טויטע מענטשן. די האַלב־טויטע האָבן געטראָגן און געשלעפּט די טויטע. אַרום דער דאָזי־קער קייט פֿון טויטע און האַלב־טויטע זענען, האַלטנדיק זיך פֿון דער ווייטנס, געגאַנגען די דייטשע אויפזעער, טראָגנדיק לייכטע מאַשין־געווערן. זיי, די עס־עס־לייט, האָבן געטראָגן אויף זייערע פּרצופֿים גאַז־מאַסקעס און זייערע מונדירן זענען געווען באַדעקט מיט ווייסע בגדים פֿון גאַז־שוץ.

פֿאַרשפּאַרטע אין אונדזערע בלאָקן, האָבן מיר זיך דורך די שפּאַרעס צוגעקוקט צו דעם דאָזיקן „מאַרש פֿון די טויטע". מיר האָבן שוין גע־וווּסט, אַז דאָס זענען טיפּוס־קראַנקע מענטשן, אָבער מיר האָבן נישט געוווּסט ווער זיי זענען און פֿון וואַנען זיי קומען.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און אַלץ האָט זיך פֿאַר אונדז אויפֿ־געקלערט. אַן עס־עס־אָפֿיציר, נישט פֿון אונדזער לאַגער, האָט, נאָך דעם ווי די מאַסע ניי־אָנגעקומענע איז איינגעשלאָסן געוואָרן אין דעם קאַ־ראַנטין־בלאָק, געמומען אויסשרייען איבער דעם לאַגער אַ באַפֿעל, אַז אויב ס'איז דאָ עמעצער וואָס קען רוסיש זאָל ער זיך מעלדן פֿרייוויליק זיך איינצושליסן אין „טיפּוס־בלאָק".

פֿאַר מיר איז דאָס דעמאָלט געווען ווי אַ ישועה. איך האָב זיך גראָד געפֿונען אין דעם ביטערן צושטאַנד פֿון אַ „שטראָף־העפֿטלינג" און עס האָט מיר געדראָט, נאָך דעם ווי איך האָב צעבלוטיקט דעם בלאָק־

עלטסטן, דערהרגעט צו ווערן און יעדן טאָג האָט מען מיך געהרגעט צו ביסלעך. דערביי האָבן די עס־עס־לייט פון דער ווייטנס זיך צוגעקוקט, ווי דאָס וואָלט כלומרשט נישט געווען זייער עסק.

דער לאַגער־עלטסטער און די מערדערישע בלאָק־עלטסטע האָבן נישט געגלויבט זייערע אויגן און אויערן ווען מען האָט אויסגערופן: „דער פערמעסער אַנטרעטען!" פערמעסער האָט געמיינט געאָמעטער. דאָס איז געווען מיין פאַך אין לאַגער. איך האָב זיך באַוויזן אויף דער שוועל פון מיין בלאָק און כ'האָב גענומען זיך ראַטשקען אויף די פיס און הענט צו דעם אָרט ווו די רוצחים האָבן געוואַרט אויף מיר מיט די שטעקנס אין די הענט. זיי האָבן פשוט נישט געגלויבט אַז איך בין נאָך לעבעדיק. האָבן זיי מיך גענומען אַריינוואַרפן אין דעם קאַנאַל פונעם אָפּטריט. איך בין יעדן טאָג נאָך די קלעפּ פון די שטעקנס אַריינגעפאַלן אין אַ צושטאַנד פון באַוווסטלאָזיקייט און ווען מען האָט מיך אַריינגעוואָרפן אין דעם אָפּטריט־קאַנאַל האָבן זיך געפונען פריינט מיינע, קאַצעטלער, וואָס האָבן מיך פון דאָרט אַרויסגעצויגן, מיך גערייניקט און געגעבן מיך פנים אַ מענטשלעכן אויסזען.

⁂

איך שרייב די דאָזיקע שורות לאַנגע יאָרן נאָך דעם ווי דאָס האָט פּאַסירט. איך דערמאָן זיך ווי אלתר בריקנער, מיין איבערגעגעבענער לאַגער־פריינט, זעענדיק מיך אין מיין שוידערלעכן מצב, האָט געוויינט ווי אַ קליין קינד. אלתר האָט איבערגעלעבט דעם לאַגער און ער וווינט איצט אין ישראל און שעפּט נחת פון אונדזער מדינה און פון זיין ליבער משפחה. אָבער דעמאָלט, מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק, אין בירקענוי, האָט ער געוויינט צוליב מיינע ליידן. יעדעס מאָל ווען איך האָב זיך אויפגעוועקט פון מיין באַוווסטלאָזן צושטאַנד האָב איך גלייך דערשפּירט זיינע הייסע טרערן אויף מיין פנים, ווי דעם סימן פון לעבן.

אלתרן האָב איך געזען וויינען איבער מיר און איך האָב אים געזען וויינען אין יענעם ערב יום־כיפור פון זעלבן יאָר ווען מען האָט געפירט די פרויען אין קרעמאַטאָריע אַריין, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען זיין פרוי. דאָס זענען טרערן וואָס מען פילט אויף זיך דאָס גאַנצע לעבן.

## אָפּגעראַטעוועט הונדערטער רוסן

איך האָב זיך געמאָלדן פרייוויליק צו גיין אין טיפוס־בלאָק. איך האָב אויפגעהערט צו זיין דער שטראָף־העפטלינג. פאַרשטייט זיך, אַז די רוצחים האָבן נישט געהאַט קיין חשק צו דערנענטערן זיך צו אַ מענטש פון אַ טיפוס־בלאָק. זיי האָבן אָבער נישט געוווסט מיין סוד, אַז מיט אַ קנאַפּ יאָר צוריק בין איך אַנטלאָפן פון יאַנאָווער לאַגער אין לעמבערג אין סאַמע קריזיס פון מיין טיפוס־קראַנקהייט, דאָס הייסט, אַז די דאָזיקע קראַנקהייט האָט נישט מער קיין שליטה אויף מיר.

אין דעם בלאָק זענען איצט געווען אָנגעפּראָפּט ביי אַכט הונדערט רוסן. מען האָט זיי געברענגט פון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דער געגנט פון וויטעבסק. ווען די סאָוויעטישע אַרמיי האָט אָנגעהויבן פאַרטרייבן די דייטשע אַרמייען פון רוסלאַנד האָבן די עס־עס־הערשער פון דאָרטיקן לאַגער באַשלאָסן מיטצונעמען מיט זיך די געפאַנגענע סאָוויעטישע בירגער. זיי האָבן דערביי געהאַט אַ פּשוטן חשבון: איבערלאָזן

די געפאַנגענע וואָלט געהייסן אַז זיי ווערן „אַרבעטסלאַז" און במילא דראַט זיי צו ווערן אַריינגעצויגן אין דער אַרמיי און געשיקט ווערן אויפן אָסט־פראָנט. און פאַר דעם האָבן זיי מער מורא געהאַט ווי פאַרן טיפוס. קעגן דער טיפוס־קראַנקהייט האָבן זיי זיך נאָך געקאָנט שיצן: אַרויפ־לייגן אויף זייערע פנימער מאַסקעס און אויף זייערע מונדירן בגדים קעגן גאַז און קעגן אַלע אָנשטעקנדיקע קראַנקהייטן. האָבן די עס־עס־לייט, וואָס האָבן געדאַרפט פאַרלאָזן דעם לאַגער אין דער וויטעבסקער געגנט, איינגעשלאָסן די קראַנקע צוזאַמען מיט די טויטע אין פאַרמאַכטע וואַ־גאָנען און געשלעפט זיי פון וויטעבסק איבער דעם גאַנצן געביט פון פוילן ביז קיין אוישוויץ. צוליב די וואַגאָנען מיט געפאַנגענע וואָס זיי האָבן מיטגעפירט מיט זיך זענען די עס־עס־הערשער געבליבן אין אוישוויץ און אַזוי אַרום האָבן זיי אויסגעמיטן דעם פראָנט.

אָבער די אַכט הונדערט רוסן, וואָס זיי האָבן מיטגעשלעפט מיט זיך, בכדי דורך זיי צו ראַטעווען זייער פעל, זענען אַלע געפאַלן אויף מיין קאָפּ, ווייל מיט זיי, די אַכט הונדערט קראַנקע און טויטע, האָב איך איינער אַליין זיך געדאַרפט געפונען אין בלאָק. אמת, עס זענען געווען עטלעכע, וואָס זענען שוין געווען נאָך דער קראַנקהייט, זיי זענען אָבער געווען אָפּגעשוואַכט און דאָך האָבן זיי מיר גלייך די ערשטע נאַכט געהאָלפן אַרויסטראָגן די טויטע. צומאָרגנס, ווען די קאַראַנטין־לאַסט־אויטאָס זענען צוגעפאָרן אויף יענער זייט דראָטן בכדי אויפצולאָדן די טויטע האָבן מיר אַרויפגעטראָגן אויף זיי עטלעכע אַכציק מתים.

די אַרבעט איז געווען אומבאַשרייבלעך. מען האָט פריער פון דרויסן געברענגט און געשטעלט אויף יענער זייט דראָטן פעסער מיט וואַסער און איך מיט עטלעכע געהילפן זענען מיר געשטאַנען טאָג און נאַכט און געוואַשן די לעבעדיקע און די טויטע. שוין דעם דריטן פרימאָרגן האָבן מיר אַזוי אויפגעלאָדן אויף די לאַסט־אויטאָס ריינע, געוואַשענע מתים.

אומפאַרגעסלעך איז די רגע ווען מיר האָבן ס'ערשטע מאָל געשאַפן אין פאַרשפאַרטן קאַראַנטין־בלאָק אַ „סאָוויעט", דאָס הייסט, אַ מין קאָ־

מיטעט וואָס האָט זיך געזאָלט באַשעפטיקן מיטן גערעכטן פאַרטיילן דאָס עסן, מיטן צורעכט מאַכן די געלעגערס פאַר די קראַנקע און פאַר די „קאָנוואַלעסצענטן״ און מיר האָבן באַשלאָסן אַז די טויטע זאָלן געוואַשן ווערן איידער זיי ווערן אויפגעלאָדן צו זייער לעצטן וועג.

איך בין אין דעם טיפוס־בלאָק געווען פאַרשפאַרט קנאַפע פיר וואָכן. אַ סך פון די רוסן זענען געוואָרן מיינע בעסטע פריינט. אַלע מחיצות פון אָפשטאַם און וועלט־באַנעם זענען דאָ אָפּגעווישט געוואָרן, איבערגע־וויגן האָט איבער אַלץ דאָס מענטשלעכע האַרץ. איך האָב דאָרט אויך ליב באַקומען דעם רוסישן מענטש.

## ביינאַכטיקע באַזוכן אין טיפוס־בלאָק

אין אָט דעם פיינלעכן עפּיזאָד פון מיין לאַגער־לעבן פאַרגעדענקען זיך מיר באַזונדערס צוויי מענטשן:

דער ערשטער האָט געהייסן מאָטעק ליכטענשטיין, וועלכן איך האָב שוין דערמאָנט. דאָס איז געווען אַ בחור פון בענדין, וועלכער האָט פון דער ערשטער רגע פון זיין אריינקומען אין לאַגער ביז דער לעצטער רגע פון זיין באַפרייט ווערן געטראָגן אין זיך אַן אָפּטימיזם וואָס איז נישט געווען צו באַנעמען מיטן פּשוטן שכל. בעת יעדער דערשיטערנ־דיקער געשעעניש איז ער נישט אַריינגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג און נאָך געגלויבט און געהאָפט. בעת אַ סעלעקציע, ווען ער האָט געזען מענטשן

אָוועקפירן צום טויט, האָט ער אויסגערופן און אַפילו מיט אַ נקמה־געלעכטער (ווייל מאָטעק ליכטענשטיין האָט אָפט געלאַכט, יאָ, געלאַכט אין אונדזערע שווערע לאַגער־באַדינגונגען): וואַרט! וואַרט! מען וועט זיי באַלד באַגראָבן, באַלד וועלן מיר אַליין נאָך דערלעבן צו זען די מפּלה פון די דייטשע הינט! מיר וועלן זיי איבערלעבן! דאָס זענען אויך גע־ווען זיינע געזעגענונגס־ווערטער צו די וואָס די לאַסט־אויטאָס האָבן זיי אָוועקגעפירט צו די קרעמאַטאָריעס.

מאָטעק ליכטענשטיין איז געקומען אין בירקענוי־לאַגער איין טאָג פאַר מיר. ער טראָגט דעם נומער 132000 און איך דעם נומער 133749. מיר זענען אַנדערטהאַלבן יאָר געווען צוזאַמען ביז צום לעצטן טאָג פון טויטן־מאַרש אין יאַנואַר 1945, נאָך דער עוואַקואַציע פון אוישוויץ. אונדזער פריינטשאַפט שטאַמט פון דעם טאָג ווען איך בין איינגעשפּאַרט געוואָרן אין דעם טיפוס־בלאָק.

איינמאָל, אין אַ נאַכט, ווען דער לאַגער איז שוין געשלאָפן, און ווען בלויז אין דרויסן האָבן זיך נאָך געהערט די פרעכע געלעכטערס און געשרייען פון די עס־עס־וועכטער אויף די אַרומיקע וואַכטורעמס, איבער־געריסן פון צייט צו צייט דורך איזאָלירטע שאָסן, האָב איך דערהערט פון דרויסן אַ קול, וואָס האָט גערופן מיין נאָמען.

פאַר דעם שטעכעדיקן דראָט־טויער איז געשטאַנען מאָטעק ליכ־טענשטיין.

איך האָב אים פּראָבירט איבערצייגן אין דער געפאַר צו קומען אין טיפוס־בלאָק, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. זיין ענטפער איז ווי געוויינלעך געווען אַ געלעכטער. ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון די דייטשן און ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון דעם טיפוס. „מען האָט זיי אין דר'ערד!" איז געווען זיין ענטפער, און שוין איז ער געזעסן אויף מיין פּריטשע און גערעדט וועגן אַלע גוטע זאַכן, אויף וועלכע ער האָט געהאָפט צו דערלעבן. איך האָב אים געמוזט איינשטילן בכדי ער זאָל

נישט איבעררײַסן דעם שלאָף פֿון די אָפּגעשוואַכטע, וואָס זענען שוין געהאַט איבערגעקומען דעם טיפֿוס. אין די פֿינצטערע נעכט האָט מיר טאָקע מאַטעק געבראַנגט אַ ליכט פֿון האָפֿענונג.

דער צווייטער וואָס איז געקומען צו מיר אין טיפֿוס־בלאָק איז פֿאַר מיר געווען צו יענער צייט אומבאַקאַנט.

פֿאַסטעל, דער לאַגער־שרײַבער, וועגן וועלכן איך האָב שוין גע־שריבן האָט געבראַנגט אין אונדזער לאַגער זײַנעם אַ חבר: איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט זײַן נאָמען: מרדכי סטעג, אַ ייִד וואָס האָט גערעדט אַן אונגאַרישן ייִדיש, דורכגעפֿלאָכטן מיט דברי תּורה. גענוי ווי דאָס איז געווען מיט מאַטעק ליכטענשטיין, האָב איך געהערט אין איינער אַ נאַכט אַ קול, וואָס האָט מיך גערופֿן פֿון דרויסן. באַלד איז אויף מײַן פּריטשע געזעסן אַ וואַרעמער ייִד. מאַטעק פֿלעגט קומען צו מיר אין די פֿרײַע אָוונט־שעהען, דאַקעגן מרדכי סטעג האָט געהאַט די געוווינהייט צו קומען צו מיר שפּעט און צו בלײַבן זייער לאַנג. ער האָט ווי זײַן שטייגער גערעדט מיט תּורה־ווערטער און וועגן חסידות. מיר האָבן אויסגעדריקט עטלעכע געדאַנקען, אַרויסגעבראַנגט בשותּפֿותדיקע מיינונגען וועגן ייִדישקייט, וועגן ייִדישער עטיק און חסידות. די נאַכט־שעהען אין טיפֿוס־בלאָק וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט מיט סטעגן, וועמענס פּערזענלעכקייט האָט זיך פֿאַר מיר וואָס אַמאָל מער אַנטפּלעקט, זענען געווען פֿאַר מיר אַ שטאַרקע גייסטיקע איבערלעבונג. די דאָזיקע שעהען, ווען איך בין געלעגן אויף מײַן פּריטשע, האָבן מיך צוריק אָוועקגעפֿירט אויף דער באַנק פֿון בית־מדרש ווו כ׳האָב געשעפּט פֿונעם קוואַל פֿון ייִדישקייט.

## סעלעקציעס

די סעלעקציעס פון די לעצטע צוויי חדשים פון יאָר 1943 האָבן אונטערגעהאַקט אונדזערע פיס. יעדע פּאָר טעג האָט זיך איבער דעם לאַגער געטראָגן דער אויסגעשריי: „אַלע יודען אַנטרעטען!"

באַלד האָט זיך אויף די בלאָק־פעלדער באַוויזן דער עס־עס־דאָקטער פון לאַגער. ער איז פאַרבייגעגאַנגען די אויסגעשטעלטע נאַקעטע מענטשן בכדי אויסצוקלויבן זיינע קרבנות פאַרן קרעמאַטאָריע־אויוון.

מענטשן וואָס זענען דיר נאָענט און ליב זענען אין איין אויגנבליק אַוועקגעריסן געוואָרן פון דיר. אָט האָסטו געערעדט מיט אַ חבר, מיט אים צוזאָמען געגעסן, געטיילט דעם אָרעמען ביסן, געשלאָפן אויף איין געלעגער, געטיילט דאָס זעלבע ברעט, געקענט זיינע ליידן און פריידן, מער ליידן, נאַטירלעך, ווי פריידן, ביסט אַריינגעדרונגען מיט האַרציקייט אין זיין אינטימער וועלט, און שוין האָסטו געזען פאַרלאָדן אים אויף דעם לאַסט־אויטאָ, מען האָט אים אַוועקגעפירט פון דיר און מער וועסטו אים שוין נישט אָנזען אין דיינע דלד אמות.

מיר האָבן זיך געפילט אָנמעכטיק אין אָנבליק פון דער דאָזיקער מגפה וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער אונדז און געשניטן אומברח־

מנותדיק אונדזערע רײען. מיר האָבן זיך צוגעקוקט ווי מען נעמט אַוועק פון אונדז אונדזערע נאָענטע און מיר האָבן זיי מיט גאָרנישט נישט געקאָנט העלפן. מיר האָבן נישט געקאָנט אַפילו פועלן ביי אונדז צו שענקען זיי אַ לעצטן שמייכל. ניין! מיר האָבן זיי נישט געקאָנט קוקן אין די אויגן אַרײַן, ווייל עס האָט זיך אונדז געדאַכט, אַז מיר וועלן זיי נאָך דערמיט ווײ טאָן און פאַרשעמען. אונדז אַליין האָט דאָך דערוואַרט צו גיין אויף דעם זעלבן לעצטן וועג.

דאָס האָט פאָסירט אין לעצטן טאָג פון חודש יאַנואַר 1944. איבערן גאַנצן לאַגער האָט אָפּגעהילכט דער באַפעל: „אַלע יודען אַנטרעטען!". באַלד האָט מען אונדז אַלע, עטלעכע הונדערט מענער, אַרײַנגעטריבן אין דעם טרויעריק־באַרימטן דריטן בלאָק. פון דאָרט האָט דער וועג גלייך געפירט אין גאַז־קאַמער.

## דער דריטער בלאָק

אין אַ טריבן נאָוועמבער־טאָג האָט מען צווישן די זעכצן בלאָקן אויסגעקליבן דעם בלאָק נומער 3 אויף צו זיין דאָס פּאָדערהויז פון דער גאַז־קאַמער. צו דעם צוועק האָט מען אים אויסגעליידיקט פון די געפאַנגענע וואָס האָבן זיך אין אים געפונען.

צומאָרגנס אינדערפרי, נאָכן אַפּעל, האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן איבערן לאַגער דער אויסגעשריי: „אַלע יודען אַנטרעטען!". מיר האָבן

שוין דעם אויסגעשריי געקאָנט פון דער פריערדיקער סעלעקציע. מיר האָבן אין דאָזיקן פרימאָרגן געפילט אַז עס הייבט זיך פאַר אונדז אָן אַ גאָר שווערער מאָמענט.

עס האָט זיך כמעט ביי אַלע געפאַנגענע אַנטוויקלט אַ באַזונדערער חוש פאַרן פאָרפילן דעם טויט. מען האָט אים געזען קומען דורך דעם געשאָרך פון מאָגערן גראָז אויפן פעלד; דורך דעם הילכיקן געלעכטער פון די עס־עס־וועכטער אויף די וואַכטורעמס; דורך די קלאַנגען וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דעם קיך־באַראַק, פון וואַנען ס׳איז געקומען דער רוף אָפּצונעמען פאַר די בלאָקן דאָס ביסל שיטערע זופּ; דורך דעם קול פון דעם לאַגער־עלטסטן און אויך אין דעם געשריי פון די שוואַרצע פייגל וואָס האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן איבער אונדזערע קעפּ אונטערן לאַגער־הימל.

דער חוש וואָס האָט פאָרגעפילט דעם טויט, האָט זיך אויך אויס־געדריקט אין דעם וואָס מען האָט דעם טויט געזען ביים צווייטן, ביים שכן, ביי דעם, וואָס איז געשטאַנען קעגנאיבער דיר, אויף דער אַנדערער זייט; מען האָט אים אַראָפּגעלייענט פון יענעמס פּנים, פון די שוואַרצ־אַפּלען אַרויס. מען האָט אים אַנטפּלעקט אין די קנייטשן פונעם שטערן פון די וואָס זענען געשטאַנען לעבן דיר, אָדער מען האָט אים באַמערקט אין די, וואָס זענען נאָר־וואָס געקומען אין לאַגער אַריין און מיט וועלכע מען האָט ערשט אויסגעטוישט די ערשטע פּאָר ווערטער.

אַנדערע האָבן געטראָגן דעם טויט אין זיך, זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון וועגן זייער שותפות מיט אים. אָבער סיי די און סיי יענע האָבן זיך נישט טועה געווען אין זייער פאָראַנונג און אין זייער שפּירן. נישט מער, די, וואָס האָבן דעם טויט נישט געזען אויף זייער אייגענעם פּנים, האָבן אים געזען ביי יענעם, ביי דעם, וואָס איז געשטאַנען נאָענט פון זיי. אַזוי אַרום איז איינער געווען דעם צווייטנס שפּיגל, דער שפּיגל פון טויט. זיי האָבן זיך נישט טועה געווען, ווייל זיי האָבן געפילט אַז עס

איז נישטאָ קײן רעטונג, אַז דאָס איז פֿאַר זײ אַ לעצטער ענדגילטיקער אורטײל.

אין די נאָוועמבער־טעג פֿון יאָר 1943 האָט דער דריטער בלאָק אין אונדזער קאַראַנטין־לאַגער געדינט פֿאַרן פּאָדערהויז פֿון דער גאַז־קאַמער. זײענדיק אײַנגעשלאָסן אין דעם בלאָק אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט זענען די געפֿאַנגענע נאָך געגאַנגען אויף זײערע אײגענע פֿיס, שפּעטער שוין האָבן די לאַסט־אויטאָס זײ געפֿירט עטלעכע צענדליק אָדער הונ־דערט מעטער צום פֿײַער. זײ זענען געגאַנגען אָן געוויין, אָן אַ געשרײ. זײ האָבן אַפֿילו פֿון צײַט צו צײַט צו דיר געשיקט אַ בליק, אָדער אַרויס־גערעדט אַ וואָרט, וואָס האָט אפֿשר געדאַרפֿט זײַן אַ לעצטער גרוס צו זײערע נאָענטע, ווײַל זײ האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון אַז אין דריטן בלאָק האָבן זײ שוין נישט קײן רשות איבער זײער לעבן.

ווען מיר האָבן אין קילן פֿרימאָרגן דערהערט דעם גערויש פֿון די מאָטאָרן פֿון די שווערע לאַסט־אויטאָס, וואָס האָבן זיך דערנענטערט צו אונדזער בלאָק נומער 3, איז שוין בײַ קײנעם נישט געווען קײן שום ספֿק. זײ קומען אונדז אָוועקפֿירן אין דער קרעמאַטאָריע. דאָס איז שוין געווען אַ זיכערע זאַך, וואָס קײנער האָט נישט דערוואַרט אַז דאָס קאָן געענדערט ווערן.

לאַנגע וואָכן האָבן מיר, דאָס הײסט די, וואָס זענען נאָך נישט געווען באַשטימט פֿאַר דער קרעמאַטאָריע, געוואַרט פֿון דער ווײַטנס אויף אונדזער באַשטימטן גורל, געוואַרט אין די בלאָקן אויף די פֿריטשעס פֿון אונדזערע געלעגערס. מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון וואָס עס דערוואַרט אונדזערע גורל־ברידער, וועלכע געפֿינען זיך אין דריטן בלאָק. און יעדן פֿרימאָרגן האָט זיך איבערגעחזרט דאָס זעלבע: די לאַסט־אויטאָס האָבן גערוישט אויפֿן שטײנערנעם וועג, זײ זענען פֿאַרפֿאָרן צום בלאָק נומער 3 און אויפֿגעלאָדן די פֿאַרמשפּטע.

אין דעם פֿרימאָרגן, ווען עס האָבן גערוישט די מאָטאָרן, זענען צו

מיין פריטשע צוגעקומען עטלעכע חברים מיינע: אלתר, זאב און מאַטעק. זיי, פּונקט ווי איך, האָבן נישט געגלויבט אַז מיר גופא קאָנען אויך אַריינ־געפירט ווערן אין דריטן בלאָק. דאָס מאָל זענען זיי געקומען צו דעם, וואָס זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ גרעסערן אָפּטימיסט פון זיי.

אין זייערע שטימען האָט נישט געקלונגען קיין שום פאַרצווייפלונג און אומעט, ווען זיי האָבן מיך אַ פרעג געטאָן: „נו, און איצט הערסטו שוין דעם געוויש פון טויט?״ און איך, דער ראש פון די אָפּטימיסטן, האָב זיי אָפּגעענטפערט: „כל זמן שהנשמה בקירבי״ גלויב איך אין לעבן.

דאָס זענען געווען מיינע לעצטע ווערטער צו זיי. דאָס טויער פון בלאָק האָט זיך אויפגעפּראַלט. אין דרויסן זענען געשטאַנען די לאַסט־אויטאָס.

און דאָך לעבן מיר...

***

ווען איך שרייב די דאָזיקע ווערטער זענען פון יענער רגע אַריבער געווען דריי און דרייסיק און אַ האַלב יאָר. מיין לינקע האַנט מיטן אויסגעבערענטן אוישוויץ־נומער האַלט דאָס פּאַפּיר. די רעכטע האַנט שרייבט, עס קומען אַרויס אותיות וואָס שטעלן זיך אויס אין ווערטער און זיי דערציילן, דערציילן...

מיט עטלעכע חדשים צוריק בין איך געווען נאָך קבלת שבת ביי אלתרן אין זיין פיינער וווינונג אין תל־אביב און איך האָב גערעדט טעלעפאָניש מיט מאַטעקן, וועלכער האָט זיך געגרייט צו פאָרן קיין לאָנדאָן צו דער חתונה פון זיין זון און איך האָב אים געווונטשן מזל־טוב און איך האָב אים באַגריסט צו זיין גליק וואָס ער האָט דערלעבט. אָ, ווי אַנדערש דאָס האָט געקאָנט זיין!...

זאב, ווי מען האָט מיר געזאָגט, איז אַ קאָלאָנעל אָדער גענעראַל אין דער ישראל־אַרמיי. איך קאָן נישט געווי ערוב זיך צי זיין ראַנג איז אַ ריכטיקער. איך קען מיך, אגב, אויך נישט אויס אַזוי אין אָט די זאַכן. איינס ווייס איך, אַז ער לעבט און קעמפט אין דער ישראל־אַרמיי און דאָס איז די גרעסטע נקמה אין די פייניקער אונדזערע פון בירקענוי.

איך פיל זיך אַ ביסל נישט באַקוועם. אָט זעצט זיך אַוועק אַ ייד און שרייבט און אין איין איינציקן קאַפּיטל חזרט ער אַזויפיל מאָל איבער דאָס וואָרט „טויט”. ווי קאָן מען דאָס דערציילן דעם יונגן דור? דער יוגנט פון היינט און פון מאָרגן? זאָל איך אפשר צערייסן מיינע בלעטלעך? וועקט זיך אויף אין מיר מיין אַלטע עקשנות. אַ קול, וואָס קומט אַרויס פון דעם בירקענוי־אַש, זאָגט מיר אונטער אַז איך שרייב גאָרנישט וועגן טויט, נאָר וועגן לעבן — לעבן און אמונה, יאָ, גלויבן, גלויבן אין דעם כוח פון מענטשלעכן ווילן, אין געפיל פון מענטש בצלם אלוהים.

***

אונדז איז באַשערט געווען דאָס לעבן. גראָד אין זעלבן פרימאָרגן ווען מען האָט אונדז געזאָלט אַוועקפירן צום פאַרברענען, איז אין בירקענוי געקומען אַ העכערער עס־עס־אָפיציר, וועלכער האָט געדאַרפט מענטשן פאַר אַ גרובן־לאַגער. אַזוי האָט מען אונדז פאַרלאָדן אין לאַסט־אויטאָס צו פירן אונדז צום נייעם לאַגער אַנשטאָט צו דער גאַז־קאַמער.

## משנה מקום משנה מזל

דער נייער לאַגער האָט געהייסן גונטער־גרובע. דאָרט איז פֿאַר־שריבן געוואָרן אַ ניי בלאַט אין דער געשיכטע פֿון די זאַגלעמביער יידן וואָס האָבן זיך געפֿונען אין די דייטשע פֿאַרניכטונגס־לאַגערן. דאָרט האָבן מיר, עטלעכע יחידים, פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז נישט גענוג צו זיין אַן עקשן פֿאַר זיך אַליין, פֿאַר דעם אייגענעם „איך", נאָר אַז עס איז נויטיק איבערצופֿלאַנצן אָפּטימיזם־משוגעת אויך אויף אַנדערע, אויף דעם כּלל.

איידער איך טרעט צו צו שרייבן דאָס דאָזיקע קאַפּיטל האַלט איך פֿאַר נויטיק צו זאָגן אַז אין קאַראַנטין־לאַגער האָט זיך אונדזער רעטונגס־סעפּטיקייט באַצויגן צו אַלע העפּטלינגע און נישט בלויז צו יידן. דאָס איז שוין געקומען צום אויסדרוק אין באַצוג צו די הונדערטער טיפֿוס־קראַנקע רוסן וואָס מען האָט געברענגט אַזש פֿון דער וויטעבסקער געגנט און וואָס מיר האָבן זיך איינגעשטעלט פֿאַר זיי מיט דער זעלבער מסירת־נפֿש, האַרציקייט און איבערגעגעבנקייט ווי פֿאַר די יידישע געפֿאַנגענע. און ווען אין די לעצטע טעג פֿון נאָוועמבער איז געקומען אַ גרויסער טראַנספּאָרט פּאָליאַקן, האַלב־טויטע „מוזולמענער", פֿון פֿלאָסענבורג, אין ס'איז געווען אַ באַפֿעל פֿון די עס־עס־לייט אַז מען זאָל זיי אין אָוונט אויסבאָדן אין דעם הייסן דוש און דערנאָך זיי אויף אַ גאַנצער נאַכט אַרויסטרייבן נאַקעטערהייט אויף דעם פֿאַרשנייטן פֿעלד, וואָס דאָס האָט געקאָנט זיין פֿאַר זיי אַ זיכערער טויט, זענען מיר אַרויסגעלאָפֿן צו זיי מיט וואַרעמע דעקן און קאָצן און זיי באַלד נאָך דעם אַריינגעטראָגן אין

די בלאָקן און זיי אַרויפגעלייגט אויף אונדזערע אייגענע געלעגערס. גרויס איז געווען די פאַרוואונדערונג און די רוגזה פון די דייטשע רוצחים ווען אין דער פרי האָבן זיי אָנשטאָט בר־מיננס געפונען די פּאָליאַקן לע־בעדיקע.

גונטער־גרובע איז געווען אַ קליינער לאַגער, וואָס איז באַשטאַנען אין גאַנצן פון אַ טויזנט מענטשן, אָבער מיר האָבן זיך דאָ אָפּגעגעבן אַ חשבון וועגן דער נויטווענדיקייט פון אונדזער קאַמף פאַרן לעבן. מיר האָבן צווישן זיך גערעדט וועגן דעם איינער מיטן אַנדערן. דאָס איז געווען אין די נעכט ווען די ענגלישע אָדער אַמעריקאַנער אַוויאַנען פלעגן קומען באָמבאַרדירן דעם שלעזישן אינדוסטריע־געביט.

די עס־עס־לייט, וואָס האָבן באַוואַכט דעם לאַגער, פלעגן אין אַט די שעהען אַריינפאַלן אין אַן אומבאַשרייבלעכער בהלה. דער לאַגער איז געוואָרן אינגאַנצן פינצטער. קיין שום ליכט האָט זיך נישט געזען, נישט פון אינעווייניק און נישט פון דרויסן. אויפגעוועקט פון זייער שלאָף, האָבן זיי נישט געהאַט קיין צייט זיך אָנצוטאָן. מיר האָבן זיי געזען ביי דער לבנה־שיין אַרומלויפן אויף יענער זייט שטעכלדראָטן אין די אונ־טערהויזן און מיט לייכטע מאַשין־געווערן אין די הענט. זיי האָבן אויף אונדז געמאַכט דעם איינדרוק פון ווילדע איבערגעשראָקענע הינט. אָבער איבער אונדז האָבן זיי דעמאָלט פאַרלוירן זייער רשות ווייל קענענדיק זיי, האָבן מיר געוווסט אַז זיי וועלן נישט אַריינקומען אין פינצטערן לאַגער פאַר מורא אַז מען זאָל זיי דאָרט נישט אויסשעכטן.

האָבן מיר זיך דעמאָלט געפילט ווי פרייע מענטשן און מיר האָבן אָפּגעהאַלטן צווישן זיך פאַרזאַמלונגען. עס האָט געטראָפן, אַז דער אַלאַרם האָט געדויערט עטלעכע שעה, איז דאָס געווען פאַר אונדז אַ טאָפּלטע פרייד, ערשטנס דערפאַר ווייל מען באָמבאַרדירט אונדזערע פייניקער און צווייטנס, בעת דער דאָזיקע מהומה האָבן זיי צו טאָן מיט זיך און פאַרגעסן אין אונדז.

אין בלאָק, ווו אלתר בריקנער איז געווען בלאָק־עלטסטער, אין דעם גרויסן שלאָף־באַראַק, ווו די געפאַנגענע זענען געשלאָפן אויסגעלייגט אויף זייערע טאָפּל־בעטלעך האָט מען פריי געמאַכט אַ ווינקל. זאב לאַנדנער איז געשלאָפן אין אַן אַנדערער טייל פון בלאָק און ער האָט געברענגט מיט זיך פאַרטרויליכע קאַצעטלער. אַזוי האָט זיך די גרויסע שלאָף־שטוב אָנגעפילט מיט מענטשן. די אויפגעוועקטע פון שלאָף און די צוגעקומענע האָבן געבילדעט אַ גרויסן עולם, צו וועלכן עס זענען געהאַלטן געוואָרן רעדעס.

מען האָט גערעדט וועגן דער צוקונפט פון יידישן פאָלק, אַ צוקונפט וואָס מען האָט שטענדיק פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל. דער עיקר האָבן אַלע רעדעס געהאַט איין אינהאַלט: אַ ווילן צו לעבן. אַלעמענס אויפגאַבע איז געווען: שאַפן אויף אַ קאָלעקטיוון אופן כוחות און מיטלען אויסצודויערן און איבערלעבן. אַחוץ דעם דאָזיקן קאָלעקטיוון ווילן האָט אויך עקזיסטירט ביי יעדן איינעם באַזונדער אַ יחידישע שטרעבונג און עקשנות צום לעבן. די דאָזיקע עקשנות איז אויך באַווירקט געוואָרן פון דרויסן, פון דער פאַרגאַנגענהייט: מען האָט ערגעץ־ווו איבערגעלאָזט אַ פרוי, אַ קינד, טאַטע־מאַמע, מען האָט נישט צוגעלאָזט דעם געדאַנק, אַז זיי זענען שוין אפשר מער נישטאָ און קיינער וואַרט נישט אויף דיר, מען האָט זיך דאָך געפילט צוגעבונדן צו זיי און מען האָט געהאַט איין באַגער: נאָך צו זען זיי.

אַזוי האָט מען גענומען לעבן צוזאַמען, דערציילן זיך די קליינע אָדער גרויסע טאָג־טעגלעכע איבערלעבענישן. עס האָט געטראָפן אַז אין בלאָק אָדער ביי דער אַרבעט האָט דיינער אַ נאָענטער שכן מיטאַמאָל גענומען רעדן צו דיר. אָבער ווען דו האָסט זיך צוגעהערט צו זיינע ווערטער האָסטו זיך איבערצייגט אַז ער רעדט גאָרנישט צו דיר און אויך נישט צו זיך אַליין; ער האָט גערעדט צו עמעצן וואָס איז געווען זייער ווייט פון אים, צו אַ מענטש וואָס איז געווען זיין לעבנס־אַנהאַלט. מעגלעך אַז יענער מענטש האָט שוין נישט מער עקזיסטירט, אָבער דאָ, אין בלאָק,

אויף דער פּריטשע, האָט ער נאָך געלעבט און איז געווען פאַר אַ צווייטן מענטש אַ לעבנס־קוואַל.

## גערנגל פאַרן לעבן — אינסטינקט פאַר עסן

די גרויסע מאַסע יידן, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פון די שטעט און שטעטלעך, פון די געטאָס פון גאַנץ אייראָפּע אַהער קיין אוישוויץ, זענען באַלד ביים אַראָפּגיין פון צוג אַדורכגעגאַנגען אַ סעלעקציע און די סאָמע גרעסטע טייל פון די געבראַכטע איז גלייך באַשטימט געוואָרן פאַר דער גאַז־קאַמער און קרעמאַטאָריע. ס׳איז נישט דאָ מיין אויפגאַבע צו שרייבן וועגן דעם און דאָס ליגט אויך נישט אויף דער פלאַך פון מיינע זכרונות־פאַרצייכענונגען. דאָך וויל איך בקיצור קלאָר מאַכן אָט וואָס: אומצוקומען אין דער גאַז־קאַמער זענען באַשטימט געוואָרן דורך די דײַטשן בלויז יידן און ציגיינער. די קרעמאַטאָריעס האָבן געהאַט דעם ציל צו פאַרברענען אַלע טויטע קערפּערס, אויך די מענטשן וואָס זענען אַזוי צו זאָגן געשטאָרבן אויף אַ „נאַטירלעכן״ אופן.

נאָך דער ערשטער גרויסער סעלעקציע ביי דער באַן זענען אין לאַגער אַריינגעפירט געוואָרן אַ גאָר קליינע צאָל פון די, וואָס מען האָט געבראַכט אין די וואַגאָנען, צום פאַרניכטן. די יידן וואָס זענען באַשטימט געוואָרן צו בלייבן אין לאַגער האָבן געזאָלט אַרבעטן אַ געוויסע צייט פאַר דער דייטשער קריגס־אינדוסטריע ביז זיי וועלן זיך דערוואַרטן אויף אַ שפּעטערדיקער סעלעקציע אין לאַגער.

צו דעם צוועק האָבן די דייטשע וויסנשאַפטלער אויסשטודירט מיט אַ ראַפינירטער פּינקטלעכקייט וויפל אַ מענטש דאַרף טעגלעך באַקומען

קאַלאָריעס אַז ער זאָל קאָנען אַרויסגעבן פון זיך אַ געוויסן סכום אַרבעט און גלייכצייטיק זאָל דאָס אים אַריינפירן אין אַזאַ פיזישן מצב, וואָס זאָל אים דערנענטערן צו דער גאַז־קאַמער.

די קוואַליטעט און די קוואַנטיטעט פון דעם עסן האָבן, אַחוץ דער שווערער אַרבעט, געדאַרפט דינען דעם דאָזיקן טאָפּלטן ציל. אָבער אַפילו דעם דאָזיקן קליינעם סכום עסן האָבן די העפטלינגע נישט באַקומען. אַ געוויסע טייל פונעם עסן איז „אַוועקגעקומען" באַלד אויפן וועג צו דער פאַרטיילונג. עס האָבן זיך „מרחם" געווען איבער דעם די שאַפערן פון די לאַסט־אויטאָס, וואָס האָבן דאָס עסן געבראַכט אין לאַגער אַריין, און זייערע עס־עס־באַוואַכער, די דייטשע לאַגער־הערשער, וואָס האָבן דאָס עסן פאַרקויפט דער באַפעלקערונג פון דער אַרומיקער געגנט, אָדער עס אויסגעטוישט אויף שיינע קליידער פאַר זייערע געליבטע, פאַר זייערע פרויען און קינדער אין דייטשלאַנד. אַזוי אַרום זענען די שפּייז־ראַציעס געווען אַ סך, גאָר אַ סך קלענער ווי די דייטשע ספּעציאַליסטן האָבן לכתּחילה אויסקאַלקולירט.

דעריבער האָט אַן אָרגאַניזירטע גרופּע גענומען אויף זיך די אויפגאַבע נישט צו דערלאָזן אַז אין לאַגער גופא זאָל דאָס עסן צוגערויבט ווערן אָדער פאַרמינערט ווערן. אָבער אויך ביי דעם יחיד, וואָס דער לעבנס־אינסטינקט איז געווען ביי אים גאָר שטאַרק, האָט זיך געשאַפן אַ פאַרשאַרפטער חוש פאַר עסן. ער האָט געזען דאָס עסן אין זיין פאַרשטעלונגס־קראַפט און אויך אין קאָנקרעטע פאַלן. דער עקשן פון לעבן האָט זיך אָנגעכאַפּט אין אַלץ ווי אין אַ רעטונגס־ברעט: האָט ער אויף דעם אַרבעטס־פעלד געזען פון דער ווייטנס אַ בהמה עסן גראָז האָט ער זיך געזאָגט: אויב זי קאָן לעבן פון גראָז, פאַרוואָס זאָל איך אויך נישט קאָנען? האָט ער דעריבער ביי דער אַרבעט געטראַכט ווי אַזוי צו געפינען זיך נאָענט פון גראָז, פון בלעטער. דאָס גרינע בלעטל איז געוואָרן אין זיין צעפיבערטער פאַנטאַזיע זיך לעבנס־אַנהאַלט, זיין רעטונג.

אינדערפֿרי האָט מען באַקומען אַ גאָר קלײן שטיקל ברויט מיט ערזאַץ־קאַפֿע. בײַם אַרויסגײן צו דער אַרבעט איז דאָס שטיקל ברויט שוין געווען אויפֿגעגעסן. בײַ דער אַרבעט האָט מען באַקומען בלויז אַ ביסל מאָגערע זופּ. מיט אָט דעם ביסל זופּ האָט דער קאַצעטלער נישט געקאָנט לעבן ביז צום שטיקל ברויט וואָס ער האָט באַקומען אין אָוונט. זענען געווען צווישן אונדז לעבנס־עקשנים וואָס האָבן געהאַט דעם אײַנפֿאַל אַרײַנצומישן אין דער זופּ בלעטער און גראָז וואָס זײ האָבן אָנגעזאַמלט אין זײערע קעשענעס. עס זענען געווען אַפֿילו אַזעלכע אויס־טויגערס וואָס האָבן אָנגעצונדן אַ קלײן פֿײַערל בכדי אויפֿצוקאָכן נאָך אַ מאָל דאָס דאָזיקע נײַע גרינע געקעכץ. מיר אַלײן איז אויסגעקומען עטלעכע טעג צו עסן אַזעלכע זופּן.

*****

עס איז געווען בײַ אונדז אין לאַגער פֿון גונטער־גרובע אַ טער־קישער ייִד פֿון פֿראַנקרײַך. מיר האָבן זיך נישט פֿאַרשטאַנען, ווײַל איך האָב דעמאָלט נישט געקענט קײן אײנציק וואָרט פֿראַנצויזיש און ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען קײן אײן וואָרט וואָס איך האָב גערעדט. ער פֿלעגט יעדן טאָג אַרויסגײן צו דער אַרבעט מיט דער ערשטער קאָמאַנדאָ וואָס האָט געאַרבעט אויף אַן אַרומגעצוימטער בױ־שטעלע. ווען איך בין אַרויס מיט דער צווייטער קאָמאַנדאָ, וואָס האָט אָנגעהויבן בויען אַ נײַעם לאַגער אין אַ פּוסט פֿעלד אין מיטן פֿון אַ וואַלד, איז ער צו מיר צוגע־קומען און ער האָט אויף מיר געקוקט. ווי שוין געזאָגט, בין איך געווען דער געאָמעטער פֿון לאַגער און דער טעכנישער פֿאַראַנטוואָרטלעכער פֿאַר דער בױ־קאָמאַנדאָ. ער האָט געהאַט גרויסע גרינע אויגן, וואָס האָבן אויף דיר געקוקט און זײ האָבן גערעדט דאָס לשון וואָס איז נישט אַרויסגעקומען פֿון זײַן מויל. זײ האָבן מיר געזאָגט, זײַנע אויגן, אַז ער וויל עפּעס פֿון מיר און איך האָב פֿאַרשטאַנען אַז ער וויל אויסטוישן זײַן קאָמאַנדאָ נומער 1 אויף מײַן קאָמאַנדאָ נומער 2.

ער האָט געהייסן רפאל (איך ווייס נישט צי דאָס איז געווען זיין פאַ־מיליע־נאָמען אָדער זיין פאָרנאָמען), ער האָט געהאַט אויף זיין פנים אַ שמייכל פון איידלקייט און פון צער און ווען ער האָט אויף דיר גע־קוקט מיט זיינע גרויסע אויגן האָסטו געהאַט דאָס געפיל אַז עס קוקט אויף דיר אַ הייליקער פון אַ קריסטלעך בילד, וואָס די קריסטן האָבן זיך אויסגעמאָלט לויט זייערע פאָרשטעלונגען. איך בין אַקעגנגעקומען זיין בקשה. איך האָב אים פאַרשריבן אויף מיין קאָמאַנדאָ.

רפאל האָט געהאַט אַ סוד און אַ מיין אין זיין וועלן אַרויסגיין אַר־בעטן אין דער צווייטער קאָמאַנדאָ. ער האָט געהאַט דערפאַר אַ גענויע סיבה. ערשט אין עטלעכע וואָכן אַרום האָב איך זיך וועגן דעם דערוווסט.

ער איז געווען אַ גרויסער רויכערער. אָבער ער איז געווען איינזאַם. קיינער האָט אים נישט פאַרשטאַנען און ער האָט קיינעם נישט פאַר־שטאַנען. ער פלעגט פאַרקויפן זיין שטיקל ברויט בכדי זיך צו קויפן פאַר דעם טאַבאַק אָדער ציגאַרעטן און דאָך, נישט עסנדיק זיין ברויט, איז ער נישט געווען קיין מוזולמאַן *, ער האָט אַפילו גוט געאַרבעט. מ׳האָט אים שטענדיק געזען מיט זיין איידעלן שמייכל און מיט זיינע דאַנקבאַרע גרויסע אויגן.

דעם ערשטן טאָג וואָס ער איז איבערגעגאַנגען אין מיין קאָמאַנדאָ האָט ער מיר אָנגעוויזן דאָס אָרט וווּ ער וויל אַרבעטן. אין דעם ווינקל איז געווען אַ זומפּ וווּ עס האָט זיך אויסגעגאָסן אַ וואַסער־קוואַל און אין אונדזער פּלאַן איז געווען דעם דאָזיקן זומפּ שפּעטער אויסצוטריקענען. דערווייל האָט זיך צווישן דער מאַסע פון דעם גרינעם געמויזעכץ דאָס וואַסער אָנגעזאַמלט.

---

* אַ באַצייכענונג, וואָס די דייטשן האָבן צוגעטראַכט פאַר אַ מענטש וואָס איז שוין געווען הויט־און־ביין און אומפּעאיק צו וועלכער ס׳זאָל נישט זיין אַרבעט.

רפאל האָט פֿאַרקויפֿט זײַן ברויט נישט בלויז בכדי צו קויפֿן דער־פֿאַר טאַבאַק צום רויכערן, נאָר אויך זאַלץ. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער האָט זיך ספּעציאַליזירט אין פֿאַנגען אין דעם וואַסער־געמויזעכץ זשאַבעס וועלכע ער האָט געגעסן רויערהייט באַשיט מיט אַ ביסל זאַלץ.

ער איז געווען אַ לעבנס־עקשן וואָס איז זיך געגאַנגען זײַן אייגענעם איזאָלירטן וועג.

***

דער קליינער אַלבערט דאַווידאָוויטש האָט פֿאַרגעשטעלט מיט זיך אַ גאָר אַנדערן טיפּ פֿון אַ לעבנס־עקשן. דער „קליינער" איז גאָרנישט געווען אַזוי קליין, ווײַל בסך־הכל איז ער געווען מער ווי מיט אַ קאָפּ העכער פֿון מיר. אָבער ער איז געווען אַלט אַכצן יאָר און איז ביי אונדז געווען פֿאַררעכנט צו די „קליינע".

ווען מיר זענען געקומען אין לאַגער פֿון דער גונטער־גרובע האָבן מיר אים שוין דאָרטן געטראָפֿן צוזאַמען מיט אַ טראַנספּאָרט יידן פֿון האָלאַנד און אויך עטלעכע יידן פֿון בעלגיע. פֿאַר זײַנע מענטשן האָט ער געהאַט אַ געוויסע מעלה: ער איז געבוירן געווען אין לאַגער פֿון פּאַריז, אָבער ער האָט אַחוץ פֿראַנצויזיש אויך גערעדט יידיש. דאָס וואָס האָט אים אויסגעטיילט פֿון די אַנדערע איז געווען זײַן הויכער דאַרער גוף פֿון אַ מוזולמאַן, אָבער גלייכצייטיק איז ער געווען אַ גרויסער עקשן פֿון לעבן. אים, אַלבערט דאַווידאָוויטשן, איז גאָרנישט געקומען אויפֿן געדאַנק אַז ער קאָן שטאַרבן. אַזוי האָט אַמאָל באַלד אין אָנהייב געטראָפֿן אַז כעמיע, דער געזונטער, שטאַרקער ווי אַן אָקס, בלאָק־עלטסטער, האָט אים דערלאַנגט ביטערע קלעפּ. האָט זיך דאָס דאַרע „דרענגל" אַלבערט דערבײַ געגעבן אַ כאַפּ אויף און גענומען שרייען צום געזונטן בער כעמיע: „וואַרט אַ ביסל, וואַרט, ווען דו וועסט קומען קיין פּאַריז וועל איך דיך דערהרגענען!". און כעמיע, דער געוועזענער

פערד־אַנטרייבער האָט זיך דערשראָקן און ער האָט אים אויפגעהערט שלאָגן.

אָט דער אַלבערט איז אַמאָל פֿאַרשריבן געוואָרן אויף דער סעלעקציע צו דער גאַז־קאַמער. דער עס־עס־דאָקטער פֿון לאַגער האָט אים, דעם אייביקן מוזולמאַן, סוף־כל־סוף באַשטימט צום טויט. צומאָרגנס, ווען דער לאַסט־אויטאָ איז געקומען, בכדי אַוועקצופֿירן די פֿאַרמשפּטע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלבערטס נומער איז ערגעץ־ווו פֿאַרלוירן געגאַנגען און מען האָט אים נישט אויסגערופֿן. האָט אַלבערט דאַווידאָוויטש, וואָס האָט געהאַט אַ גרויס מויל און ליב געהאַט צו קריגן זיך און צו שרייען, אָנגעהויבן צו בייזערן זיך פֿאַרוואָס מען האָט פֿאַרלוירן זיין נומער. האָט אים דער דאָקטער קאָוואַץ צוגעמאַכט דאָס מויל און אַנשטאָט אין קרעמאַטאָריע האָט ער אים אויף אַ געוויסער צייט אַריינגעלייגט אין אַ בעטל אין קראַנקענבוי.

אַלבערט דאַווידאָוויטש איז לעבן געבליבן. און ווען איך האָב אים איינמאָל באַגעגנט אין פּאַריז אין אַ רעסטאָראַן און איך האָב אים געפֿרעגט וואָס עס איז געווען זיין שטאַרקסטע איבערלעבונג אין לאַגער, האָט ער גאָרנישט דערמאָנט דעם פֿאַקט וואָס ער איז שוין געווען פֿאַרשריבן צו גיין אין גאַז־קאַמער, נאָר ער האָט מיר דערציילט זיינע אַן איבערלעבעניש וועגן עסן:

ער האָט געאַרבעט אויף אַ קאָמאַנדאָ מיט אַ יינגל פֿון בעלגיע. זיי האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען ווייל דאָס לשון, פֿראַנצויזיש, האָט זיי דער־נענטערט און אויך ווייל ביידע זענען זיי געווען פֿון זעלבן עלטער: אַכצן יאָר. איז איין מאָל ביי דער אַרבעט געקומען די מיטאָג־שעה. דער טאָג איז געווען אַ הייסער און די זופּ גאָר אַ מאָגערע, פּשוט אַ ביסל גרין וואַסער. דאָס שטיקל ברויט פֿון אינדערפֿרי האָבן זיי שוין פֿון לאַנג געהאַט אויפֿגעגעסן און די געדערעם האָבן זיך זיי געקאָרטשעט פֿאַר הונגער. „ווי אַזוי האַלט מען אויס ביזן אָוונט, ווען מען וועט באַקומען דאָס שטיקל ברויט?" — האָט געפֿרעגט אַלבערטן זיין חבר.

„פאַר אַ שטיקל ברויט גיב איך אַוועק מײַן לעבן" — האָט אים זײַן חבר געענטפערט.

אויף דעם האָט אַלבערט געזאָגט: „איך וויל אויך אַ שטיקל ברויט. איך בין אַזוי הונגעריק ווי דו. אָבער דאָס לעבן פאַר דעם וויל איך נישט געבן; אַ האַנט וואָלט איך יאָ אַוועקגעגעבן; אַ האַנט וועל איך מיר לאָזן אָפּהאַקן פאַר אַ שטיקל ברויט. אָן אַ האַנט קאָן איך נאָך לעבן, אָבער נישט אָן אַ שטיקל ברויט".

מאָריס קובאָוויצקי וועלכער האָט זיך שטענדיק געפונען דאָרט ווו צוויי חברים האָבן גערעדט פראַנצויזיש און וואָס האָט געהערט זייער שמועס, האָט זיך צו זיי דערנענטערט און אַרויסנעמענדיק פון זײַן זעקעלע צוויי פאָרציעס ברויט, האָט ער צו זיי געזאָגט: „איך בין אויך הונגעריק אַזוי ווי איר, אָבער ביזן אָוונט וועל איך פון דעסטוועגן אויסהאַלטן, איז נעם דו פון מיר אַ שטיקל ברויט און באַהאַלט דײַן לעבן און דו נעם דאָס צווייטע שטיקל און באַהאַלט דײַן האַנט".

אָט דאָס איז געווען אין לאַגער די שטאַרקסטע איבערלעבעניש פון אַ מוזולמאַן אַן עקשן פון לעבן.

## ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַ „מאַסאַזשיסט"

וועגן ענין עסן וויל איך דערציילן אויך אַ פערזענלעכן עפּיזאָד:

געווען איז דאָס אין די ערשטע פעברואַר־טעג פון 1944. מיר זענען נאָר־וואָס געהאַט געקומען אין לאַגער פון דער גונטער־גרובע און דער

הונגער האָט געדרייט די געדערעם. מען האָט אונדז געגעבן זייער ווייניק צו עסן און דאָס וואָס מען האָט אונדז געגעבן איז געווען זייער שלעכט. די זופּ צו מיטאָג איז געווען אַ ביסל שמוציק, שטאַרק געזאַלצן וואַסער.

בין איך אין איינעם אַ זונטיק געזעסן אַזוי אויף דער שוועל פון באַראַק און כ׳האָב געזוכט אין מיר אַן איינפאַל ווי אַזוי צו געפינען עפּעס צו עסן: איין איינציק שטיקעלע ברויט. ביז צום שטיקל ברויט אין אָוונט איז נאָך געווען ווייט און דער מאָגן האָט זיך געמאָנט דאָס ווייניקע און נישט געוואָלט וואַרטן. דערזע איך פּלוצלינג ווי איבערן לאַגער־פּלאַץ שפּאַצירט זיך דער נייער פּוילישער הויפּט־קוכער. דער דאָזיקער פּאָליאַק, דער הויפּט־קוכער, איז געווען אין אַ טאָפּלט־גינס־טיקער לאַגע: ער האָט געהאַט אַ סך צו עסן. אַלס הויפּט־קוכער האָט ער פֿאַרוואַלטעט מיט טויזנטער פּאָרציעס ברויט, וווּרשט און בכלל מיט אַלעם גוטן. דערצו האָט ער אַלס אַ פּאָליאַק, ווי אַלע פּאָליאַקן, באַקומען שפּייז־פּעקלעך פון דער היים.

ווען דער פּוילישער הויפּט־קוכער איז געקומען צו אונדז מיט עטלעכע טעג צוריק איז זיין רעכטע האַנט געווען געליימט; ער איז נאַר־וואָס געהאַט אַרויסגעקומען פון שפּיטאָל ווו מען האָט אים געהאַט אָפּערירט אַ שווערן געשוויר אונטערן אָרעם. זעענדיק אים אַזוי שפּאַצירן אין יענעם זונטיק האָב איך זיך צו אים דערנענטערט און אים געזאָגט: „איך בין אַ ספּעציאַליסט פון אַלערליי מאַסאַזשן און קודם־כל פון מאַסאַזשן נאָך אָפּעראַציעס. אויב דו ווילסט וועל איך דיר דיין האַנט אויסהיילן אין משך פון עטלעכע טעג. באַלד וועסטו קאָנען זי באַוועגן״.

אַ מענטש וואָס האָט אַ געליימטע האַנט וואַרפט נישט אָפּ אַזאַ אָנבאָט. פאַרשטייט זיך אַז אין לאַגער גיט מען גאָרנישט פאַר גאָרנישט. „איך וועל דיר מאַכן מאַסאַזשן און דו וועסט מיר געבן דערפאַר צו עסן״ — האָב איך צוגעגעבן.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר אַ צייט פון עסן, פון אַ סך עסן.

איך ווייס נישט ווען דאָס איז געווען צו פֿאַרדאַנקען. אין מאַסאַזשן האָב איך אַזויפֿיל זיך געקענט ווי אַ פערד־הענדלער אין מעדיצין. און דאָך האָט דער קוכער גענומען צו ביסלעך באַוועגן מיט זיין האַנט און וואָס אַ מאָל בעסער.

דעם סוד, אַז אין לאַגער געפינט זיך אַ מאַסאַזשיסט האָט ער באַלד דערציילט אויך אַנדערע וויכטיקע מענטשן פון לאַגער און אַפילו די עס־עס־לייט. יעדער פון זיי האָט גלייך אין זיך אַנטדעקט עפּעס אַ קרענק: רעוומאַטיזם מיט שטעכענישן און ברעכענישן, וואָס ווערן אויסגעהיילט מיט מאַסאַזשן.

אַזוי אַרום האָט זיך געמאַכט אַז פונקט יעדן אָוונט נאָך דעם אַפּעל און נאָך דעם שטיקל ברויט, ווען מיינע חברים האָבן זיך געלייגט שלאָפן אויף די האַרטע געלעגערס, בין איך געגאַנגען מאַכן מיינע מאַסאַזשן. אויף דער זייט און אויף יענער זייט דראָטן, ווו עס האָבן געוווינט די עס־עס־לייט פון לאַגער האָב איך געאַרבעט שעהען־לאַנג, אַ סך מאָל ביז איבער האַלבער נאַכט. און יעדעס מאָל האָבן זיי געמוזט באַצאָלן מיט עסן, סאַמע גוטע זאַכן.

בייטאָג האָב איך צווישן די קאַצעטלער אין באַראַק אויסגעקליבן מיר די סאַמע אויסגעהונגערטע מוזולמענער וועלכע נויטיקן זיך אין עפּעס עסן, און ביינאַכט, צוריקקומענדיק פון מיין מאַסאַזשן־אַרבעט, ווען איך האָב אויסגעלאָדן די אַלע גוטע עסנעס האָב איך שטילערהייט, בכדי קיינעם נישט אויפצוועקן פון שלאָף, אַלעמען אונטערגעלייגט אונטער די קישעלעך גוטע פּאַרציעס עסן, וועגן וועלכע זיי האָבן נישט געחלומט און וועלכע זיי האָבן אינדערפרי געפונען ווי אַ נס מן השמים.

# דער דייטש באָגוט

דאָ, אין דאָזיקן לאַגער, האָבן מיר אַלס אַן אָרגאַניזירטע גרופּע, געקעמפט פאַר באַזעצן אַלע וויכטיקע פּאָסטנס, ווי בלאָק־עלטסטע, שטוּ־בענדיסטן, קאַפּאָס און פאָראַרבעטער.

מיר האָבן געהאַט דאָס גליק וואָס פּאָסטעל איז מיט אונדז געשיקט געוואָרן אין דעם נייעם לאַגער. טראָץ דעם וואָס ער האָט דאָ נישט פאַרנומען דעם פּאָסטן פון ראַפּאָרט־שרייבער איז זיין אָנוועזנהייט געווען פאַר אונדז אַ גרויסע דערמוטיקונג.

אונדזער פּלאַן צו באַזעצן די וויכטיקסטע פּאָסטנס מיט אייגענע מענטשן איז נישט געווען לייכט דורכצופירן. קודם־כל זענען מיר נישט געווען די איינציקע אין לאַגער. צוזאַמען מיט אונדז האָבן די נאַציס אַראָפּגעבראַכט דייטשע און פּוילישע העפטלינגע וועלכע זענען דורך זיי נאָמינירט געוואָרן אויף פאַרשידענע פּאָסטנס. צווייטנס, איז נישט לייכט געווען איבערצוצייגן אונדזערע חברים, אַז עס איז וויכטיק אַז זיי זאָלן איבערנעמען די דאָזיקע פּאָסטנס. איך דערמאָן זיך אַז ווען איך בין אין אַ געוויסן טאָג געקומען צו אלתר בריקנער און אים געזאָגט אַז ער מוז איבערנעמען דעם פּאָסטן פון בלאָק־עלטסטן בכדי צו העלפן די מענטשן לעבן, האָט ער שעהען־לאַנג געוויינט ווי אַ קליין קינד.

בלאָק־עלטסטער איז געווען אין די אויגן פון אַלע דער סינאָנים פון אַ מערדער און עס איז נישט לייכט געווען צו אַנטשליסן זיך איבערצונעמען דעם דאָזיקן פּאָסטן.

האָבן מיר געהאַט אַ טאָפּלטע אויפגאַבע: קודם־כּל געפינען מיט־לען כּדי צו עלימינירן די דייטשע און פוילישע בלאָק־עלטסטע און קאַפּאָס, וואָס די נאַציס האָבן אונדז אָנגעוואָרפן, און פּרובירן צו געווינען די בעסערע פון זיי פאַר אונדזער ציל און אויסשפּייען פון זיך די פאַרברעכערס און רוצחים; און צווייטנס, געפינען מענטשן פּעאיקע, וואָס זאָלן זיי קאָנען פאַרטרעטן.

דאָס זענען געווען אויפגאַבן וואָס האָבן פאַרלאַנגט צייט און אויס־דויער. דערווייל האָבן מיר געמוזט זאָרגן וועגן די טאָג־טעגלעכע ענינים וואָס זענען געווען ברענענדיקע און האָבן געדאַרפט געפינען אַ באַלדיקע לייזונג.

דאָס גליק האָט אונדז צוגעשפּילט אין די דאָזיקע אויפגאַבן. דאָס מאָל האָט דאָס גליק זיך פאָרגעשטעלט אין דער געשטאַלט פון אַ קליין דייטשל מיטן נאָמען באָגוט.

דער דאָזיקער דייטש איז געווען דער ציווילער אויפזעער איבער אונדזער אַרבעט. ער איז אויף דעם פּאָסטן נאָמינירט געוואָרן דורך דער דייטשער בוי־פירמע, וואָס האָט אַדורכגעפירט די אַרבעטן הן ביים בוי פון דעם נייעם לאַגער און הן ביי דעם אויסבויען די גרובן־אינסטאַ־לאַציעס.

ער איז געווען אַ מיטגליד אין דער נאַצישער פּאַרטיי. זיין פאָר־שטעלונג וועגן יידן, וועלכע ער האָט פּערזענלעך קיינמאָל נישט געקענט, איז געווען ביי אים לויט דעם בילד וואָס די נאַצישע פּראָפּאַגאַנדע האָט יאָרן־לאַנג פון דעם ייד געמאָלן.

מיין באַקענען זיך מיט באָגוטן איז פאָרגעקומען אין גאָר אויס־טערלישע באַדינגונגען. וואָס שייך דער פאַרבינדונג מיטן דאָזיקן דייטש מוז איך, קעגן מיין ווילן, דאָך רעדן וועגן זיך, ווייל דער גורל האָט געוואָלט, אַז פון ערשטן ביזן לעצטן מאָמענט פון זיין געפינען זיך אין לאַגער בין איך געווען זיין איינציקער פאַרטרויאונגס־מאַן און אַלץ וואָס

מיר האָבן געקאָנט מיט דעם דאָזיקן דייטש אויפֿטוען פֿאַר אונדזערע ברידער איז עס געווען דורך מיין פֿאַרמיטלונג.

געווען איז דאָס אַלץ באַלד דעם צווייטן טאָג נאָך אונדזער קומען אין לאַגער. עס האָבן זיך געשטעלט צו דער אַרבעט צוויי קאָמאַנדאָס. די ערשטע קאָמאַנדאָ איז געגאַנגען צו אַ גרויסער בוי־שטעלע אונטער דער אָנפֿירונג פֿון יידל פֿאָטאָק און די צווייטע קאָמאַנדאָ איז אַרויס־געגאַנגען צו דעם בוי פֿון אַ נייעם לאַגער. די צווייטע קאָמאַנדאָ האָט געציילט צוויי הונדערט און צוואָנציק מאַן און געהאַט פֿאַר אַ קאַפּאָ שלאָזערן, אַ געוועזענעם טרעגער פֿון דאָמבראָווע.

דער דאָזיקער שלאָזער איז שוין אין קאַראַנטין־לאַגער געווען אַ פֿאַר־אַרבעטער און דאָרט זיך קונה־שם געווען דערמיט וואָס ער האָט שטאַרק געשריגן אויף זיינע מענטשן, מיט וועלכע ער האָט אָנגעפֿירט און גע־ווילדעוועט איבער זיי מיט זיין שרייען.

שלאָזער איז אין גרונט געווען אַ גוטער פֿון דער נאַטור, נאָר זייענדיק אַ פּרימיטיוועך מענטש איז אים שווער געווען צו פֿאַרשטיין אַז מיט זיין שרייען דעמאָראַליזירט ער די מענטשן און שוואַכט אָפּ זייער לעבנס־ווילן. צום סוף האָט ער שוין פֿאַרשטאַנען אַז ער דאַרף טאָן דאָס וואָס מען הייסט אים. דערביי האָט ער אַרויסגעוויזן אַ סך גוטן ווילן. אין דעם נייעם לאַגער איז ער שוין געקומען מיט דער נאָמינאַציע פֿון די עס־עס־לייט אַלס קאַפּאָ.

מיר האָבן אים אַריינגענומען אין אַ באַזונדער שטיבל וווּ מען האָט אים געגעבן צו פֿאַרשטיין אַז זיין אויפֿגאַבע איז צו טאָן דאָס וואָס מיר וועלן אים הייסן.

זאב לאַנדנער איז געווען דער גרויסער ספּעציאַליסט פֿון אַזעלכע „איבערצייגונגען". ער האָט צום בעסטן געוווּסט וואָסער לשון מען דאַרף

אַנווענדן צו אַזעלכע טיפּן. פֿאַר דער דאָזיקער צווייטער אַרבעטס־קאָ־מאַנדאָ בין איך באַשטימט געוואָרן אַלס פערמעסער (געאָמעטער). דאָס איז געווען מײַן פאַך אין לאַגער, ווי איך האָב עס שוין דערמאָנט. די דאָזיקע פונקציע האָט מיר געגעבן די טעכנישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער אַרבעט.

שלאָזער האָט געוווּסט אַז ער קאָן גאָרנישט טאָן אָן מיר און אַז ער מוז אין אַלעם מיך הערן. ער איז אין זײַן נאַאיווקייט און גוטן ווילן אַזוי ווייט געגאַנגען, אַז עס פלעגט טרעפן אַז ווען דער עס־עס־פירער פון לאַגער אָדער אַן אַנדערער דײַטש האָט אים געשטעלט עפּעס אַ פראַגע האָט ער געגומען שרײַען הויך איבער דער גאַנצער בוי־שטעלע: „ווײַנ־בערג, וואָס זאָל איך ענטפערן ? !“.

אין דעם ווינטער־טאָג זענען מיר אַרויסגעזעצט געוואָרן אויף אַ נאַ־קעט פעלד אין שכנות פון אַ וואַלד און דאָ האָבן מיר געדאַרפט אָנהייבן בויען דעם נײַעם לאַגער. צוערשט איז נויטיק געווען צו גראָבן איבער אַ מעטער טיף די פונדאַמענטן פאַר דער מויער, וואָס האָט געדאַרפט אַרומרינגלען דעם לאַגער.

ווען מיר זענען געקומען אין דער גונטער־גרובע איז נאָך פאַר אונדז נישט געווען קיין וועש, אַזוי אַז די קאָמאַנדאָס זענען געווען האַלב־נאַקעטע, אין די געשטרײַפטע מלבושים, אָן העמדער, אָן אונטערהויזן, אין הילצערנע שיך, אָן זאָקן.

דער טאָג איז געווען אַ קאַלטער, דער שניי אויפן פעלד איז געלעגן אַ געפרוירענער און די מענטשן האָבן געציטערט פון קעלט. איך האָב מיר באַלד אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון, אַז צוויי אָדער דריי טעג פון אַזאַ אַרבעט וועלן אומברענגען אַ גרויסע טייל פון אונדזערע ברידער.

די עס־עס־לײַט, וואָס האָבן אונדז באַוואַכט, האָבן זיך באַהאַלטן אין ווינקלען און אָנגעצונדן אַ פײַער, בכדי זיך צו דערוואַרעמען.

מיר האָבן געוווסט אַז זייער אויפגאַבע איז אונדז צו באַוואַכן, מיר זאָלן נישט אַנטלויפן, אָבער זיי האָבן נישט געהאַט קיין רעכט זיך צו מישן אין דער אַרבעט.

האָב איך שנעל געמאַכט די ערשטע טעכנישע אויסמעסטונגען, גע־הייסן די מענטשן גראָבן יעדן לעבן זיך אַ קנאַפּע פּערציק צענטי־מעטער טיף און זיך אַריינלייגן אין דער דאָזיקער גרוב, בכדי זיך צו שיצן פון שרעקלעכן קאַלטן ווינט, וואָס האָט אַדורכגענומען די ביינער.

עטלעכע מינוט שפּעטער האָט זיך אויפן פעלד באַוויזן אַ קליינ־טשיקער דייטש מיט אַ שטעקעלע אין דער האַנט. אין פרימאָרגן האָט מען אים פון לאַגער טעלעפאָנירט, אַז צו דער אַרבעט זענען אַרויסגע־גאַנגען צוויי הונדערט און צוואָנציק מענטשן, איז ער געקומען דאָס ערשטע מאָל זען ווי אַזוי די אַרבעט גייט צו. געטראָפן האָט ער אַ פּוסט פעלד; נאָר פון דער ווייטנס האָט ער געזען מענטשן זיך באַוועגן אין די פלאַכע גריבער, וואָס זיי האָבן פאַר זיך אויסגעגראָבן.

צוערשט האָט ער געפרעגט דעם עס־עס־קאָמאַנדאָ־פירער, אָבער יענער האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. האָט ער נאָך דעם גערופן דעם קאַפּאָ שלאָזער.

אָט דער האָט ווי געוויינלעך אויסגעפירט זיין אויפגאַבע און גענו־מען שרייען: ווייגבערג!

איך האָב מיך געשטעלט פאַר דעם דייטש און אים געזאָגט אַז מיר זענען דאָ אַהער געשיקט געוואָרן אין אַן אַרבעטס־לאַגער בכדי צו מאַכן אַ גוטע אַרבעט, אָבער די מענטשן זענען האַלב־נאַקעט און אין אָט די באַדינגונגען וועלן זיי אַלע שנעל שטאַרבן; דערפאַר האָב איך זיי באַפוילן אַז זיי זאָלן זיך שיצן קעגן דער קעלט אין דער גרוב וואָס זיי האָבן אויסגעגראָבן.

דער כעס פון דעם דייטש איז געווען אין־לשער. ער האָט מיך מיט רוגזה אַ פרעג געטאָן: „ווער האָט אויף דעם אָסט־פּראָנט, ווו מיין זון

איז אומגעקומען, אים געפרעגט צי עס איז אים קאַלט?!... צי ווילן די הינטישע יידן אַז איך זאָל מיך זאָרגן וועגן דעם צי עס איז זיי קאַלט?!... אַרויס צו דער אַרבעט!".

איך האָב דעם דייטש רואיק אָפּגעענטפערט אַז אין די באַדינגונגען קאָן איך נישט טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער אַרבעט פון די מענטשן און אַז זייער לעבן איז אין געפאַר, וואָס עס איז נישט דער־לאָזבאַר אין אַן אַרבעטס־לאַגער.

דער דייטש איז אַוועקגעלאָפן אין לאַגער אַריין און איז באַלד צוריקגעקומען מיט דעם עס־עס־לאַגער־פירער, וועלכער האָט געהייסן די העפטלינגע צוריקגיין אין לאַגער אַריין און מיר האָט ער אָנגעזאָגט אַ באַלדיקע תליה.

אַ גאַנצן טאָג איז די קאָמאַנדאָ געשטאַנען אויף דעם אַפּעל און געוואַרט אויף מיין תליה. די וואַך פון די עס־עס־רוצחים איבער מיר איז געווען אַ שטרענגע. ווייזט אויס, אַז דער באַפעל פון די העכערע לאַגער־פירער איז נישט געקומען. מיין תליה איז געבליבן ליידיק.

מיינע פריינט האָבן געציטערט פאַר מיין לעבן. אויסגעלאָזט האָט זיך אַז אונדזער קאָמאַנדאָ איז עטלעכע טעג געבליבן אין לאַגער ביז עס איז אונדז געליפערט געוואָרן וואַרעמע וועש. און וועגן מיין תליה איז שוין דעם צווייטן טאָג מער קיין רייד נישט געווען.

די דאָזיקע געשעעניש האָט געהאַט אַ דעצידירנדיקן איינפלוס אויף דעם צוקונפטיקן גורל פון אונדזער לאַגער.

ביי דעם קליינטשיקן דייטש באַגוט האָט זיך מיטאַמאָל דערוועקט אַ געפיל פון דרך־ארץ צו אונדז. ער האָט געהאַט וועגן יידן די טונקלסטע מיינונג ווי וועגן אונטערמענטשן און מיטאַמאָל טרעפט ער דעם ערשטן ייד, וואָס רופט אַרויס ביי אים רעספּעקט מיט זיין האַנדלונג. ער האָט

עס מיט חדשים שפּעטער מוד, [illegible]וען, אַז די דאָזיקע סצענע איז געווען פאַר אים איינע פון די שטאַרקסטע דערשיטערונגען.

פון דעם טאָג אָן האָבן מיר אין אים געהאַט אַ פאַרבינדעטן. זיין איבערגעגעבנקייט פאַר אונדזער זאַך איז מיט דער צייט דערגאַנגען ביז צו מסירת־נפש. מיט זיין הילף און מיט דער הילף פון אַ פוילישן קאַפּאָ, וואָס מיר האָבן געוואונען פאַר אונדזער זאַך, איז אונדז געלונגען אָפּ־צוראַטעווען אַ סך יידישע נפשות.

די פאַקטן און פּאַסירונגען פון דעם לאַגער איז מיר אוממעגלעך היינט, נאָך אַזויפיל צייט, צו דערמאָנען אין כראָנאָלאָגישן סדר. איך בעט פון פאָרויס דעם לייענער און מיינע לאַגער־חברים מיר מוחל צו זיין דעם „אין מוקדם ומאוחר".

## די „טעכניק" פון די סעלעקציעס

אונדזער ערשטע אויפגאַבע איז געווען צו פאַרמיידן אַז עס זאָלן ביי אונדז פאָרקומען סעלעקציעס. עס זענען צו אונדז דערגאַנגען ידיעות אַז אין אַנדערע אַרבעטס־לאַגערן און דער עיקר אין דעם פירסטן־גרובן, וואָס איז צו אונדז געווען נאָענט, קומען זייער אָפט פאָר סעלעקציעס. באַלד האָבן מיר זיך דערוווסט וועגן דעם אופן פון דער סעלעקציע־טעכניק אין אַן אַרבעטס־לאַגער. ביי די דייטשע רוצחים איז גאָרנישט געטאָן געוואָרן צופעליק, אָן אַ פּלאַן און אָן אַ סיסטעם.

די טעכניק פון די סעלעקציעס איז געווען אַ פּשוטע. יעדן טאָג האָבן געמוזט אַלע העפטלינגע אַרויסגיין צו דער אַרבעט. די עס־עס־לייט האָבן פון דער דייטשער פירמע באַקומען באַצאָלט פאַר יעדן אַרבע־טער און זיי האָבן געמוזט צושטעלן אַ ליסטע פון די וואָס האָבן גע־אַרבעט. איז אַ העפטלינג קראַנק געוואָרן און נישט געווען אַרבעטס־פעאיק, האָט מען אים אַרײַנגענומען אין קראַנקענבוי, דאָס הייסט אין לאַגער־שפּיטאָל.

דער קראַנקענבוי האָט יעדן טאָג געשיקט קיין אוישוויץ אַ ליסטע פון די קראַנקע וואָס האָבן זיך געפונען אין שפּיטאָל. ווען עס האָבן זיך אין קראַנקענבוי געפונען אַ סך קראַנקע איז אַראָפּגעקומען דער עס־עס־דאָקטער פון לאַגער און ער האָט געמאַכט אַ סעלעקציע פאַר דער גאַז־קאַמער בכדי נישט צו האָבן קיין אומזיסטע עסערס.

פון דער רגע אָן ווען מיר האָבן זיך באַקענט מיט דער דאָזיקער סעלעקציע־טעכניק איז אונדזער אויפגאַבע געווען אַ קלאָרע: פאַרמײַדן אַז קראַנקע זאָלן גיין אין קראַנקענבוי.

היות אָבער עס איז נויטיק געווען אויפצוווייזן יעדן טאָג אַז זיי געפינען זיך בײַ דער אַרבעט האָבן מיר זיי פאַרשריבן אויף דער ליסטע פון דער צווייטער קאָמאַנדע.

די דאָזיקע קאָמאַנדע וואָס האָט, ווי געזאָגט, געאַרבעט בײַם אויפ־בויען דעם לאַגער, האָט געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע אויסצובאַהאַלטן אין משך פון אַ גאַנצן טאָג די קראַנקע און שוואַכע.

צו דעם צוועק האָבן מיר געשאַפן אַ גאַנצע רייע מיטלען. עס זענען געווען קראַנקע וואָס האָבן געמוזט זיין אין אַ וואַרעמער שטוב, אָדער אַנדערע וואָס האָבן גאָר געמוזט ליגן און אַפילו אין אַ בעט; צו דעם צוועק האָבן מיר אַ טייל פון זיי באַהאַלטן אין דער וואַרעמער קליידער־קאַמער, ווו עס איז צוערשט געזעסן מאָטעק ליכטענשטיין פון בענדין און דערנאָך גלייצער פון סאָסנאָוויץ.

אין דער דאָזיקער קליידער־שטוב האָבן מיר געהאַט דאָס רעכט צו האַלטן בלויז איין מענטש, אָבער אין די קאַלטע שנייאיקע טעג זענען דאָרט געווען אויסבאַהאַלטן ביז פופצן מענטשן.

עס האָט עקזיסטירט אין לאַגער אַ סטאָליעריי מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט אַ בענדינער סטאָליער. דאָ איז געווען אַ קליין אייוועלע און עס איז געווען גוט וואַרעם. אין דער סטאָליעריי האָבן מיר געקאָנט אויסבאַהאַלטן עטלעכע קראַנקע. אויף דער בוי־שטעלע גופא האָט מען געבויט הייזלעך מיט קעלערס. אין די קעלערס האָבן מיר מיט דער הילף פון דעם דייטש באָגוט אויפגעשטעלט אייוועלעך מכלומרשט אַז די וועגט זאָלן שנעל טריקענען. ביי די אייוועלעך זענען אַ גאַנצן טאָג געלעגן און געשטאַנען שוואַכע און קראַנקע, אומפעאיקע צו דער אַרבעט.

נישט איין מאָל זענען מיר אויסגעשטאַנען „צרות" פון קראַנקע וואָס זענען דערווייל געזונט געוואָרן, אָבער זיי האָבן נישט געוואָלט אָפּטרעטן זייער גוטן פּלאַץ פאַר אַנדערע, מער באַרעכטיקטע פאַר זיי. אַחוץ דעם איז געווען אַ מכשירים־קאַמער ווו מיר האָבן אַריינגעזעצט צוויי אָדער דריי מענטשן צו פאַרטיילן די מכשירים און אחרון אחרון: דער בלאָק, אין וועלכן אלתר בריקנער איז געווען בלאָק־עלטסטער און זאב לאָנדנער שטובענדינסט.

אין אלתרס בלאָק האָבן מיר אויסבאַהאַלטן די גאָר שווער־קראַנקע וואָס האָבן זיך געניטיקט אין אַ בעט.

אין אָנהייב איז דאָס געווען אוממעגלעך, ווייל די צווייטע קאָמאַנדאָ איז אַרויסגעגאַנגען צום בוי פון דעם נייעם לאַגער און די בלאָקן האָבן זיך געפונען אין אַלטן לאַגער. דערצו איז אלתר בריקנער נישט געווען באַלד דער בלאָק־עלטסטער און מיט זיין פריערדיקן ברוטאַלן בלאָק־עלטסטן האָבן מיר דאָס נישט געקאָנט טאָן. אָבער שפּעטער האָט זיך דער גאַנצער לאַגער איבערגעצויגן אין די נייע געביידעס און די צווייטע קאָמאַנדאָ האָט געאַרבעט אין דעם לאַגער ווו מיר האָבן זיך געפונען.

אין דעם בלאָק זענען די קראַנקע געלעגן אַ גאַנצן טאָג. זאב לאַנדנער איז אַרומגעלאָפֿן פֿון פֿרימאָרגן ביזן אָוונט אַרום דעם בלאָק בכדי אויסצושפּירן די לאַגע און אויב ער האָט דערזען פֿון דער ווייטנס זיך דערנענטערן אַן עס־עס־קאָנטראָלע האָט ער מיט אַלתרן אַזוי אָרגאַניזירט דעם ענין אַז די קראַנקע זאָלן אַרויסלויפֿן אָדער אַרויס־געטראָגן ווערן דורך די הינטער־פֿענצטער. באַלד נאָך דעם פֿאַר־בײַגיין פֿון דער עס־עס־קאָנטראָלע האָבן זיך די קראַנקע ווידער געפֿונען אין זייערע בעטן.

דאָס זעלבע איז געווען אין דער וואַרעמער קליידער־קאַמער. די עס־עס־לייט פֿלעגן אָפֿט אָפּשטאַטן וויזיטן אין דער קליידער־קאַמער, ווייל זיי האָבן פֿון דאָרט אַרויסגעצויגן פֿאַר זייער פּערזענלעכן געברויך אַלע שיינע און גוטע זאַכן.

דערפֿאַר אפשר האָבן זיי טאָלערירט אַז אַחוץ דעם פֿאַרוואַלטער אין דער קליידער־קאַמער זאָל זיך דאָרט אויך געפֿינען איין שוסטער און איין שניידער. דער שוסטער האָט געהאַט די אויפֿגאַבע צו מאַכן פֿאַר די עס־עס־לייט פֿיינע שיך און שטיוול און דער שניידער צו נייען פֿאַר זיי אָנצוגער און מונדירן.

אָבער ווען די קליידער־שטוב איז געווען פֿול מיט מענטשן האָבן מיר געמוזט שטעלן אַ וואַך בכדי באַצייטנס אָנצוזאָגן דאָס דערנענטערן זיך פֿון דעם עס־עס־מאַן און אויסצובאַהאַלטן די מענטשן.

אַזוי האָבן מיר שנעל געשאַפֿן אַ סיטואַציע בעת וועלכער אין קראַנ־קענבוי זענען נישט געווען פֿאַרשריבן קיין קראַנקע אָדער גאָר ווייניק לייכטע קראַנקע און דערמיט האָבן מיר אויסגעמיטן די שרעקלעכע סע־לעקציעס.

ווען פֿון אַנדערע לאַגערן זענען צו אונדז דערגאַנגען ידיעות וועגן מוראדיקע סעלעקציעס אין די קראַנקענשטיבער האָט אונדז דאָס האַרץ געשניטן פֿאַר ווייטיק פֿאַרוואָס מיר קאָנען זיי גאָרנישט העלפֿן.

אין אונדזער לאַגער זענען מער קיין סעלעקציעס פון קראַנקע נישט פֿאָרגעקומען.

דער מצב איז אָבער נישט געווען קיין לייכטער, ווייל עס איז גע־קומען אַ מאָמענט ווען פון די איבער צוויי הונדערט העפטלינגע, וואָס האָבן געאַרבעט אויף מיין קאָמאַנדאָ, זענען מער ווי די העלפט געווען אומפעאיק צו דער אַרבעט. אויך פון דער ערשטער קאָמאַנדאָ און שפּע־טער פון דער דריטער, ווען עמעצער איז קראַנק געוואָרן האָבן מיר אים געמוזט פֿאַרשרייבן אויף דער צווייטער קאָמאַנדאָ.

דערווייל האָט אוישוויץ געשיקט צו אונדז נייע פּוילישע און דייטשע קאַפּאָס און פֿאָראַרבעטער. די דייטשן זענען כמעט אָן אויסנאַם געווען פּראָפעסיאָנעלע פֿאַרברעכער און אויך די פּאָליאַקן זענען נישט געווען בעסער.

צוערשט זענען מיר געווען געצוווּנגען זיך אויך אַרויסצוהעלפן מיט דער ערשטער קאָמאַנדאָ ווו יידל פּאָטאָק איז געווען קאַפּאָ, העניעק ערליך און איינער פון די ברידער בוכווייץ זענען געווען קאָמאַנדאָ־שריי־בער און צבי דאַנציגער — טעכנישער פֿאַראַנטוואָרטלעכער.

מיט זייער הילף האָבן מיר די ווייניקער קראַנקע מיטגעשיקט אויף דער ערשטער קאָמאַנדאָ, ווו זיי זענען אויסבאַהאַלטן געוואָרן. שפּעטער האָט זיך די סיטואַציע געענדערט, ווייל יידל פּאָטאָק און בוכווייץ זענען צו אונדזער גרויסן ווייטיק אויפגעהאָנגען געוואָרן אין מיטן לאַגער מיט נאָך דריי קדושים, וואָס די דייטשן האָבן חושד געווען אין וועלן אַנטלויפן.

אין צווישן־צייט איז צו אונדז צוגעקומען משה קובאָוויצקי, אַ יונגער אַרכיטעקט פון בעלגיע, וועגן וועלכן איך האָב שוין געשריבן, און עס איז אונדז געלונגען צו פֿאַרטרייבן דעם מערדערישן לאַגער־עלטסטן פריץ.

אויף זיין אָרט איז געקומען אַ נייער לאַגער־עלטסטער, ווערל,

אַ פּאָליטישער העפטלינג, אַ דײַטש פון מינכען, וועלכער איז געווען אויף אונדזער זײַט.

## פּעטש פאַר נישט־פּערפעקטער פעלשונג...

אין אָט די באַדינגונגען פון אויסבאַהאַלטן די קראַנקע און שוואַכע האָבן מיר זיך געפונען אין אַ שווערער לאַגע. עס איז נישט גענוג געווען אויסצובאַהאַלטן די מענטשן. אַ געוויסע אַרבעט לויט די דײַטשע נאָר־מעס האָט דאָך געמוזט אַדורכגעפירט ווערן. יעדער אַרבעטער האָט געדאַרפט צושטעלן אַ פעסטגעשטעלטע נאָרמע. אַן אַרבעטער האָט גע־מוזט טעגלעך אויסגראָבן אַזויפיל און אַזויפיל קוביק מעטער. אַזאַ און אַזאַ צאָל ציגל האָט דורך דעם אַרבעטער געמוזט טעגלעך אײַנגע־מויערט ווערן.

די מינדסטע אַרבעט האָט געהאַט איר חשבון. בכדי דער לאַגער זאָל קאָנען פאַררעכנט ווערן אַלס „שוועראַרבײַט" איז נויטיק געווען אַז אין אַלגעמײַן זאָלן לויט דער צאָל מענטשן אין לאַגער אויסגעפירט ווערן פינף און זיבעציק פּראָצענט פון די נאָרמעס.

דאָס פאַררעכענען דעם לאַגער צו שווערער אַרבעט איז געווען פון גאָר גרויסער באַדײַטונג, ווײַל פאַר שווערער אַרבעט איז צוגעטיילט געוואָרן אַ בעסער עסן פון אַ העכערער צאָל קאַלאָריעס.

יעדע וואָך האָב איך אויפגעשטעלט אַ גענויע ליסטע פון די אויס־געפירטע אַרבעטן פון דער צווייטער קאָמאַנדאַ. די דאָזיקע ליסטע איז

**דורך דעם דייטש באַגוט באַשטעטיקט געוואָרן און איז אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ.**

עס איז לייכט צו פאַרשטיין אַז די אויפגעשטעלטע ליסטע איז געווען אַ פאַלשע. איך וועל נישט מגזם זיין אויב כ׳וועל זאָגן אַז די צווייטע קאָמאַנדאָ, ווו עס זענען געווען אויסבאַהאַלטן אַזויפיל קראַנקע און שוואַכע מענטשן, האָט נישט אויסגעפירט קיין פערט־חלק פון די אַרבעטן וואָס זענען צוגעשטעלט געוואָרן יעדע וואָך.

דער דייטש באַגוט האָט געקענט די סיטואַציע און דאָך האָט ער די צוגעשטעלטע ליסטע באַשטעטיקט. עס האָט זיך אָבער באַלד אַרויס־געוויזן אַז אויך די ערשטע קאָמאַנדאָ מוז פעלשן אירע אַרבעטס־צושטע־לונגען. דאָרט איז די סיטואַציע נישט געווען אַזוי דראַסטיש, ווייל די צאָל אַרבעטס־פעאיקע מענטשן איז געווען אַ סך אַ גרעסערע. דאָך איז די פּאַקטיש־אויסגעפירטע אַרבעט געווען אַ סך ווייניקער ווי פינף און זיבעציק פּראָצענט. עס האָט געדראָט אַז דער לאַגער זאָל באַקומען צוגעטיילט עסן אין אַ קלענערער צאָל און נישט ווי פאַר דער קאַטע־גאָריע שווער־אַרבעטער, און מיר האָבן אויך מורא געהאַט אַז אויב דער חשבון פון דער אויסגעפירטער אַרבעט וועט זיך אַ צו נידעריקער קאָנען די דייטשן איינזען אַז דער גאַנצער לאַגער איז גאָרנישט לעבנס־באַרעכטיקט און דעמאָלט וואָלט געקאָנט דראָען אַ סעלעקציע.

אויף דער ערשטער קאָמאַנדאָ האָט די דאָזיקע ליסטע געמאַכט צבי דאַנציגער. איך האָב אים אויסגעלערנט ווי אַזוי מען מאַכט דאָס. אָבער ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל געברענגט דעם פאַלשן אַרבעטס־חשבון האָט ער אַריינגעכאַפּט אַ פּאָר פייערדיקע פּעטש פון דעם עס־עס־לאַגער־פירער. די פּעטש האָט ער אַריינגעכאַפּט נישט פאַר דעם וואָס ער האָט געפעלשט די ליסטע, נאָר ווייל ער האָט די פעלשונג געמאַכט אויף אַן אומגעלומפּערטן פּאַרטאַטשנעם אופן. די פּעטש האָבן גאָרנישט געשטערט דאַנציגערן אַז ער זאָל די אַנדערע וואָך ווידער פעלשן די

ליסטע, נאָר דאָס מאָל שוין מיט אַ פאַרבעסערטער טעכניק. און אַזוי האָט דאָס אָנגעהאַלטן חדשים־לאַנג.

אַלע פאַראַנטוואָרטלעכע פון לאַגער זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער פעלשונג. דער דייטש באַגוט און אויך דער פון דער ערשטער קאָמאַנדאָ, ווייל זיי האָבן געהאַט אַ גוטן ווילן; דער עס־עס־לאַגער־פירער — ווייל מיר זענען געווען אין יאָר 1944 און עס האָט געדראָט אַז אויב דער אמת וועגן דער גאָר נישטיקער צאָל פון דער אויסגע־פירטער אַרבעט זאָל אויפגעדעקט ווערן און דעמאָלט וועלן די העכערע עס־עס־לייט באַפעלן אויפצולייזן דעם לאַגער, און זיי, די עס־עס־אויפ־זעער פון לאַגער וועלן געשיקט ווערן אויפן רוסישן פראָנט. דאָס הייסט, אַז דער עס־עס־פירער וועלכער האָט יעדע וואָך אַוועקגעשיקט קיין אוישוויץ, אין דער צענטראַלע, די פאַלשע ליסטע, האָט קלאָר געוווּסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און ער איז אַפילו געווען פאַראינטערעסירט אין דעם. און אויב האָט ער צבי דאַנציגערן געגעבן די פעטש, האָט ער דעמאָלט אים געוואָלט צווינגען אַז ער זאָל די פעלשונג מאַכן בעסער און נישט אַזוי פאַרטאַטשנע...

***

צו דער טעטיקייט האָבן מיר גענאָסן פון דער הילף פון דאָקטאָר קאָוואַץ.

ד"ר קאָוואַץ, אַן אונגאַרישער ייד, איז געווען פון באַרוף אַ דענטיסט, אָבער אין לאַגער האָט ער אָנגעפירט מיטן אַזוי גערופענעם קראַנקענ־בוי. אין קליינעם שפיטאָל האָט מען די קראַנקע געגעבן די ערשטע הילף, די וואָס האָבן געהאַט היץ. עס זענען דאָרט געשטאַנען עטלעכע בעטלעך. אין אָנהייב איז געווען אַ גליק אַריינצובאַקומען זיך אין דעם שפיטאָ־לעכל, ווייל מען האָט דאָרט געקאָנט זיך אויסרוען עטלעכע טעג. אָבער ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט אַז די קראַנקע וואָס געפינען זיך דאָרטן זע־

נען באַשטימט פֿאַר אַ סעלעקציע האָבן זיך דאָרט מער קיין קראַנקע נישט געפֿונען.

ד״ר קאָוואַץ האָט אונדז געגעבן אָנווייזונגען וועגן צושטאַנד פֿון יעדן קראַנקן און אונדז אַפֿילו מיטגעגעבן געוויסע פּרימיטיווע מעדיקאַמענטן פֿאַר די וואָס וועלן דאַרפֿן צוריקגיין אַרבעטן מיט דער קאָמאַנדאָ. מיט די דאָזיקע מעדיקאַמענטן האָט זיך באַנוצט ד״ר גאָלדבערג, וועגן וועלכן איך וועל נאָך שרייבן. אַזוי האָט געטראָפֿן אַז אויף אַן אַרבעטס־פֿעלד זע־נען געשטאַנען עטלעכע קראַנקע העפֿטלינגע אָנגעלענט אויף זייערע אַר־בעטס־מכשירים: לאָפּעטעס אָדער גראָבאַייזנס. זיי זענען געווען אַזוי אָפּגע־שוואַכט צוליב זייער קראַנקייט, אַז די איינציקע זאַך וואָס זיי האָבן גע־קאָנט טאָן איז געווען אָנצולענען זיך אויף זייער לאָפּאַטע בכדי נישט אָוועקצופֿאַלן אויף דר׳ערד. איז אָבער געווען אַ געפֿאַר אַז ווען דער עס־עס־אויפֿזעער וועט קומען קאָנטראָלירן די אַרבעט וועט ער זען אַז עס איז גאָרנישט אויסגעגראָבן געוואָרן. איז פֿון צייט צו צייט איינער פֿון אונדז צוגעלאָפֿן און געגראָבן אַ ביסל פֿאַר יעדן פֿון די קראַנקע. אַזוי אַרום האָט זיך באַקומען אַז זיי האָבן געמאַכט זייער אַרבעט. עס איז נאָך צוגעקומען אַן אַנדערער רעזולטאַט פֿון דאָזיקן „שווינדל״:

היות, ווי געזאָגט, מיר האָבן אויפֿגעוויזן ביי אַלע קאָמאַנדאָס אַ גרויסע צאָל „אַרבייטסלייסטונג״, איבער 75 פּראָצענט, האָט דער לאַגער באַקומען צו עסן, ווי פֿאַר דער קאַטעגאָריע „שוועראַרבייט״. אַזוי זענען געווען די געזעצן (אויב מען קען זיי אַזוי אָנרופֿן) פֿון „אַרבייטסאיינ־זאַץ״. ווייל מיר דאַרפֿן נישט פֿאַרגעסן אַז די עס־עס־לאַגער־לייטונג פֿון אוישוויץ האָט געהערשט איבער די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס און זי האָט אויסגעפֿירט דעם פּלאַן פֿון דער פֿאַרניכטונג פֿון אַלע יידן. זי איז אָבער געווען גלייכצייטיק פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַרן אַרבעטס־מיניס־טעריום וואָס נוגע דער גוטער אַרבעטס־לייסטונג פֿון די געפֿאַנגענע. אַזוי, למשל, האָט געטראָפֿן, אַז דער עס־עס־דאָקטער פֿון אוישוויץ איז איינ־מאָל געקומען אין לאַגער און פֿאַרגעשריבן פֿאַר עטלעכע צענדליק יוגנט־לעכע פֿון אונטער זעכצן יאָר אַ צוגאָב פֿון אַ פֿערטל ליטער מילך און

צומאָרגנס איז ער געקומען און האָט סעלעקציאָנירט די זעלבע יוגנטלע־כע פאַר דער גאַז־קאַמער אַלס מוזולמענער.

דאָס ערשטע, דאָס הייסט די מילך, האָט ער פאַרגעשריבן אין אויפ־טראָג פון אַרבעטס־מיניסטעריום און דאָס צווייטע, דאָס הייסט, די גאַז־קאַמער, האָט ער באַשטימט אין אויפטראַג פון דער עס־עס־לייטונג פון אוישוויץ, אין הסכם מיטן פּלאַן פון פאַרניכטונג.

און מערקווירדיק, אַז צו דעם זענען נאָך צוגעקומען אַזוי גערופע־נע אַרבעטס־אויסצייכענונגען, דאָס הייסט מתנות פאַר די גוטע אַרבע־טער, וואָס האָבן אין משך פון דער וואָך געמאַכט אַ גוטע אַרבעט. די אַרבעטס־אויסצייכענונגען זענען געגעבן געוואָרן דורך דער לייטונג פון דער בוי־שטעלע, דאָס הייסט, פון דער ציווילער פירמע פאַר וועלכער עס האָט געאַרבעט דער לאַגער.

## די פּאַסיע פון רויכערן

אין לאַגער איז געווען אַ קאַנטינע וווּ מען האָט געקאָנט קויפן צוויי זאַכן: ציגאַרעטן און זויער־קרויט. אָבער געלט איז געווען „טריף״. אין דער קאַנטינע האָט מען בלויז געקאָנט קויפן פאַר די באָנעס פון דער בוי־שטעלע.

עס זענען געווען אין לאַגער גאָר אַ סך מענטשן, וואָס האָבן בשום־אופן נישט געקאָנט זיך אָפּזאָגן פון רויכערן. היות אָבער עס האָט נישט עקזיסטירט קיין שום מעגלעכקייט צו קאָנען זיך פאַרשאַפן ציגאַרעטן אָדער טאַבאַק, איז דאָס געוואָרן דער וויכטיקסטער עלעמענט פון האַנדל און שמוגל. אויף די בוי־שטעלעס האָט מען געאַרבעט צוזאַמען מיט ציווילע אַרבעטער, מיט וועלכע מען האָט געקאָנט האַנדלען. אויך עס־עס־לייט, די לאַגער־עלטסטע, די בלאָק־עלטסטע, די דייטשע קאַפּאָס און די אַרבעטס־אויפזעער זענען געווען פאַרמישט אין דעם שמוגל. מען האָט פשוט אויסגעטוישט אַ שטיק ברויט, אַ שטיקל וורשט, אָדער אַ זופּ פאַר טאַבאַק. דער סכום עסן איז בכלל גענומען געווען אַ סך נידעריקער פון דעם מינימום קאַלאָריעס אין וועלכע עס האָט זיך גענויטיקט דער מענטשלעכער קערפּער. פון דאָזיקן סכום איז נאָך אַ טייל באַרויבט געוואָרן אויפן וועג צו דער פאַרטיילונג. אַזוי אַרום האָט זיך פאַרמערט די גרויסע מאַסע מוזולמענער. די גרויסע צאָל מענטשן וואָס האָבן מער נישט געהאַט קיין פיזישע כוחות צו לעבן. איז צו דעם נאָך צוגעקומען די צרה מיטן רויכערן, ווען מען איז גרייט געווען פאַר אַ ביסל טאַבאַק אַוועקצוגעבן דעם ביסן, אַמאָל דעם לעצטן ביסן פון מויל, וואָס דאָס האָט אויך פאַרגרעסערט די צאָל מוזולמענער, ווייל די, וואָס האָבן פאַרקויפט זייער ברויט פאַר אַ ביסעלע טאַבאַק, האָבן אַליין צוגעאײַלט זייער טויט.

היות מיר האָבן אויפגעוויזן אַ הויכע אַרבעטס־לייסטונג האָבן מיר געהאַט רעכט צו באַקומען באָנעס פאַר די גאָר גוטע אַרבעטער, וואָס האָבן אין משך פון דער וואָך געהאַט אויף זייער חשבון די העכסטע אַרבעטס־נאָרמע.

די פּראָצעדור פון צוטיילן די באָנעס איז שטענדיק געווען די זעלבע. באַגוט, דער ציווילער אויפזעער פון דער פירמע, וועגן וועלכן איך האָב שוין געשריבן, פלעגט קומען יעדן שבת נאָך מיטאָג, דאָס הייסט נאָך דער אַרבעט, בכדי צו פאַרטיילן די באָנעס. איך, אַלס זיין פאַרטרוילעכער מיטאַרבעטער, האָב געהאַט די אויפגאַבע אויפצושטעלן די רשימה

פון די „גוטע" אַרבעטער. האָבן מיר צווישן זיך איינגעפירט אַזאַ סדר אַז אויף דער רשימה זענען ארויפגעשטעלט געוואָרן די סאַמע שוואַכסטע און קראַנקע. אַזוי אַרום האָבן זיי באַקומען די באַנעס פּאַר וועלכע זיי האָבן זיך געקאָנט קויפן זויער־קרויט און ציגאַרעטן, וואָס זיי האָבן אויס־געטוישט אויף גוט עסן.

דער דאָזיקער עפּיזאָד פון לאַגער־לעבן האָט אַ וויכטיקע באַדיי־טונג און איז כדאי צו ווערן אַרויסגעהויבן אין אַ ספר וואָס זיין ערשטע טייל הייסט: „ליכט אין גיהנום". און מ'דאַרף אויך נעמען אין אַכט וואָס עס זענען געווען צווישן די העפטלינגע אויף דער בוי־שטעלע גענוג שטאַרקע מענטשן וואָס האָבן געוווסט ווי אַזוי זיך אַן „עצה" צו געבן און וואָס האָבן מער־ווייניק גוט געאַרבעט און וואָס פּאַקטיש איז זיי געקומען די באַנעס פּאַר גוטער אַרבעט... אין אָנהייב איז אָנגעגאַנגען וועגן דעם אַ מחלוקת אין לאַגער, אָבער באַלד האָבן אַלע אָנגענומען דעם סדר פון דער פּאַרטיילונג פון די באַנעס אַלס גערעכטע האַנדלונג, וואָס האָט גע־דינט צו העלפן די שוואַכע.

פּאַר אונדז האָט דאָס באַדייט אַ ווידערשטאַנד־טעטיקייט וואָס האָט אַרומגענומען אַלע געפאַנגענע אין איין בשותפותדיקן גורל און ווילן צום קאַמף קעגן טויט.

דער נייער לאַגער־עלטסטער ווערל האָט מיט די אַרבעטס־ענינים גאָרנישט געהאַט קיין געמיינזאַמס, דאָך איז אונדז זיין הילף געווען זייער וויכטיק, ווייל ער האָט פאָרגעשלאָגן די נאָמינאַציע פון די קאַפּאָס, פאָר־אַרבעטער און אויך אויף אַלע אַנדערע געביטן אין לאַגער גופא. עס איז וויכטיק געווען, אַז די דאָזיקע מענטשן זאָלן אונדז העלפן און נישט שטערן. אלתר בריקנער איז געווען דער קרוב למלכות פון לאַגער־עלטסטן און מיט זיין הילף האָט ער אויפגעטאָן אַ סך זייער וויכטיקע זאַכן.

## אומפאַרגעסלעכע געשטאַלטן

דאָס בילד וועגן דער חברשאַפט פון די מענטשן און דעם גייסט, אין וועלכן זיי האָבן געלעבט און אַנטוויקלט זייער טעטיקייט, פאַרלאַנגט איך זאָל שרייבן וועגן צוויי מענטשן: וועגן דעם שוין דערמאָנטן משה קובאָוויצקי און יחיאל פיינער פון סאָסנאָוויץ.

משה קובאָוויצקי האָט געהאַט אַ גאָר וויכטיקע אויפגאַבע. קיינער האָט זי אים נישט אויפגעגעבן, ער האָט זי אַליין אויף זיך גענומען, ווייל זי איז אים געווען צום האַרצן און געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַר זיין טעמפּעראַמענט. עס האָט אים אויך צוגעדינט דער פאַקט וואָס זייענדיק פון בעלגיע איז ער געווען דער איינציקער צווישן אונדז וואָס האָט גערעדט פראַנצויזיש. גראָד זענען אין לאַגער געווען עטלעכע יינגלעך פון פראַנקרייך, בעלגיע און האָלאַנד וואָס אויך זייער שפּראַך איז געווען פראַנצויזיש. קובאָוויצקי, וועלכער איז געקומען אין לאַגער שפּעטער פון אונדז אַלע, האָט זיך גלייך איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט און ער איז געוואָרן דער פאָטער פון דער יונגער חברה. די גרעסטע טייל פון זיי איז געווען אין זייער אַ שלעכטן צושטאַנד ווען קובאָוויצקי איז אָנגעקומען אין לאַגער אַריין. עס איז נויטיק געווען זיי צו שטעלן אויף די פיס, זיי צו באַזאָרגן אַן אַרבעטס־אָרט, ווו זיי זאָלן זיך קאָנען אַ ביסל אָפּרוען, און צו פאַרשאַפן זיי אַ ביסל עסן. מיט זיין געוויינלעכער באַשיידנקייט האָט משה קובאָוויצקי דערפילט די דאָזיקע אויפגאַבע. ער האָט פאַרשטאַנען דאָס אַלץ צו טאָן שטיל, אָן רעש און מיט איבערגעגעבנקייט און איז אויף אַן אמת געוואָרן פאַר די יוגנטלעכע אי אַ פאָטער און אי אַ חבר. אַז עס

איז נויטיק געווען איז ער אויך געווען ביכולת אָװעקצוגעבן עפּעס פון זיך פאַר אַן אַנדערן, ווען דאָס איז געווען פּקוח נפש.

ביי היינט צו טאָג געפינען זיך אַ סך פון יענע יוגנטלעכע אין ישראל, אין פראַנקרייך, אָדער ערגעץ אַנדערש. זיי האָבן נישט פאַרגעסן, אַז אויב זיי לעבן איז דאָס אַ דאַנק דער איבערגעגעבנקייט און מסירת־נפש פון משה קובאָוויצקי. פאַר אונדז אַלע, וואָס האָבן מיט אים געפירט די אונטערערדישע טעטיקייט אין לאַגער איז ער פאַרבליבן אַ חבר און אַ ברודער.

ער איז געקומען צו אונדז אין לאַגער פון אַן אַנדערער וועלט. ער, ווי געזאָגט, איז נישט געווען מיט אונדז אין בירקענוי. געקומען איז ער אויך פון אַ לאַנד ווי בעלגיע און נישט ווי מיר, פון די פּוילישע שטעטלעך, וווּ די יידן האָבן מער פאַרשטאַרקט ביי אונדז די ווידערשטאַנד־קראַפט. ער איז געקומען אין מיטן יאָר ווען מיר זענען שוין געווען גוט אָרגאַניזירט אין אונדזער ווידערשטאַנד־טעטיקייט. ער איז געקומען אַלס אינזשיניער. פון דער ערשטער רגע האָבן אונדזערע מענטשן אים אַרומגערינגלט מיט אַן אויפריכטיקער פריינטשאַפט.

געניוי ווי פּאָסטעל, איז ער געווען אויסגעקאָכט אין אַלע אונדזערע אַקציעס. ער האָט קיין סך נישט גערעדט, אָבער זיין אָנוועזנהייט לעבן אונדז האָט אויף אונדז גוט געווירקט. ער האָט אַפּראָבירט דאָס וואָס מיר האָבן געטאָן און אויב נויטיק, איז ער גרייט געווען אויך אויסצופירן ממשותדיקע מעשים.

ער האָט שטענדיק געטראָגן דעם קאָפּ הויך. אַליין אַ קליין־וווקסיקער, האָט ער דעם מענטש תמיד גלייך געקוקט אין די אויגן אַריין, דעם מענטש מיין איך יידן, אָבער אויך צו די עס־עס־לייט, להבדיל, האָט ער געקוקט רואיק מיט אַ געוויסער שטאָלצקייט. ער האָט אַלץ געטאָן אָן בהלה, אָן געלויף. די דאָזיקע רואיקייט האָט געווירקט אויף אונדז אַלעמען וואָס שטענדיק זענען מיר געווען אין אַ פיבערדיקן געלויף און אומרו. ער האָט געווירקט אויף אונדז באַרואיקנדיק און געוועקט אין אונדז בטחון. זיין

פונקציע האָט אים געגעבן דאָס רעכט צו ווינען מיט נאָך צוויי אַנדערע מענטשן אין אַ באַזונדער שטיבל. דאָס שטיבל איז געווען פאַר אונדז אַן אָרט פון גייסטיקן אָפּרו. זיין שטיבל איז אָפּטמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן פאַר אונדז אין אַ בית וועד לחכמים אין פולסטן זין פון וואָרט.

צו אונדזער חברה האָט אויך געהערט יחיאל פיינער.

ער איז געווען אַ שרייבער. איך האָב אים נישט געקענט פאַר דער מלחמה. אונדזער ערשטע באַקאַנטשאַפט שטאַמט פון לאַגער בירקענוי און איך האָב נישט געוווּסט צי ער איז געווען פאַר דער מלחמה אַ שרייבער, צי ער האָט בכלל דעמאָלט עפּעס געשריבן. אין לאַגער האָט ער זיך באַטראַכט אַלס שריפטשטעלער. ער איז געווען אין קאַראַנטין־לאַגער אין אַ שלעכטן בלאָק ווו מען האָט געשלאָגן און גערויבט דאָס עסן. אין דעם נייעם לאַגער איז ער יעדן טאָג אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט, ער האָט פון קיינעם גאָרנישט פאַרלאַנגט, שטענדיק געווען ריין און ציכטיק, נישט דערלאָזט אַז ער זאָל דערגיין צו אַ צושטאַנד פון אַ מוזולמאַן.

די דאָזיקע שטאַנדהאַפטיקייט און זיין באַטראַכטן זיך אַלס שרייבער האָבן געוועקט צו אים דרך־ארץ. אין אָנהייב האָט דאָס אפשר געקאָנט אַרויסרופן אַ לייכטן ביטול, אָבער באַלד האָסטו געפילט דעם ווילן וואָס שפּרודלט פון אים צו זיין אַ שרייבער.

פיינערס האַלטונג און זיין שליחות אַלס שרייבער האָבן פאַר אונדז געעפנט די טויערן פון אַ גייסטיקער וועלט אויף וועלכער די ברוטאַלעווירקלעכקייט פון דער דייטשער הערשאַפט האָט נישט געהאַט קיין שליטה. ער איז זיך געגאַנגען זיין וועג, אָבער ער איז אויך געווען מיט אונדז פאַרבונדן אין אַ מאָראַלישער שותפות. ווי אַ גרויסע טייל פון אונדזער גרופּע, איז אויך ער, צום גליק, לעבן געבליבן און ער האָט זיך גלייך נאָך דער מלחמה אַנטפּלעקט אַלס דער שרייבער אַ. קאַצעטניק, מחבר פון עטלעכע ביכער אויף דער טעמע פון די פאַרניכטונגס־לאַגערן.

***

עס האָט זיך דאָ אויך געפֿונען ד"ר גאָלדבערג. ערגעץ פֿון אַ קלײן ליטוויש שטעטל האָט מען אים געברענגט קײן אוישוויץ. ער האָט פֿאַרמאָגט אַ סך אינטעליגענץ און אײדלקײט. אין דער גונטער־גרובע איז ער געקומען ווי אַ שטראָף־העפֿטלינג, פֿון אוישוויצער הויפּט־שפּיטאָל וווּ ער האָט זיך צעקריגט מיטן הויפּט־דאָקטער.

גאָלדבערג איז געווען האַרט ווי שטאָל, אײַנגעשפּאַרט פֿאַר זײַנע איבערצײַגונגען, געבליבן פֿרײַ אין זײַנע האַנדלונגען, אַפֿילו אין די שווערסטע מאָמענטן פֿונעם לאַגער־לעבן. זײַן שליחות פֿון אַ דאָקטער האָט ער דורכגעפֿירט אָן שרעק און מיט מסירת־נפֿש. עס האָט אײנמאָל פּאַסירט אַז עס איז געווען נויטווענדיק דורכצופֿירן אַ שווערע אָפּעראַציע בײַ אײנעם וואָס מען האָט נישט געטאָרט דערלאָזן אַז ער זאָל אַרײַן אין שפּיטאָל ווײַל דאָרט וואָלט פֿאַר יענעם געווען אַ זיכערער וועג גלײַך אין גאַזקאַמער אַרײַן. האָט דאָקטער גאָלדבערג אים אָפּערירט אויף דער בוישטעלע אין דעם קעמערל פֿאַר מכשירים, וווּ ער האָט צווישן די פֿאַרבלאָטיקטע לאָפּאַטעס און אַנדערע שטיק אײַזנס געשניטן דעם קראַנקן מיט אַ פּשוט מעסערל, אָן אײַנשלעפֿערן דעם געפּערלעכן ק.־אַנקן און וועלכן מיר האָבן צוגעהאַלטן מיט אַלע כּוחות אויף דער שמאָלער באַנק.

## ווי אַזוי מען האָט אָפּגעראַטעוועט
## אַ טראַנספּאָרט ייִדן פֿון לאָדזש

אין געוויסע מאָמענטן האָט אונדזער קאַמף געמוזט אָננעמען אַנדערע פֿאָרמען. דאָס איז געווען אין די זומער־חדשים פֿון יאָר 1944.

די סאָוויעטישע אַרמיי האָט דערלאַנגט שווערע קלעפּ די דייטשן. זיי האָבן זיך כסדר צוריקגעצויגן און עס האָט געדראָט, אַז דער לאַגער זאָל מוזן עוואַקואירט ווערן.

מיר האָבן געוווּסט אַז די דייטשן האָבן אויסגעאַרבעט פּלענער אין פאַל פון אַ ריקצוג אויסצוהרגענען די געפאַנגענע. מיר זענען געווען אַנטשלאָסן צום קאַמף. צו דעם דאָזיקן קאַמף האָבן מיר זיך געהאַט מי־ליטעריש אָרגאַניזירט. מיר האָבן אַריינגעצויגן אין דער דאָזיקער אָר־גאַניזאַציע אַלע מענטשן אויף וועלכע מיר האָבן געקאָנט רעכענען און צו וועלכע מיר האָבן געהאַט צוטרוי. פון די בוי־שטעלעס האָבן די קאָמאַנ־דאָס געבראַכט פאַרשידענע קאַמפּס־מכשירים, וואָס מיר האָבן אויסבאַ־האַלטן אין לאַגער.

ביינאַכט זענען אונדזערע מענטשן געווען פונאַנדערגעטיילט אין וואַך־גרופּן, וואָס האָבן געוואַכט גאַנצע נעכט, בכדי נישט צו דערלאָזן צו אַן איבעראַשונגס־אַקציע מצד די דייטשע רוצחים. יעדער האָט געוווּסט ווו עס געפינט זיך זיין קאַמפּס־מכשיר און וואָס ער דאַרף טאָן אין פאַל פון אַן אַלאַרם. דער דאָזיקער צושטאַנד פון פיבער און פון קאַמפּס־גרייטקייט האָט געדויערט עטלעכע וואָכן ביז די סאָוויעטישע אַרמיי האָט אָפּגעשטעלט איר זומער־אָפענסיווע און דער לאַגער איז צוריק אַריין אין זיין אַלטן מצב.

אין צווישן־צייט האָבן די קרעמאַטאָריעס אויפגעהערט צו פונקציאָ־נירן און באַלד זענען זיי פאַרניכטעט געוואָרן, אָבער מיט דער פאַרניכ־טונג פון די קרעמאַטאָריעס איז נישט פאַרשווונדן ביי די דייטשע רוצ־חים דער ווילן אומצוברענגען די יידן.

עס איז צו אונדז דערגאַנגען אַ ידיעה אַז אין אונדזער לאַגער אַריין דאַרף געברענגט ווערן אַ טראַנספּאָרט יידן פון לאָדזשער געטאָ און אַז זיי דאַרפן געשיקט ווערן אין דעם גרובן בכדי זיי זאָלן דאָרט ביי דער אַרבעט פאַרמאַטערט ווערן צום טויט.

די ידיעה איז צו אונדז דערגאַנגען נאָך איידער דער טראַנספּאָרט ייִדן פֿון לאָדזש איז אָנגעקומען אין לאַגער. דער דײַטש באָגוט האָט דאָס מיר איבערגעגעבן בסוד־סודות. מיר האָבן גלײַך אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג און באַשלאָסן זיך צו אָרגאַניזירן צום קאַמף פֿאַרן לעבן פֿון אונדזערע ברידער פֿון לאָדזש.

מיט דרײַ טעג שפּעטער איז דער טראַנספּאָרט אָנגעקומען. קנאַפּע דרײַ פֿינפֿטל פֿון דעם לאָדזשער טראַנספּאָרט ייִדן זענען געווען אויסגעהונגערט, אויסגעדאַרט און דערשראָקן. מיר האָבן געוווּסט אין וואָס עס דאַרף באַשטיין אונדזער אויפֿגאַבע: קודם־כּל באַפֿרײַען זיי פֿון דער שרעק. אַזוי האָבן זיי געטראָפֿן מצד אונדז שמייכלענדיקע פּנימער וואָס האָבן זיי באַרויִקט. ווי־נאָר זיי זענען געקומען אויפֿן לאַגער־פּלאַץ און זיי זענען נאָך געשטאַנען אויסגעשטעלט אין רייען האָבן זיי שוין פֿון אַלע געהערט די גוטע בשורה אַז דער לאַגער איז אַ לײַכטער און זיי דאַרפֿן זיך נישט שרעקן און נישט זאָרגן.

מיר האָבן פֿון דעם לאַגער־עלטסטן וועדל זיך דערוווּסט וועגן די באַפֿעלן פֿון די עס־עס־פֿירער: דער טראַנספּאָרט דאַרף צומאָרגנס אַוועק אין דרײַ שיכטן, צו אַכט שעה יעדער, צו דער אַרבעט אין גרובן. די דאָזיקע באַפֿעלן האָבן באַרעכטיקט דאָס וואָס מיר האָבן שוין געוווּסט.

איצט האָט זיך פֿאַרלאַנגט אַז מיר זאָלן אָרגאַניזירן אונדזער טעטיקייט אויף אַזאַ אופֿן אַז די דײַטשן זאָלן נישט קאָנען רעאַליזירן זייערע פֿאַרניכטונגס־פּלענער.

שוין מיט אַ טאָג פֿריער האָבן מיר דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון ציוויִלע אַרבעטער וואָס האָבן געאַרבעט אין לאַגער: פֿאָלקס־דײַטשן און פּאָליאַקן, פֿאַרשפּרייט אין די אַרומיקע גרובן־דערפֿער די ידיעה, אַז עס איז אַנטשטאַנען אין די דערפֿער (און נישט אין לאַגער) אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס פֿאַרצייכנט די מעשׂים פֿון אַלע די, וואָס באַהאַנדלען שלעכט די לאַגער־מענטשן בײַ דער אַרבעט. דער דײַטש באָגוט האָט זיך געזען מיט

זיין קאָלעגע דעם דייטשן אויפזעער פון דעם גרובן און ער האָט אים גע־געבן צו פאַרשטיין אַז עס איז נישט מער די צייט צו זיין אַ שותף פון די עס־עס־רוצחים. אַזוי איז געוואָרן צוגעגרייט דער באָדן פאַר ראַטעווען אונדזערע ברידער. און דאָס איז אונדז געלונגען.

איצט איז נויטיק געווען צו געפינען די געהעריקע מענטשן אַלס קאַפּאָס און פאָראַרבעטער. עס האָט געדראָט אַז די דייטשע פּראָפּעסיאָ־נעלע פאַרברעכער, וואָס האָבן זיך געפונען אין לאַגער זאָלן דורך די עס־עס־לייט נאָמינירט ווערן אַלס קאַפּאָס און פאָראַרבעטער. מיט דער הילף פון לאַגער־עלטסטן ווערל האָט זיך אונדז איינגעגעבן זיי שנעל צו פאַר־וואַנדלען אין שטראָף־העפטלינגע.

דאָס איז נישט געווען פאַר אונדז שווער אַדורכצופירן. אָט ווי אַזוי מיר האָבן דאָס געמאַכט: ביי די פּראָפּעסיאָנעלע פאַרברעכער איז רציחה און גנבה געלעגן אין זייער בלוט; עס איז גענוג געווען אַז מיר זאָלן אויף אַ קינסטלעכן, אָבער געשיקטן אופן איינעם אַזאַ פאַרשוין אונטעררוקן אַ געלעגנהייט צו אַ גנבה אויף וואָס ער איז געווען אַ בעלן; דאָ האָבן מיר שוין געזען אַז מען זאָל אים באַלד כאַפּן ביי דער גנבה. עס איז גע־מאַכט געוואָרן אַ מעלדונג וועגן דעם און דער געוועזענער קאַפּאָ איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ שטראָף־העפטלינג. מיר האָבן דערפירט צו דעם אַז אַלע דייטשן זענען געוואָרן שטראָף־העפטלינגע און זיי האָבן געאַר־בעט אויף דער צווייטער קאָמאַנדאָ אונטער דער אויפזיכט פון אונדזערס אַ יינגל.

עס איז נישט געווען גענוג צו עלימינירן די רשעים. מיר האָבן גע־מוזט געפינען טיכטיקע יידישע קאַפּאָס און פאָראַרבעטער, מענטשן מיט אָנפירערשאַפט־פעאיקייטן און מיט אַ גוטן ווילן, אויף וועלכע מען וואָלט זיך געקאָנט פאַרלאָזן. די דאָזיקע מענטשן, דאָס הייסט דריי קאַפּאָס און אַ צען פאָראַרבעטער, האָבן מיר געקאָנט געפינען צווישן די העפטלינגע פון זאַגלעמביע, וואָס נישט אַלע האָבן פריער אין קאַראַנטין־לאַגער אויסגעפירט זייער פונקציע מיט כבוד.

דאָס געווינען אויף אונדזער זייט די עלעמענטן וואָס פריער האָבן די רשעים אויסגענוצט קעגן זייערע אייגענע גורל־ברידער איז געווען פאַר אונדז אַ גרויסער מאָראַלישער (און נישט בלויז מאָראַלישער) נצחון איבער דער דייטשער רשעות.

אין דער שטוב פון אלתר בריקנער זענען מיר געזעסן עטלעכע אינ־טימע חברים. די חברים האָבן מיר אָנפאַרטרויט די דאָזיקע ווערביר־אויפגאַבע. זאב לאָנדנער האָט איינעם נאָכן צווייטן גערופן די געוועזענע שטוב־דינסטן, פאָראַרבעטער און קאַפּאָס, וואָס זענען געווען „טעטיק״ אין קאַראַנטין־לאַגער, און מיר האָבן זיי געזאָגט וואָס מיר פאַרלאַנגען פון זיי. און דאָס איז נישט געווען קיין לייכטע זאַך: זיי האָבן געדאַרפט דורך אונדז נאָמינירט ווערן אַלס קאַפּאָס און פאָראַרבעטער מיטן ציל נישט צו העלפן די עס־עס־לייט, נאָר העלפן אונדזערע ברידער איבער־צולעבן דעם לאַגער. די קראַנקע וואָס מיר האָבן געוואָלט פאַרמיידן אַז זיי זאָלן אַריין אין קראַנקענבוי, זאָלן האָבן די מעגלעכקייט בשעת דער גאַנצער צייט פון דער אַרבעט צו שלאָפן און די שוואַכע זיך אויסצורוען; דער עיקר האָבן מיר פון זיי פאַרלאַנגט אַרויסצווייזן מסירת־נפש ביים אונטערשטעלן אַ פּלייצע ווען דאָס וועט זיין נויטיק און זאָרגן דערפאַר אַז די קראַנקע און שוואַכע זאָלן נישט אַרבעטן אין גרובן, נאָר זיך אויסרוען.

דאָס איז געווען מעגלעך, ווייל די עס־עס־וואַך האָט נישט געהאַט דאָס רעכט אַראָפּצופאָרן אין דעם גרובן; זיי זענען געבליבן וואַכן ביים אויסגאַנג פון דער גרובן־ווינדע; אין דער טיפעניש פון דער ערד איז קיין עס־עס־וואַך נישט געווען.

מיר האָבן צווישן זיך יעדן פאַרטיילט זיינע אויפגאַבן. אַזוי צום ביישפּיל ווען יעדער שיכט איז אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט האָבן זיך עטלעכע פון אונדז געפונען אונטן בכדי צו זאָרגן אַז אַלץ זאָל פאַר־קומען לויטן סדר און לויט אונדזערע פּלענער.

דאָס אַלץ, ווי בכלל אונדזער גאַנצע טעטיקייט, האָט געמוזט געטאָן ווערן, נאַטירלעך, בסוד־סודות, אומבאַמערקט פון אַ נישט־געווונטשן אויג.

## די כוחות פון גוטס און פון שלעכטס

דער לעבנס־אינסטינקט, דער ווילן צו דערהאַלטן דעם אייגענעם נפש און אויך די זאָרג פאַר העלפן דעם נאָענטן האָט ביי אַ סך פון אונדז אַנטוויקלט געוויסע פעאיקייטן וואָס זענען אין נאָרמאַלע באַדינגונגען פשוט נישט צו באַגרייפן. אַזוי האָט זיך געטראָפן, אַז מאָטעק ליכטענשטיין האָט זיך געמאַלדן צו זיין דער פאַרוואַלטער פון דער קליידער־קאַמער, זייענדיק אינגאַנצן אַ פרעמדער אין דאָזיקן געביט. צו דעם איז נויטיק געוועזן צו קענען נישט בלויז אָנפירן מיט אַ מאַגאַזין, נאָר אויך צו האָבן אַן אַנונג אין שניידעריי און אין שוסטעריי.

מאָטעק האָט אין שניידעריי אָדער שוסטעריי גאָרנישט זיך פאַרשטאַנען. מיר האָבן אָבער געוואָלט, אַז ער זאָל זיין דער פאַרוואַלטער פון דער קליידער־קאַמער, ווייל דאָרט זענען געווען מעגלעכקייטן אויס־צובאַהאַלטן קראַנקע. אַחוץ דעם האָט מען דאָרט געקאָנט האָבן אויף די דייטשן אַ געוויסן איינפלוס, ווייל זיי פלעגן קומען אין דער קליידער־קאַמער אויסזוכן גוטע און שיינע מלבושים פאַר זייערע משפחות אָדער געליבטע.

ביי אַזאַ געלעגנהייט האָט מאָטעק ליכטענשטיין אַמאָל געפּועלט ביי אַן עס־עס־אָפיציר, אַז ער זאָל אויסמעקן פון דער ליסטע פון מוזולמענער עטלעכע נומערן פון מענטשן, וואָס זענען אַ טאָג פריער פאַרשריבן גע־וואָרן צו דער גאַז־קאַמער.

ווען איך האָב אין אַן אַנדער אָרט שוין געשריבן וועגן דעם פאַל פון אַלבערט דאַווידאָוויטש, וועלכער לעבט היינט אין פאַריז, אַז זיין

נומער, וואָס איז שוין געווען פֿאַרשריבן צו דער גאַז־קאַמער, איז פֿאַרלוירן געגאַנגען, פֿון דער ליסטע, איז דאָס זיכער נישט געווען קיין צופֿאַל און אויך נישט קיין איזאָלירטער פֿאַל. פֿאַר אַזאַ „פֿאַרלירן" דעם נומער האָט מען אין דער קליידער־קאַמער באַצאָלט מיט אויסזוכן שיינע קליידער פֿאַר אַ געליבטער פֿון אַן עס־עס־מאַן. צוליב דעם איז נויטיק געווען, אַז דאָרט זאָל זיך געפֿינען אַ פֿאַרטרויליכער און פֿאַסיקער מענטש. אויב ס'איז דערצו נויטיק געווען צו קענען שניידעריי אָדער שוסטעריי האָט מאָטעק ליכטענשטיין זיך פֿאַרשריבן אַלס שניידער און שוסטער, און זיין ווילן צו העלפֿן זיינע ברידער איבערצולעבן דעם גיהנום האָט ביי אים אַרויסגערופֿן די אינטעליגענץ און די פֿעאיקייט צו באַהערשן די געהעריקע פֿאַכן און אויספֿירן זיין אַרבעט בשלמות.

איך האָב שוין דערציילט וועגן צבי דאַנציגער, וואָס פֿון אַ בוי־אינזשיניער איז ער געוואָרן אַ פֿעלשער פֿון בוכהאַלטאָרישע חשבונות פֿון דער אויסגעפֿירטער אַרבעט, אַן ענין, וואָס איז געווען פֿון גאָר אַ גרויסער באַדייטונג פֿאַרן דערהאַלטן ביים לעבן צענדליקער שוואַכע ברידער אונדזערע.

איך אַליין בין געווען דער ערשטער געאָמעטער אין לאַגער, אַ פֿאַך, וואָס איך האָב זיך קיינמאָל נישט געלערנט. מיינע חברים ווייסן וואָס פֿאַר אַ גרויסע מעגלעכקייטן דאָס אויספֿירן אָט דאָס פֿאַך האָט מיר געגעבן לטובת אונדזער געמיינזאַמער רעטונגס־טעטיקייט.

איך וויל נאָך דערציילן וועגן אַן אַנדערן עפּיזאָד, וואָס קאָן אילו־סטרירן דעם פֿאַקט פֿון אַן אויסערגעוויינלעכער אַנטוויקלונג פֿון דער אינטעליגענץ און מענטשלעכע פֿעאיקייטן אין די אויסטערלישע באַ־דינגונגען.

דער טאָג־טעגלעכער סדר אין לאַגער איז געווען אַזאַ:

אין דער פֿרי האָט געקלונגען דער גלאָק, רופֿנדיק די מענטשן אויפֿצושטיין. מען האָט געמוזט שנעל פֿאַרבעטן די געלעגערס, לויפֿן

זיך וואַשן, זיך אָנטוען, עסן דאָס פּאָסנע שטיקל ברויט, וואָס ער האָט באַקומען מיט דער קאַווע און לויפֿן שנעל צום אַפּעל. דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער חשבון פֿון דער צייט. יעדע קאָמאַנדאָ האָט געציילט בערך צוויי הונדערט מענטשן. דער קאָמאַנדאָ־שרייבער האָט געמוזט פֿאַרשרייבן יעדן טאָג די נומערן פֿון אַלע מענטשן, וואָס זענען אַרויס צו דער אַרבעט. דאָס איז געווען אָ גאָר פֿאַראַנטוואָרטלעכע פֿונק־ציע, ביי וועלכער עס האָט געדראָט מיט טויט, אויב מען וואָלט געמאַכט אַ טעות אין דעם חשבון, אָדער אין פֿאַל פֿון פֿאַרלוירן גיין פֿון אַ נומער, אָדער ווען עמעצער וואָלט אַנטלאָפֿן, צי עס וואָלט געוואָרן פֿאַרשריבן אַ פֿאַלשער נומער. אַזעלכע פֿאַלן וואָלטן געקאָנט שאַפֿן אַ פֿאַרפֿלאָנטער־ניש אין אוישוויץ גופֿא, ווו עס איז געפֿירט געוואָרן יעדן טאָג אַ גענויער חשבון פֿון די מענטשן, וואָס גייען אַרויס צו דער אַרבעט. עס זענען געווען פֿאַלן, ווען אַ קאָמאַנדאָ איז אַרויס צו דער אַרבעט און ס'איז געווען ביי איר פֿאַרשריבן אַ מענטש ווייניקער ווי ס'איז פֿאַקטיש געווען די צאָל. איז בכדי דער חשבון זאָל שטימען האָבן די עס־עס־לייט דער־הרגעט דעם איבעריקן מענטש.

דערפֿאַר האָט מען די דאָזיקע אַרבעט געדאַרפֿט אויספֿירן מיט דער גרעסטער אחריות און פּינקטלעכקייט. אָבער דאָס פֿאַרשרייבן אַ צוויי הונדערט מענטשן אין דער פֿרי האָט געדויערט אַ גוטע שעה. דאָס הייסט, אַז אויב די קאָמאַנדאָ האָט געדאַרפֿט זיך שטעלן צו דער אַרבעט אַכט אַ זייגער האָבן די מענטשן געמוזט אויפֿשטיין קנאַפּע דריי שעה פֿריער, דאָס הייסט, פֿינף אַ זייגער פֿאַרטאָג. אַזוי אַרום זענען די מענטשן שוין געגאַנגען צו דער אַרבעט נישט־אויסגעשלאָפֿענע און אויסגע־מאַטערטע.

האָב איך אין אַ געוויסן טאָג איבערגענומען דאָס צוגרייטן אין דער פֿרי אַלע קאָמאַנדאָס. מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט פֿון אויסנווייניק די נומערן פֿון אַלע מענטשן, און ווען זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט צום אַפּעל בין איך שנעל אַדורכ־

געלאָפן די רייען פון די אויסגעשטעלטע „פינפטלעך״ און כ׳האָב פאַר־צייכנט אין געדאַנק זייערע נומערן. ווען דער עס־עס־פירער איז געקומען האָב איך געמאָלדן וועגן דער צאָל מענטשן פון יעדער קאָמאַנדאָ און כ׳האָב זיך באַלד אַנידערגעזעצט אויף דער שוועל פון אלתר בריקנערס בלאָק אויפצושטעלן פון זכרון די נומערן פון די מענטשן פון יעדער קאָמאַנדאָ. מיט אַ שעה שפּעטער איז די ליסטע אַוועק קיין אוישוויץ.

דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט, אַז די מענטשן זאָלן אויפשטיין פון זייערע פּריטשעס מיט אַ גוטער שעה שפּעטער ווי געוויינלעך און זיי זאָלן זיין וויניקער אויסגעמאַטערט צום גיין צו דער אַרבעט.

אַזעלכע פאַלן פון זוכן צו פאַרלייכטערן די געפאַנגענע אין לאַגער האָבן מיר געהאַט זייער אָפט. יעדער איינער אויף זיין פּאָסטן און ביי זיינע אויפגאַבן האָט ביי זיך אַנטדעקט אויסערגעוויינלעכע איינפאַלן, פעאיקייטן און אינטעליגענץ, וועגן וועלכע ער וואָלט אין נאָרמאַלע באַדינגונגען קיינמאָל וועגן זיי נישט געחלומט און וואָס פאַר אונדז, די לעבן־געבליבענע פון לאַגער, איז דאָס ביז צום היינטיקן טאָג נישט צו באַנעמען. עס איז ממש פאַר אונדז נישט צו גלויבן, אַז דאָס זענען טאַקע מיר באמת געווען ביכולת צו טאָן.

***

אין בירקענוי האָט איינמאָל פּאַסירט אָט אַזאַ אויסטערלישער פאַל:

דער עס־עס־דאָקטער איז אין אַ געוויסן טאָג געקומען אַדורכפירן אַ סעלעקציע. עס זענען פאַרשריבן געוואָרן צו דער גאַז־קאַמער די אַלטע, וואָס ער האָט אָפּגעשאַצט אַלס מוזולמענער. ווען דער עס־עס־דאָקטער האָט זיך צוריק אַריינגעזעצט אין זיין אויטאָמאָביל בכדי אָפּצופאָרן פון דעם סעלעקציע־פּלאַץ, האָט זיין אויטאָ נישט געקאָנט רירן פון אָרט. האָבן די אַלץ־וויסער פון לאַגער: עטלעכע קאַפּאָס און בלאָק־עלטסטע פּרובירט צו פאַרריכטן דעם אויטאָ און דאָס האָט זיך זיי נישט איינגע־געבן. דער אָפיציר איז געווען מלא כעס. ער האָט זיך געאיילט און

נישט געקאָנט אָפּפאָרן. די אונטערטעניקע מכלומרשטע אַלץ־קענער האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר טויגעניכטסן. דעמאָלט האָט זיך צום אויטאָ דער־נענטערט אַ מוזולמאַן, וואָס איז נאָר־וואָס פֿאַרשריבן געוואָרן צו דער גאַז־קאַמער, אויף דער אָנווייזונג פֿונעם עס־עס־דאָקטער, און פֿאַרלאַנגענ־דיק, אַז מען זאָל אים צולאָזן צום אויטאָ, האָט ער גענומען דרייען פֿאַר־שידענע שרייפֿלעך אינעם מאָטאָר און אין עטלעכע מינוט אַרום איז די מאַשין געלאָזט געוואָרן אין באַוועגונג, צו דער שטוינונג און קנאה פֿון די אַרומיקע.

דער עס־עס־דאָקטער האָט געוואָרפֿן אַ בליק אין דער ליסטע פֿון די פֿאַרשריבענע צו דער גאַז־קאַמער און געפֿינענדיק אין איר דעם נומער פֿון דעם מוזולמאַן האָט ער אים אויסגעמעקט פֿון דער רשימה פֿון די צום טויט־פֿאַרמשפּטע.

טוענדיק דאָס, איז דער עס־עס־דאָקטער זיכער נישט אַרויסגעגאַנגען פֿון הומאַניטאַרן שטאַנדפּונקט, נאָר גיכער פֿונעם ניצלעכן, אַז מען קאָן נאָך דעם מוזולמאַן אויסניצן אין געוויסע פֿאַלן און אַז דער לאַגער קאָן נאָך דאַרפֿן אָנקומען צו זיינע קענטענישן פֿון אַ מעכאַניקער.

שפּעטער, ווען דער עס־עס־דאָקטער איז שוין געהאַט אַוועקגעפֿאָרן אין זיין פֿאַרריכטן אויטאָ, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער ניצול־געוואָ־רענער מוזולמאַן האָט אין זיין לעבן קיינמאָל נישט געהאַט צו טאָן מיט קיין אויטאָ און אַז ער האָט אַפֿילו קיין אויטאָ נישט געקאָנט פֿירן.

אָט די פֿאַקטן, ווי אַ סך אַנדערע פֿון דעם מין, זענען נישט פֿון קיין קליינער באַדייטונג. זיי זענען נישט קיין באַווייז פֿון וועלכער עס איז העלדישקייט; זיי זענען אויך נישט געווען כאַראַקטעריסטיש בלויז פֿאַר אונדזער לאַגער. יעדער געוועזענער דעפּאָרטירטער, וואָס איז ניצול געוואָרן פֿון אַ פֿאַרניכטונגס־לאַגער, ווייסט צו דערציילן וועגן אַזעלכע פֿאַלן. אויב איך דערצייל וועגן מיינע איבערלעבונגען אין דעם ספּעציעלן לאַגער, איז דאָס בכדי צו אילוסטרירן אַ דערשיינונג, וואָס האָט זיך אָפּט

מאָל באַוויזן אין אָנבליק פון טויט און וואָס איז אימשטאַנד געווען צו וועקן ביים יחיד אָדער אַפילו ביים כלל באַהאַלטענע אינטעלעקטועלע אָדער פיזישע כוחות פון מענטשלעכן זשעני. די סיבות פונעם אַנטשטיין פון די דאָזיקע כוחות האָבן זיך געפונען אין אַן אינדיווידועלן אָדער קאָלעקטיוון אַטאַוויזם פון לעבן. ערגעץ אין די טיפענישן פון מענטש־לעכן מוח אָדער נשמה האָבן זיך אָנגעזאַמלט אָפּגעזונדערטע איבערלע־בענישן פון דער פאַרגאַנגענהייט און געשאַפן אַ גאַנצקייט, וואָס האָט סטימולירט דעם לעבנס־ווילן.

דאָס האָט זיך אָפט מאָל באַוויזן ביי מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט קעמפן פאַר דער דערהאַלטונג פון זייער אייגן לעבן. אָפט איז דאָס געווען אַ דערשיינונג ביי מענטשן, וואָס עס האָט זיך געוועקט ביי זיי אַ קאָלעקטיווער אַטאַוויזם צו העלפן נישט בלויז זיך, נאָר אויך זיינע גאָר נאָענטע מיטמענטשן און אחים לצרה. אַ מאַמע איז, צום ביישפיל, פעאיק געווען אויפצוּוועקן אין זיך אַזאַ מין כוח און אָפּפערוויליקייט בכדי צו דערהאַלטן ביים לעבן איר קינד. אין לאַגער האָט דאָס אָפט געטראָפן, אַז ביי אַ מוזולמאַן האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעוועקט, צוליב מיסטעריעזע סיבות, דער ווילן צום לעבן, וועלכן ער האָט שוין פריער געהאַט פאַרלוירן. ער האָט זיך דערמאָנט און מיטאַמאָל געגומען גלויבן, אַז ערגעץ־ווו וואַרט אויף אים אַ גאָר נאָענט וועזן: אַ קינד אָדער אַ געליבטע. צוזאַמען מיט אָט דעם גלויבן האָבן זיך צונויפגענומען ביי אים די כוחות פון אינטעליגענץ, פון בטחון און מסירת־נפש, וואָס האָבן אים דערלויבט צו דערהייבן זיך איבער דעם אייגענעם „איך" און צו דערפילן מעשים, צו וועלכע ער וואָלט קיינמאָל אין זיין נאָרמאַלן לעבן נישט פעאיק געווען.

איך האָב אמונה, אַז די דאָזיקן כוחות, די דאָזיקע אינטעליגענץ, די שכלדיקייט און זשעני זענען נישט געווען ביי אים בלויז אַ פועל־יוצא פון דער דערפאַרונג פון זיין אייגענער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך פון אַ גאַנצער קייט פון דורות, פון וועלכע ער איז אַרויסגעקומען, און פון זיין אָפּשטאַם.

אין דער צייט ווען ביי אונדז האָבן זיך געוועקט איבערמענטשלעכע אַטאַוויסטישע כוחות, וואָס זענען געקומען צו אונדז פון ווייטן עבר, און זענען געווען מסוגל צו שטאַרקן אונדז אין געראַנגל פאַר אויפהאַלטן דאָס לעבן, בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ביים צווייטן צד אַרום אונדז, דעם צד פון דער רציחה און רשעות, האָבן זיך אויך געוועקט אַטאַוויסטישע כוחות, אָבער דאָס זענען געווען דעמאָנישע כוחות צום פאַרניכטן דאָס לעבן, וועלכע זענען געקומען פון שלעכטע, ווילדע אינ־סטינקטן, וואָס האָבן געוואָרצלט אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט און זיך אַנטוויקלט בהדרגהדיק. זייער איצטיקער הויכפּונקט איז געווען די גאַז־קאַמער און די קרעמאַטאָריע. און דער דאָזיקער צונויפזאַמל פון אינסטינקטן האָט געהאַט אַ קאָלעקטיוון כאַראַקטער, וואָס האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויך אויף דעם יחיד. אין דעם פאַל איז דאָס געווען דער בייזער געניוס פון אַ גאַנצער דורותדיקער קייט פון דער פאַרגאַנ־גענהייט און פון אָפּשטאַם.

## מיין חוב צו דערפילן זייער צוואה

איך האָב געהאַט די זכיה און דאָס גליק איבערצולעבן די דייטשע פאַרניכטונגס־לאַגערן. אין מינוטן פון חשבון־הנפש זוך איך די סיבה פאַרוואָס און מיט וואָס איך האָב זוכה געווען צו דעם, בעת מיליאָנען פון אונדזערע שוועסטער און ברידער זענען אַזוי אכזריותדיק פאַרשניטן גע־וואָרן. עס ליגט אויף מיר דער חוב אָפּצוהיטן זייער צוואה און צו זיין דער עדות פון זייער אומקום פאַרן העכסטן בית־דין פון גערעכטיקייט.

די יונגעלייט וואָס מיר האָבן זיי געשענקט אונדזער צוטרוי און זיי איבערגעגעבן אין זייערע הענט דעם גורל און דאָס מציל זיין דאָס לעבן פון עטלעכע הונדערט יידן, האָבן זייער חוב און שליחות אויסגע־פירט בשלמות, מיט מסירת־נפש, געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט. פון די אַלע יידן, וואָס זענען געברענגט געוואָרן מיטן טראַנספּאָרט פון לאָדזש צו אונדז אין לאַגער אַריין מיט אַ טייוולאָנישן פּלאַן זיי צו פאַר־ניכטן, איז ביז צו דער ליקווידאַציע פון לאַגער קיין איינער נישט אומ־געקומען, קיין איינציקער ייד איז נישט געשטאָרבן; די שוואַכע זענען געשטאַרקט געוואָרן און די קראַנקע זענען געזונט געוואָרן.

און אין אָט דעם גיגאַנטישן און נישט־גלייכן געראַנגל צווישן דודן — יידישע בחורים פון די זאַגלעמביער שטעטלעך — און גלית — דעם דייטשן רוצח — האָבן מנצח געווען אין דעם פאַל די יידישע קינדער.

ואעבר עליך ואראך מתבוססת בדמיך,
ואמר לך: בדמיך חיי, ואמר לך:
בדמיך חיי.

(יחזקאל ט"ז,ו')

און איך בין פאַרבייגעגאַנגען לעבן
דיר און איך האָב דיך געזען ווי דו
וואַלגערסט זיך אין דיין בלוט און איך
האָב דיר געזאָגט: אין דיין בלוט
זאָלסטו לעבן, און איך האָב דיר גע־
זאָגט: אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן.

צווייטע טייל

# דער טויט און דאָס לעבן

## חברה קדישא

ווען איך בין געווען אַ קליין ייִנגל אין מיין שטעטל אין גאַליציע האָב איך מורא געהאַט פאַרן טויט. אַז מען האָט געטראָגן אַ בר־מינן איבערן גרויסן מאַרק־פּלאַץ, אָדער דורך אַ שמאָל געסל, האָב איך פּאַר פּחד געקאָנט אַוועקפאַלן אין חלשות.

ביי אונדז, ווי אין אַלע אַנדערע יידישע שטעטלעך, איז אַ לוויה דורכגעפירט געוואָרן אויף אַן אָפּגעשטאַנענעם אופן. דער בית־הקברות האָט זיך געפונען אויסער דער שטאָט, אַ קנאַפּע צוויי קילאָמעטער אַוועק, און דעם בר־מינן האָבן די מענטשן פון דער חברה קדישא גע־טראָגן אין אַ נישט־פאַרמאַכטן ארון אויף די אַקסלען. פרויען, וואָס האָבן נישט געהאַט דאָס רעכט אַריינצוגיין אין בית־הקברות, זענען נאָכגעגאַנגען דעם ארון אַ היפּש שטיקל וועג און זיי האָבן, ווי געוויינ־לעך, געוויינט.

שוין דאָס דאָזיקע געוויין און דאָס אויסרופן דעם „צדקה תציל ממוות" האָט אַרויסגערופן ביי מיר אַ געפיל פון אימה און גורם געווען אין מיר אַ מצב פון חלשות.

מיין מוטער חנה־דבורה ע"ה איז געווען אַ פרומע יידישע פרוי, וואָס האָט, ווי אַ סך אַנדערע יידישע מאַמעס, געהאַט איר אופן פון דער־ציִען אירע קינדער. דאָס איז אויך געווען חל אויף מיר. און ווען איך בין געוואָרן בר־מצוה האָט מיין משפּחה באַשלאָסן, בכדי אויסצוואָרצלען פון מיר דעם פּחד פאַרן טויט, מיך צו פאַרשרייבן אין דער חברה קדישא.

מײַן מוטער האָט זיך אָבער בלויז מיט דעם נישט באַגנוגנט. עס איז פאַר איר נישט געווען גענוג דאָס וואָס איך האָב אָנגעהויבן באַגלייטן די בר־מינגס צום בית־הקברות; ווען עס איז געווען אַ מת אין שטאָט האָט זי מיך, אַ ייִנגל פון קוים איבער דרײַצן יאָר, אָנגענומען בײַ דער האַנט, מיך צוגעפירט צו דער טיר פון הויז, ווו עס איז פאָרגעקומען די טהרה און מיך מיט געוואַלד אַרײַנגעשטופּט אין שטוב.

מײַן פאָטער וואָלף ע״ה, האָט נישט אין גאַנצן צוגעשטימט צום דאָזיקן אופן פון דערציִען מיך. אָבער עס איז דאָך באַוווּסט, אַז אין דעם ענין פון דערציִען די קינדער האָט די מוטער מער געהאַט צו זאָגן ווי דער פאָטער.

איך האָב אויפגעהערט אַוועקצופאַלן אין אָנמאַכט אין אָנבליק פון אַ לוויה אָדער פון אַ מת, און מיט דער צײַט בין איך געוואָרן אַ גוטער חברה־קדישא־מאַן.

ווי אַזוי מײַן טבע פון פחד פאַרן טויט אין מײַנע קינדער־יאָרן האָט זיך צו מיר געענומען ווייס איך אַליין נישט און עס איז מיר שווער דאָס אויפצוקלערן. אפשר איז עס געקומען צוליב דעם, וואָס מיטן טויט האָב איך זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט בײַ אויסטערלישע אומשטענדן:

בײַם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה בין איך אַלט געווען זעקס יאָר. עטלעכע טעג נאָכן אָנהויב פון דער מלחמה האָב איך זיך געשפּילט אין גאָרטן לעבן אונדזער הויז מיט מײַן עלטערער שוועסטער רויזעלע ע״ה.

מיר האָבן געוווינט כמעט הינטער דער שטאָט און אונדזער הויז איז געווען אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע הײַזער.

מיטאַמאָל האָבן מיר דערזען לעבן אונדז צוויי רײַטערס. דאָס זענען געווען צוויי קאָזאַקן. פאַר גרויס שרעק זענען מיר ביידע קראַנק געוואָרן. מײַן שוועסטער, וואָס איז געווען מיט צוויי יאָר עלטער פון מיר, איז פון איר קראַנקהייט נישט געקומען צו זיך, און מיט עטלעכע טעג

שפּעטער האָט זי אויסגעהויכט איר נשמה. אַזוי האָט דער טויט צום ערשטן מאָל אַרויפגעלייגט זיין חותם אויף מיר.

***

ווען איך טראַכט וועגן מיינע שפּעטערדיקע יאָרן, דער עיקר וועגן די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און די תקופה פון גרויסן יידישן חורבן, דאַכט זיך מיר, אַז די שליחות פון אַ חברה־קדישא־מאַן האָט מיך באַגלייט די גאַנצע צייט אויף מיין לייִדנס־וועג. דעם טויט האָב איך שטענדיק געזען אויף יענער זייט, מחוץ מיינע דלד אמות. צו מיר האָט ער ווי נישט געהאַט קיין שייכות. אפשר ליגט אין דעם דאָזיקן איינזען אַ גרויסער סוד פון לעבן? איך בין נישט אימשטאַנד צו געבן אויף דעם קיין ענטפער. און אפשר איז שוין דער ענטפער געגעבן געוואָרן? דאָך גלויב איך, אַז עס איז כדאי וועגן דעם צו דערציילן פאַר היינט און פאַר מאָרגן.

ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין יאָר 1939 האָב איך געוווינט אין לעמבערג. איך האָב זיך פאַרשריבן אין דער אַזוי גערופענער ציווילער דינסט. זי איז באַשטאַנען אין גראָבן אָקאָפּעס און אין פאַרשידענע טעכנישע אַרבעטן פון לופט־שוץ.

אין אַ געוויסן טריבן פאַרטאָג נאָך אַ נאַכט פון שווערע באָמבאַרדירונגען האָט מען אונדזער מחנה פון עטלעכע צענדליק מענטשן אַרויסגענומען פון די בעטן און אונדז אַוועקגעפירט אין דעם גאָרטן, וואָס האָט זיך געפונען אין מיטן דער שטאָט. אין דרויסן איז נאָך געווען פינצטער, אָבער ביים ראַנד פון הימל האָט שוין געבלייכט דער טאָג.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַן אַרטילעריע־איינהייט פון דער פוילישער אַרמיי האָט זיך ביינאַכט אינסטאַלירט מיט אירע האַרמאַטן, וואָס זענען געשלעפּט געוואָרן דורך פערד, אין דעם גרויסן גאָרטן. די דייטשן, וואָס האָבן אין דער זעלבער נאַכט אַרומגערינגלט די שטאָט האָבן לאַנגע שעהען באָמבאַדירט דעם גאָרטן. אונדז, די מענטשן פון

דער ציווילער דינסט, האָט מען געברענגט אַהער אין דער פּרי בכדי צו באַגראָבן די טויטע. כמעט אַלע זעלנער פון דער אַרטילעריע־איינהייט זענען אומגעקומען דורך די באָמבאַרדירונגען. דער גאָרטן האָט פאַרגע־שטעלט מיט זיך אַ בילד, וואָס איז אוממעגלעך צו באַשרייבן. די צווייגן פון די ביימער זענען ביז גאָר הויך געווען באַהאָנגען מיט שטיקער לייבער פון מענטשן און פון פערד. מיר האָבן אויסגעגראָבן אַ גרויסן גרוב און אין אים אַריינגעוואָרפן די שטיקער לייבער פון די זעלנער און פון די פערד.

די דאָזיקע פּיינלעכע אַרבעט האָט ביי אונדז געדויערט ביז שפּעט נאָך מיטאָג. מיר, די באַגרעבער, זענען באַשטאַנען פון אַ פּופּציק מענטשן. אַ סך פון אונדז האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן די דאָזיקע ערשטע שרעקלעכע רעאַליטעט פון קריג, פאַר וועלכער מיר זענען געשטעלט געוואָרן פּנים אל פּנים. עס זענען געווען אַ סך פאַלן פון חלשות און אָנמאַכט. עס איז מיר פּערזענלעך אויסגעקומען צו לויפן פון די טויטע צו די לעבעדיקע, בכדי זיי צו וועקן און מינטערן פון חלשות. איך בין צו דער דאָזיקער טאָפּלטער שרעקלעכער באַשעפטיקונג נישט געווען דער איינציקער, און דאָך האָב איך לויט די רייד און די געשרייען פון די אַרומיקע געפילט, אַז מיין רעאַקציע איז געווען אַן אַנדערע. דעמאָלט, אין יענע רגעס, האָב איך זיך וועגן דעם נישט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון; מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב זיך אַריינגעטראַכט אין דער דאָזיקער טראַגישער געשעעניש פון מיין לעבן און כ׳האָב פּרובירט אויפלעבן פאַר מיר די קאָשמאַרפולע בילדער פון יענעם טריבן פרי־מאָרגן אין לעמבערגער גאָרטן, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז מיין אַזוי צו זאָגן חברה־קדישא־דערציאונג האָט אין מיר אַרויסגערופן דע־מאָלט אַזאַ אויסטערלישע אַנדערשדיקע רעאַקציע.

בשעת דער מלחמה און דער עיקר אין דער צייט פון די היטלער־רדיפות איז מיר אויסגעקומען כסדר אָנצוטרעפן זיך מיטן טויט. און שטענדיק האָב איך אים געזען פון דרויסן, אויף דער צווייטער זייט; שטענדיק האָב איך זיך באַצויגן צום טויט ווי אַ חברה־קדישא־מאַן און

כ׳האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז איך פיר אויס לגבי די טויטע אַ שליחות פון חסד של אמת, פון „שלא על מנת לקבל פרס״, פון אַן אַקט אָן באַצאָלונג און אָן באַלוינונג.

אַפילו אין די רגעס ווען דער טויט איז געשטאַנען פאַר מיר, אָדער ווען איך בין געשטאַנען קעגנאיבער אים אַליין, פנים אל פנים, האָב איך אויך דעמאָלט זיין אָנוועזנהייט נישט אָנגענומען. פאַר מיר איז דאָס געווען ווי דער טויט וואָלט מיך נישט אָנגעגאַנגען, ווי ער וואָלט מיר נישט געווען נוגע.

אַזעלכע פאַלן זענען געווען גאָר, גאָר אָפט. צו דערציילן וועגן זיי דאָס איז נישט איצט מיין ציל. אַ טייל פון זיי האָב איך שוין באַשריבן אין אַ פריערדיק בוך מיינס. אויב איך דערמאָן איצט ווידער יענע פאַלן איז דאָס מיטן ציל צו באַהאַנדלען אַ פענאָמען, וואָס אַנדערע האָבן זיכער אויך אין משך פון די שרעקלעכע יאָרן איבערגעלעבט. איך רעד מיר נישט איין, אַז איך בין געווען אַ יחיד במינו איבערצולעבן די מוראדיקע נסיונות.

אפשר וועט אַמאָל עמעצער קומען און זיך אָפּגעבן מיטן דאָזיקן פענאָמען בכדי צו געפינען אַן אויסטייטש פאַר אים. איז דאָך די גאַנצע רשעות און אכזריות פון דער היטלער־תקופה אַ פענאָמען אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע, וואָס וועט נאָך דאַרפן דערפאָרשט ווערן.

## מיטן טויט פנים אל פנים בעת דער נאַצישער הערשאַפט

ווידער טרעף איך זיך אָן אויפן טויט צום ערשטן מאָל שוין בעת דער היטלער־הערשאַפט. דעם דאָזיקן צונויפטרעף האָב איך באַשריבן אין מיין בוך „צווישן גאָט און פענריר״ אָט ווי אַזוי:

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קעלער־לעבן.

יעדער שאָרך, יעדער גערודער, יעדער קלאַפּ, יעדער קלאַנג דער־מאָנט אין טויט, וואָס דערנענטערט זיך — האַלט מיך שטאַרק! האַלט פעסט מײַנע הענט, טײַערע צירעלע! אַזוי־אָ צוגעדריקט צו דער נאַסער ערד פון קעלער וועלן מיר ליגן צוזאַמען. דאָ וועט דער טויט נישט קומען!

איר האַרץ קלאַפּט האַסטיקער. איך פיל דעם ריטם פון איר דופק. זי איז אומרואיק. זי ליבט מיך און גלויבט מיר. זי קאָן אָבער נישט פאַרגעסן, אַז איר חברטע איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד און איז שוין אויף דער צווייטער זייט — זי איז שוין גליקלעך...

בײַנאַכט וועקט זי מיך: — זאָג נאָר, מײַן ליבער, אפשר האָסטו מורא פאַרן טויט? אפשר איז דאָס דער כוח פון לעבן, וואָס לאָזט דיך נישט באַגיין קיין זעלבסטמאָרד? אפשר איז דאָס דער כוח פון טויט, פאַר וועלכן דו שרעקסט זיך?

— דו גלויבסט נישט מער אין מיר, צירעלע? צי האָסטו מיך נישט ליב?

אומעטום איז אַזוי קאַלט. דאָס קעלער־לעבן איז גרויזאַם. קאַלט, ווי די קאַלטע ווינטן אין דער טײַגע. קיין פונק וואַרעמקייט. אין דער ערד, אַ פּאָר אײַלן טיף איז וואַרעם און זיכער; דאָרט וועט קיינער נישט קומען. דאָרט וועט אויפהערן די אײביקע שרעק. דער ביטערער געיעג נאָכן לעבן, וואָס האַלט אין איין אַנטלויפן פון אונדז.

צירעלע וויל נישט זײַן דאָס שפּילצײַג פון דער בלוטיקער חיה־רעה. זי לעכצט נאָך זיכערקייט, בענקט צו דער מוטער־ערד.

— מײַן האַרץ איז וואַרעם, טײַערע! איך האָב אַזוי פיל וואַרעמ־קייט דערין! אַלץ שענק איך דיר אַוועק. גיב מיר, אויך דו, די וואַרעמ־

קיט פון דייַן האַרץ. זי איז מיר נויטיק פאַר מיין קאַמף. עס וועט קומען אַ טאָג און דאָס קעלער־לעבן וועט אויפהערן. אין דרויסן שיינט די זון. זי שיינט פאַר אַלע. פאַרוואָס זאָל זי נישט שיינען אויך פאַר אונדז?

און אַזוי פירט דער טויט אַ געראַנגל מיט דעם לעבן. דער טויט לאָקט מיט דער וואַרעמקייט פון דער ערד... און דאָס לעבן?...

דאָס האַרץ פון אַ לעבעדיקן מענטש איז וואַרעם. די זון שיינט און וואַרפט אירע שטראַלן; אַמאָל פאַרפעלט זי, אַמאָל באַשענקט זי מיט איר ליכט.

וואַרטן! נישט אַנטלויפן! די זון וועט קומען!

אין דער פרי איז ליכטיק. טויזנטער יידן זענען אומגעקומען. אין אַ גרוב הינטער דער שטאָט ליגן זיי. צווישן די ערשטע קרבנות — דער רב, דער רועה צאן.

אַ שווערער וואָלקן דערדריקט דאָס יידישע לעבן. דאָס אַלץ זעט אויס ווי אַ וויסטער קאָשמאַר. מען וויל זיך רירן, און מען קאָן נישט; מען וויל אַנטלויפן און מען איז צוגעשמידט צום אָרט.

ווי די שאָטנס גנבעט מען זיך אַריבער איינער צום צווייטן, כדי צו הערן אַ גוט וואָרט. מ׳שאַרט זיך, צוגעדריקט צו דער וואַנט, ווי מען וואָלט געוואָלט פאַרווישן די אייגענע עקזיסטענץ, כדי קיינער זאָל דעם קרבן נישט באַמערקן. און דאָך קומט דער טויט, שטיל הויכט מען אויס די נשמה. שטיל גיסט זיך יידיש בלוט. עס ברויזט נישט, עס זידט נישט, עס מאָנט נישט קיין נקמה.

גיין פון איין הויז אין צווייטן באַדייט איינשטעלן דאָס לעבן. דער טויט קומט אָבער אויך אין שטוב אַריין. ער קומט הינטער די פאַרלייגטע און פאַרשטעלטע פענצטער; באַווייזט זיך אין די שטובן, פון וואַנען

ס׳דערגייט נישט קיין קול, ווו מענטשן פירן אַ לעבן פון סודות, פון איינרוימען אין אויער, כדי נישט צו וועקן דעם... טויט. קינדער אין די וויגן פילן אים. צו וואָס זענען זיי געבוירן געוואָרן?

אַ מאַמע שעלט איר אייגן קינד; זי שעלט זיך, וואָס זי האָט עס אויף דער וועלט געברענגט. הינטער יעדן פענצטער, הינטער יעדער טיר, ביי יעדן הויז און טויער לויערט ער: בייטאָג, ווען מען זיצט אין אַ ווינקעלע באַהאַלטן און ביינאַכט, ווען מען שלאָפט דעם קאַשמאַר־שלאָף, קומט ער — דער טויט. ער באַווייזט זיך קיינמאָל נישט, ווען מען וואַרט אויף אים. אַ מינוט פריער — אַ מינוט שפּעטער... ער קומט! די סעודה האָט זיך אָנגעהויבן — די קראָען וואַרטן.

אין קעלערס, אין לעכער זיצן די אומגליקלעכע יידן און ציטערן פאַרן מאָרגן, פאַר דעם טאָג פון יאָרצייט פון פּעטליורען.

די בלוט־דורשטיקע דינער גרייטן זיך אויך צו זייער גרויסן טאָג: אויף די גאַסן ווערן אַוועקגעשטעלט פּאַכאַלקעס (קנעכט, שקלאַפן). זיי וואַרטן בלויז אויף דעם צייכן, וואָס עס וועט זיי געגעבן ווערן, בכדי אָנצוהייבן די שרעקלעכע שחיטה. זי וועט זיך דאַרפן אָנהייבן איבער דער יידישער אינטעליגענץ.

אין דעם דאָזיקן טאָג זינגען נישט די סאָלאָווייען. די בלעטעלעך אויף די ביימער באַוועגן זיך נישט: די בלומען אין די גערטנער האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּלעך. דאָס איז דער טאָג פון די רוצחים. צו פּעט־ליורעס יאָרצייט דערלאַנגט מען אויף דער „וואַלהאַלאַ״ בלוט פון דער יידישער אינטעליגענץ.

אָבער צו דער אַרבעט מוזן מיר גיין, אין דער היים טאָרן מיר נישט בלייבן — אין דרויסן לויערט דער טויט: אויף יעדן ראָג, הינטער יעדן טויער וואַרט ער אויף זיין קרבן.

איך באַהאַלט זיך הינטער אַ געעפנטן טויער. די רוצחים האָבן זיך

מיטאַמאָל באַוויזן פֿון הינטן און פֿון פֿאָרנט; כ'האָב קוים באַוויזן צוריקצוציען זיך. דאָס האַרץ קלאַפּט שטאַרקער. כ'האָב מורא, אַז מען זעט אַרויס פֿון הינטער דעם טויער מײַנע שיך. כ'באַמי זיך אָפּצורוקן, כּדי זיי זאָלן נישט אַרויסשטעקן. מײַן גוף איז צוגעקלעפּט צו דער וואַנט, די נערוון זענען אָנגעשטרענגט ביז גאָר. די מערדער שטייען אויף דער צווייטער זײַט. צווישן מיר און זיי איז פֿאַראַן בלויז דאָס טויער, דאָס שטיק האָלץ. טאָמער גיבן זיי אַ קוק אַרונטער, בין איך פֿאַרלוירן.

שטיי איך אַזוי אַ גאַנצן טאָג ביז ס'ווערט ווידער שטיל. איך הער נישט מער קלאַפּן די שטיוול. פֿאַרזיכטיק רוק איך זיך אָפּ פֿון הינטערן טויער. אין דער שטילקייט הער איך קלאַפּן מײַן האַרץ נאָך שטאַרקער, ווי עס וואָלט זיך געוואָלט אַרויסרײַסן פֿון מיר, מיך פֿאַרלאָזן. איך האַלט עס צו מיט אַלע כּוחות.

אפֿשר וועט דאָך געלינגען און איך וועל זיך דערשלעפּן ביז אַהיים, וווּ עס וואַרט אויף מיר מײַן טײַערע?

און אפֿשר וואַרט זי אויף מיר נישט מער? ס'איז דאָך געווען דאָרטן הײַנט אַזאַ שרעקלעכע שחיטה.

אויף אַ ראָג האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן דער דײַטש. ווי פֿון דער ערד אויסגעוואַקסן: דער העלם, די שטיוול. איך בין פֿאַרלוירן!

צי וועט עמעצער וויינען איבער מיר? צי זיצט דאָרטן, דרײַ הײַזער ווײַטער, מײַן ליבע, און וואַרט אויף מיר? אָדער צי גאָר וועלן מיר זיך באַלד טרעפֿן — דאָרט?...

אין דעם הויף פֿון אַ גרויס הויז ליגן זיי אויסגעלייגט איינער לעבן דעם צווייטן. אַלע פֿאַרזונקען אין אייביקן שטילשווייגן. די האַנט פֿונעם רוצח האָט זיי שוין אַנטשוויגן. זיי ליגן מיט די קעפּ פֿאַרוואָרפֿן אין אַ זײַט. אַלע זענען טויט — איך איינער בלויז לעב.

איז מיר טאַקע באַשערט לעבן צו בלײַבן? מען באַפֿעלט מיר אַראָפּצוציען די קליידער פֿון די הרוגים. די מערדער האָבן אויסגעקליבן

צו טויטן מענטשן, וואָס האָבן געטראָגן די בעסטע מלבושים. אַלע אַנ־דערע האָט מען פֿאַרשלעפּט אין וואַלד און זיי אומגעבראַכט דאָרטן. די, וואָס ליגן דאָ, זענען נישט געוואָרן פֿאַראומרייניקט ביים דערהרגענען זיי, ווייל זיי האָבן געהאַט אויף זיך גוט אָנטועכץ. זייערע פּנימער זענען אויסגעקרומט, ווי זיי וואָלטן אַלע אָפּגעסמט געוואָרן, בכדי נישט צו פֿאַרשמירן די בגדים זייערע.

איך צייל:

— אַ רעקל, אַ פּאָר הויזן, אַ העמד...

— אַ רעקל, אַ פּאָר הויזן, אַ העמד...

אַזוי צייל איך אָפּ ביז זעכציק. נישט מער ווי זעכציק!

זעכציק רעקלעך, זעכציק פּאָר הויזן, זעכציק העמדער.

און לעבן דער קופּע אָנטועכץ: זעכציק ריינע הרוגים מיט פֿאַר־קרימטע פּנימער. קיין טראָפּן בלוט נישט אויף זיי, בכדי זייערע מלבושים זאָלן נישט פֿאַרשמירט ווערן.

דער מיטן העלם און די שטיוול קלויבט זיך אויס אַ שיינעם אָנצוג.
— הויב אים אויף — זאָגט ער צו דעם צווייטן אין העלם און שטיוול — דעם דאָזיקן אָנצוג שיק איך פֿאַר מיין ברודער. און יענעם, ראָט איך דיר, האַנס, זאָלסט דו נעמען; דיין פֿרוי וועט האָבן אַ שיינעם קאָסטיום.

אַ גרויסער רעפֿלעקטאָר באַלייכט דעם הויף. צווישן די בגדים און די זעכציק טויטע שטיי איך און וואַרט... אַ האָפֿענונג דרינגט אַריין אין מיין האַרץ; איך קוק אויף מיין אָנטועכץ: די אַרבל זענען אויסגעריבן, די הויזן געלאַטעט. די אין די העלמען און די שטיוול דאַרפֿן נישט אַזאַ אָנטועכץ ווי מיינס...

אין דער פֿרי בין איך ווידער ביי מיר אין שטוב. מיין טייערע וואַרט מער נישט אויף מיר — זי וואַרט גאָר אויפֿן טויט, וואָס זאָל זי אויך צונעמען. זי איז זיכער, אַז צוזאַמען מיט די אַנדערע בין איך אויך

אומגעקומען. זי איז איצטער צו שוואַך, אַז זי זאָל זיך אַליין קאָנען דאָס לעבן נעמען. וואַרט זי אַזוי אויפן חסד פון טויט.

ווען איך עפן די טיר קוקט זי אויף מיר מיט איבערגעשראָקענע אויגן. עס דויערט עטלעכע רגעס ביז זי קומט צו זיך. זי וויינט פאַר גרויס פרייד וואָס זי זעט מיך אַ לעבעדיקן. ווי לאַנג נאָך? היינט איז אין דרויסן רואיק. דערווייל כאַפּט מען נישט קיין יידן.

***

איך בין איינער פון די זעכציק!

דער באַגרעבער וואָס ווערט נישט באַגראָבן.

די חברה קדישא וואָס בלייבט בכדי צו דערפילן איר חוב.

דעמאָלט האָט מען נאָך נישט געוווסט, אַז דער פּלאַן פון די דייטשע רוצחים איז קובר צו זיין אין דעם זעלבן קבר די קברנים מיט די בר־מיננס. שפּעטער האָט מען שוין יאָ געוווסט וועגן דעם. ווי אַזוי איז דאָס געשען, אַז איך אַליין, איינער פון זעכציק קרבנות, בין אַרויס לעבעדיק פון דער שחיטה און כ׳האָב זיך אומגעקערט צו מיין צירעלע?

איז דאָס אַ סוד פון טויט? אָדער פון לעבן? איך גלויב, אַז גראָד ביי אָט דער איבערלעבעניש האָט אין מיין מוח און אפשר אויך אין מיין האַרץ אויפגעטויכט די דאָזיקע פראַגע. זי האָט זיך שפּעטער אָפט איבער־געחזרט.

צי פון טויט אָדער פון לעבן — דער סוד בלייבט אַ סוד.

אפשר געפינט זיך די אויפקלערונג פון דעם סוד גראָד אין דעם אייביקן קאַמף וואָס עס פירן צווישן זיך דער טויט און דאָס לעבן?

אפשר איז גאָר מיין אָפּט צונויפטרעפן זיך מיטן טויט געווען אַן אויסדרוק פון דעם דאָזיקן אייביקן קאַמף? עפּעס אַ כוח האָט מיך געפירט צו גיין אומעטום, ווו דער טויט איז געווען אַנוועזנד.

# די הריגה אין וואַלד

אין מײַן פריער דערמאָנטן בוך דערצייל איך:

ווידער רוקן מיר זיך לענגאויס דער וואַנט, נאָך אַ מאָל הערן מיר דאָס טרעטן פון די דײַטשע שטיוול און דאָס קלאַפּן פון אונדזערע הער־צער. מיר זענען שוין נישט ווײַט פון דער היים, ווו אונדזערע נאָענטע וואַרטן אויף אונדז. מיר זענען שוין דאָס הויז; נאָך אַ פּאָר טריט און מיר וועלן דאָרט זײַן.

פּלוצלינג שטייען פאַר אונדז דײַטשן. זייערע לעמפּלעך פאַרבלענדן אונדז די אויגן. איך וויל מײַן צירעלען עפּעס זאָגן, אָבער ווי־נאָר איך עפן דאָס מויל ווער איך פון איר אָפּגעריסן.

איך ליג צווישן מענטשן אין אַ לאַסט־אויטאָ און איך ווייס, אַז איך ווער פאַרשלעפּט צוזאַמען מיט זיי. צירעלע איז נישטאָ לעבן מיר!

מיר ליגן אויסגעלייגט ווי געבונדענע. אין די פיר עקן פונעם אויטאָ שטייען דײַטשן מיט אַ פרעכן שמייכל אויף זייערע פּרצופים. זיי פרייען זיך. ס׳איז זיי געלונגען.

מיר פאָרן. פון די קליינע פענצטערלעך אין די דערפער, דורך וועלכע דער אויטאָ יאָגט, קוקן אַרויס איבערגעשראָקענע פויערים. טייל פון זיי צלמען זיך. די ביימער אויפן וועג שטייען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

ס׳איז אַ טריבער פרימאָרגן. די ערשטע זון־שטראַלן ראַנגלען זיך נאָך מיט אַ נעפּל, וועלכער וויל זיך נישט אויפהייבן פון דער ערד. דאָס

פייפן פון פייכטן ווינט, וואָס וואַשט אונדזערע פּנימער, גיסט זיך צוזאַמען מיטן געררויש פונעם מאָטאָר.

ווען דער אויטאָ שטעלט זיך אָפּ און מיר ווערן אַראָפּגעטריבן קאָן איך ערשט צונויפנעמען מיינע געדאַנקען און באַטראַכטן מיין לאַגע. אויפן וועג האָט נאָר איין פראַגע געעגבערט מיין מוח: וווהין פירט מען אונדז?

מיר שטייען אויף אַ פעלד אַרומגערינגלט פון אַ וואַלד. פון דער ווייטנס זעען זיך טורעמס פון קירכעס און מאָנאַסטירן, וואָס שטאַרצן אַרויס פון צווישן די נידעריקע הייזער. עטלעכע הונדערט יידן וואַרטן אויף זייער גורל. קיינער ווייסט נישט צוליב וואָס מען האָט אונדז דאָ אַהער געבראַכט אויפן פוסטן פעלד. מען הייסט אונדז שטיין און קיין וואָרט נישט אַרויסרעדן.

איך האָב מורא, אַז איך וועל מער נישט זען מיין צירעלען. אַזוי פיל שווערע טעג איבערגעלעבט צוזאַמען און אין איין רגע האָב איך פאַרלוירן דאָס טייערסטע וואָס איך האָב געהאַט אין מיין לעבן.

אַ קלאַפּ אין מיין קאָפּ רייסט מיך אָפּ פון מיינע געדאַנקען. מיר באַקומען גראָבאייזנס, לאָפּעטעס און אַנדערע מכשירים און ווערן גע־טריבן צו גראָבן אַ גרוב. די מחבלים יאָגן אונטער מיט שטעקנס און שיסערייען, זיי לאָזן פשוט דעם אָטעם נישט כאַפּן. ס'איז אַ קאַלטער טאָג. פון די אומגליקלעכע רינט דער שוויס. מען קאָן זיך קיין רגע נישט אָפּרוען — די אַרבעט מוז שנעל פאַרטיק ווערן. ווי־נאָר מען לייגט ביינאַכט אַוועק דעם קאָפּ אויפן נאַסן גראָז ווערט מען ווידער געטריבן צו דער מערדערלעכער אַרבעט. לאַנג וועט דאָס קיינער נישט אויסהאַלטן. אין עטלעכע טעג אַרום וועט דער גרוב זיין אַ קבר פאַר די, וואָס גראָבן אים.

דאָס דויערט אָבער נישט אַזוי לאַנג. אויפן פערטן טאָג גראָבט מען נישט מער. אויסגעשטעלטע אין אַ רייע שטייען מיר און וואַרטן אויף

דעם, וואָס עס וועט ווייטער געשען. מיר זענען זיכער, אַז באַלד וועלן מיר אַריינגעטריבן ווערן אין גרוב, וואָס מיר האָבן פאַר זיך געגראָבן. די מינוטן ציען זיך ווי גאַנצע שעהען. מען וואָלט שוין געווען גליקלעך ווען מען וואָלט אונדז ווידער געטריבן צו דער אַרבעט. צי וואַרט מען אויפן טויט? אָבער דאָס וואַרטן אויפן טויט איז אַמאָל ערגער ווי דער טויט גופא.

די זון וואַרפט די ערשטע שטראַלן אויפן פעלד, ווען פון דער ווייטנס דערהערן זיך קולות. צוערשט איז עס ווי אַ נישט־קלאָרער מטושטשער טומל וואָס קומט פון דער זייט, ווו די טורעמס גלאַנצן אין הימל אריין. דער טומל דערנענטערט זיך, ווערט שטאַרקער, העכער, און באַלד זענען דאָס האַרצרייסנדיקע יללות. פון שטאָט לויפן מענטשן אין אַ שרעקלעכער בהלה. מיר דערקענען זיי נאָך נישט, אָבער לויט די געשרייען זענען מיר זיך משער, אַז דאָס זענען קולות פון געטריי־בענע יידן.

מענער, פרויען, קינדער און זקנים ווערן געיאָגט ווי זיי וואָלטן באַשטאַנען פון עפּעס אַ סטאַדע. פון אַלע זייטן שיסט מען. ס'באַווייזן זיך די ערשטע יידן אויפן פעלד; נאָך זיי קומט נאָך אַ גאַנצע מאַסע. איבער דער אָנגעשיטער ערד ווערן זיי געיאָגט אין גרוב אַריין. פון אַלע זייטן יאָגט זיי נאָך דאָס כסדרדיקע שטעפּן פון מאַשין־געווער. פון אויבן, פון איבער די ביימער שפּייט פייער אין גרוב אַריין.

אַ טייל פון די אָהערגעיאָגטע בלייבן שטיין, ווילן זיך פאַרהאַלטן, אָבער באַלד ווערן זיי מיטגעשלעפּט פון דער מאַסע וואָס קומט אונטער פון הינטן; ווער עס בלייבט ווערט צעטרעטן. אַלע מוזן אַריין אין גרוב, ווייל עס איז נישטאָ קיין צוריקוועג.

אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר אַכט־ניין מיט אַ צעפלויגן מאַנטעלע און איבערגעשראָקענע אויגן בלייבט אַ רגע שטיין און נעמט לויפן אין

אַ זייט, צום וואַלד צו. די קוילן יאָגן אים נאָך און פאַלן אַרום אים; עס דוכט זיך ווי זיי וואָלטן זיך אין אים נישט געהאַלטן. דאָרט וווּ ער לויפט איז דאָס פייער גאָר געדיכט. ער בלייבט ווידער אַ רגע שטיין, דרייט זיך אויס אין אַ צווייטער ריכטונג. עטלעכע מענטשן רייסן זיך אָפּ פון דער מאַסע און נעמען נאָכלויפן דעם ייִנגעלע. זיי פאַלן פון די קוילן, נאָר דאָס ייִנגעלע לויפט נאָך אַלץ און שטעלט זיך פאַר גאָרנישט אָפּ. די מערדער טרייבן אַ שפּיל מיטן קינד. עס זעט אויס ווי זיי וואָלטן פאַרגעסן אין אַלע אַנדערע און שיסן בלויז נאָך נאָכן ייִנגעלע, וואָס שטייט נישט אָפּ אין זיין לויף צווישן דעם פייער. דאָס צעריסענע מאַנטעלע פלאָנטערט זיך אים צווישן די פיס; ער פאַלט; הייבט זיך ווידער אויף, לויפט ווייטער. פּלוצלינג דרייט ער זיך אום, נעמט זיך יאָגן צום אָרט, וווּ עס שטייען די רוצחים. עס זעט אויס ווי ער וואָלט זיך איצט אַליין געוואָלט וואַרפן אין פייער אַריין. די קוילן רייסן ביים קינד אַראָפּ דאָס היטעלע פון קאָפּ; ער פאַלט ווידער, און ס'דוכט זיך אַז ער וועט זיך שוין מער נישט אויפהייבן, אָבער באַלד לויפט ער ווייטער און פאַרשווינדט צווישן די ביימער.

די שיסעריי הערט נישט אויף.

די געשרייען פון די אומגליקלעכע מישן זיך אויס מיט די ווילדע קולות פון די רוצחים. פון גרוב אַרויס ענטפערט אָפּ אַ ביטערער גערעַ־מער. אויף די וואָס געפינען זיך שוין אין גרוב ווערן אַרויפגעשליידערט אַנדערע, וואָס האָבן זיך געפונען ביים ראַנד, און טויטע און נאָך לעבע־דיקע בלייבן ליגן; קיינער וועט מער פון גרוב נישט אַרויס.

אונדזער גרופּע שטייט אויסגעשטעלט ביים ראַנד פון וואַלד און וואַרט. זעט אויס, אַז מען האַלט אונדז אויף דער לעצטער מינוט. פון שטאָט ווערן אַלץ געטריבן מענטשן, נייע קרבנות, ווי זיי וואָלטן אָנגע־שווומען, איין כוואַליע נאָך דער צווייטער. דאָס פייער ווערט שטאַרקער; דאָס פעלד איז שוין פול מיט הרוגים; דער אַראָפּפאַל אין גרוב אַריין דויערט אָן אויפהער.

אין די פריע אָוונט־שעהען טונקלט דער הימל ווי ער וואָלט גע־טרויערט איבער די קרבנות...

דאָס געיעג האָט אויפגעהערט. אַ קאַלטער פרילינגס־רעגן פרישט אויף די גראָזן. אַרום איז שטיל. מען הערט נישט מער קיין געשרייען, בלויז אַ פאַרשטיקטער געיאָמער טראָגט זיך נאָך פון גרוב אַרויס און דער ווינט הייבט אים אויף צו די ביימער־שפּיצן. עס דאַכט זיך ווי די ביימער וואָלטן מיטגעיאָמערט. אפשר ווען זיי דעם געיאָמער צע־טראָגן און איבערגעבן דער וועלט?

אונדזער גרופּע ווערט געטריבן בכדי צוזאַמענצונעמען די הרוגים. פאַרוואונדעטע און טויטע, וואָס ליגן אַרום, טראָגן מיר אין גרוב אַריין. אין האַרץ בעט יעדער איינער פון אונדז אַז די מאַשין־געווערן זאָלן ווידער נעמען שפּייען איבער אונדז, איבער די, וואָס האָבן געגראָבן דעם גרוב און ווילן אין אים אַליין באַגראָבן ווערן.

אַ גאַנצע נאַכט דויערט אונדזער פאַרנעמען זיך מיט די טויטע און אין דער פרי, ווען די זון באַווייזט זיך, הייבט זיך ווידער אָן דער טויטן־געיעג.

פון גרוב טראָגט זיך נאָך אַלץ אַ שטיל יאָמערן. ס׳שיסן זיך שוין אין גרוב אַריין נייע קרבנות. מיר מוזן זיך ווייטער צוקוקן צו די גרויל־סצענעס. מיר קענען שוין אונדזער גורל: באַלד וועט קומען אונדזער רייע צו פאַלן אין גרוב אַריין.

דעם צווייטן טאָג נאָך דעם ווי דער טויטן־געיעג האָט אויפגעהערט און דער וועג פון שטאָט אין וואַלד אַריין איז שוין אָפּגערייניקט פון די הרוגים, זאָגן מיר ווידוי. אַ גאַנצן טאָג היינט און אויך נעכטן איז געווען אונדזער איינציקער געדאַנק: פאַרענדיקן אונדזער לעבן מיט ווידוי. און דאָך איז נאָך געווען אין יעדן פון אונדז אַ האָפענונג, מיט וועלכער מען האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין: אפשר דאָך... אויך איצט וואַרט מען מיט אַ ציטערניש פון האָפענונג: אפשר דאָך...

אָבער בײַ די דײַטשע חיות־רעות איז נישטאָ קײן „אפֿשר" און זײ לאָזן אונדז נישט צו קײן שום האָפֿענונג. זײ זענען נאָך אַלץ נישט זאַט מיט אונדזער בלוט. זײ האָבן אַלץ נישט גענוג!

„לאָס!".

דאָס איז דער סוף פֿון אונדז, די קרבנים.

ווידער שפּײַען די מאַשין־געווערן. קײנער טרײַבט אונדז נישט. מען לויפֿט אַלײן אין גרוב אַרײַן זיך אַוועקלײגן אויף דעם באַרג טויטע און האַלב־טויטע, בכדי צו בלײַבן ליגן מיט זײ אויף אײביק. איך ווער מיט־געריסן און פֿאַל אַרײַן אין אַ פֿינצטערן תּהום.

## איך ראַטעווע זיך אַרויס פֿון טויטן-גרוב

אַ שווערע לאַסט ליגט אויף מיר. כ'וויל זיך באַוועגן און קאָן נישט. עפּעס ציט דעם רעכטן פֿוס. איך פּרוּוו זיך דערמאָנען ווו איך בין, אָבער עס קומט נישט קײן געדאַנק אין קאָפּ אַרײַן. דאָס אויער נעמט־אויף אַ יאָמערן; איך דערמאָן זיך אין דעם נעכטן; איך ווײס שוין ווו איך בין!

ווידער דאָס ציען בײַם רעכטן פֿוס. איך וויל אים אָפּרײַסן, צוריק־שלעפּן צו זיך און כ'פֿאַרנעם ווידער אַ מאָל ווו איך געפֿין זיך. איך פּרוּוו זיך אויפֿסנײַ דערמאָנען, כ'זע דאָס לויפֿן אין גרוב אַרײַן און כ'גיב זיך שוין אָפּ אַ דין־וחשבון.

נאָך אַ מאָל רייסט מיר דער רעכטער פוס אַוועק דעם זכרון. אין מוח שטעקט ער, דער פוס, ווי אַ ביין אין האַלדז. אַרויסשלעפּן אים! עס לאָזט זיך נישט. כ׳וויל באַוועגן די האַנט און דורך איר דעם רעכטן פוס... ס׳גייט נישט! אַלץ איז געבונדן. ס׳פאַרדריסט מיך; נאָך אַ מאָל פּרובירן אים אַרויסשלעפּן! כ׳גיב אַ שלעפּ און צי אַרויס דעם נעכטיקן געיעג, די שיסערייען, די טויטע און דעם געיאָמער.

דעם געיאָמער?

ניין! אים שלעפּ איך נישט אַרויס פון מוח. ער טראָגט זיך אַרום מיר, פון אונטן, פון אויבן, פון אַלע זייטן.

איצט ווייס איך שוין ווו איך געפין זיך; פון דאַנען וועט קיינער נישט אַרויס און איך אויך נישט!

און אפשר?

טראַגיש איז דער מענטשלעכער „אפשר"! ביז צום לעצטן אָטעם־צוג שטעקט ער אין מענטש.

אַ שווערע לאַסט דערדריקט מיך. איך פּרוּוו באַוועגן די לינקע האַנט; פאַרוואָס גראָד די לינקע? ווי אַן איינגעשפּאַרט קינד האָב איך זיך פאַרלייגט דווקא אויף דער לינקער האַנט. עפּעס אַ מאַסע ליגט מיר אויפן קאָפּ און פאַרשטעלט מיר די אויגן. איך וויל זי אָפּרוקן אין אַ זייט און ווידער — די לינקע האַנט!... איך קאָן זי נישט אַרויסציען.
פּלוצים פיל איך די רעכטע האַנט; זי פאַרשטעלט מיר די אויגן; עפּעס דריקט זי צו מיין פּנים. איך גיב אַ שטויס. זי איז פריי און אויך די אויגן זענען פריי.

אַרום איז אַ טונקעלע נאַכט און אין מיר שטעקט נאָך אַלץ דער „אפשר". איך וועל פּרובירן! צו ביסלעך באַפריי איך די לינקע האַנט און נעם זיך צו מיין פוס. דער מוח אַרבעט נישט. דאָס טוען די הענט פון זיך אַליין. דער געיאָמער אַרום איז אַ שטילע תפילה. פון אַ ווינקל

שלייכט זיך אַרויס די לבנה און באַווייזט די שאָטנס פון די ביימער. איך נעם זיך באַוועגן צו דער שוואַרצער וואַלד־וואַנט; איך געפין זיך נאָך אַלץ אויף דעם באַרג גופים. מיט אַלע כוחות שאַר איך זיך אויפן בויך; נאָך מיין יעדן ריר פאַרשווינדט די לבנה אויף אַ רגע פון מיינע אויגן. די פיס און די הענט פלאָנטערן זיך אין די בגדים פון די הרוגים, אָבער איך שטיי נישט אָפּ: נאָך אַ ריר מיטן פוס! מיט דער האַנט! נאָך אַ מאָל!...

כ׳בין אין וואַלד. שוין לאַנג ליג איך דאָ; די ערד איז פייכט. טראָפּנס וואַסער רינען פון אַ בוים אויף מיין שטערן — ווי גוט דאָס איז! כ׳וויל אויפשטיין, אַנטלויפן פון דעם געיאָמער און כ׳קאָן נישט; כ׳בין ווי צוגעשמידט צום אָרט. מיר דוכט זיך, אַז עמעצער גייט אין וואַלד. איך פיל זיין אָנוועזנהייט לעבן מיר. ווי אין אַ קאָשמאַר ווער איך געטראָגן.

דאָ שטעלט זיך שוין די פראַגע אין אַ גאַר אַנדערן אויסמעסט. עס האַנדלט זיך נישט מער אין זעכציק אָדער אַפילו עטלעכע הונדערט טויטע, נאָר אין גאַנצע קהילות פון יידן, וואָס ווערן באַגראָבן און מיט זיי אויך די קברנים זייערע — די אויפגעצוווּנגענע חברה־קדישא. די דייטשן האָבן אַנטפּלעקט זייער פּרצוף, זיי האָבן באַוויזן וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר די אָרדענונג, וואָס זיי ווילן איינשטעלן אויף טויזנט יאָר. און אין דער דאָזיקער אָרדענונג ווערן די באַגרעבערס באַגראָבן צוזאַמען מיט די טויטע. עס ווערט אָפּגעשאַפט די חברה־קדישא. נישטאָ מער קיין חסד של אמת. אַלע בלייבן אין איין און דעם זעלבן קוים־צוגעדעקטן קבר.

## „דריי דיך אום!“

דאָס איז געווען אין מערץ 1942 און אין 1977 זיץ איך און שרייב די דאָזיקע ווערטער. „קברן“, „חברה קדישא“, „חסד של אמת“.

אַ סוד פון טויט? פון לעבן? אָדער פון גורל?

איך גלויב, אַז ביים באַהאַנדלען די דאָזיקע פראַגע איז כדאי איבער־צוגעבן איין איבערלעבעניש אין יאַנאָווער לאַגער לעבן לעמבערג וואָס האָט אַ שייכות צום טרויעריק־באַרימטן מערדער ראָקיטאַ. איך דערצייל וועגן דער איבערלעבעניש אין מיין דערמאָנטן בוך:

ער איז געווען דער איינציקער אין לאַגער וואָס האָט געגעבן דעם „גנאַדע־שאָס“ פון הינטן אין קאָפּ אַריין צו טויזנטער קרבנות זיינע. אין אָנהייב האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ שרעק ווען איך האָב געהערט זיין שטים. נאָך ביי היינט צו טאָג פיל איך דאָס זעלבע, וואָס עס האָבן גע־פילט אַלע אין לאַגער. צווישן אַלע מערדער האָט ער — דער גרעסטער פון צווישן זיי — זיך געהאַלטן פאַרן סאַמע „הומאַניטאַרן“.

וואָס מער איך האָב אים אָבסערווירט, אַלץ מער בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז עס שפּילן זיך דאָ אָפּ זאַכן, וואָס קאָנען נישט געמאָסטן ווערן מיט דער מאָס פון נאָרמאַלע באַגריפן. כ׳הייב אָן צו צווייפלען צי זיין שאָס אין קאָפּ פון הינטן הרגעט באמת. מיט דער צייט ווער איך געשטאַרקט אין מיין השערה, אַז נישט דער שאָס הרגעט, נאָר די דריי ווערטער פון דעם רוצח, וואָס ער זאָגט פאַרן געבן דעם שאָס: „דריי דיך אום“.

ווען די זון באַהאַלט זיך הינטער דעם נאָענטן באַרג און אויפֿן גרויסן אַפּעל־פּלאַץ ליגן נאָך די לעצטע שטראַלן פֿון פֿאַרגייענדיקן טאָג ; ווען די שאָטנס פֿון דער אָנקומענדיקער נאַכט לייגן זיך צווישן די אויסגעשטעלטע מענטשן, פּירט ער דורך זיין שחיטה. אין דעם שוואַכן ליכט פֿון בין־השמשות מאַכט עס דעם איינדרוק ווי נישט מענטשן, נאָר שאָטנס וואָלטן זיך אויסגעדרייט מיט די רוקנס צום מערדער. קיינער שרייט נישט, קיינער בעט נישט קיין רחמים. ווער עס דען העלפֿן ?

יאָ, שאָטנס דרייען זיך אויס צום רוצח און נישט קיין מענטשן, האָב איך דעם איינדרוק. די דריי ווערטער „דריי דיך אום" הרגענען נאָך איידער די קויל טרעפֿט דעם קרבן ; דאָס אויסדרייען זיך איז שוין אפשר דער לעצטער אויסדרוק פֿון אַ שוין כמעט טויטן מענטש.

איך ווייס, אַז דער דאָזיקער גורל וועט אויך מיך טרעפֿן, אויב נישט היינט איז מאָרגן. מיטן כוח פֿון מיין גאַנצן ווילן וועל איך זיך אַקעגנשטעלן די ווערטער וואָס קאָנען הרגענען, אויב איך קאָן זיך נישט אַקעגנשטעלן דער קויל. ווען די באַשערטע רגע וועט קומען וועט זיך פֿאַר מיר אַרויסווייזן צי מיין השערה איז אַ ריכטיקע, אַז נישט די קויל, נאָר אַז אפשר פֿאַר דער קויל הרגענען ראָקיטאָס דריי ווערטער. לאַנג דאַרף איך נישט וואַרטן אויף דער דאָזיקער באַשטעטיקונג :

בשעת דעם אַפּעל טאָר מען נישט רויכערן. ווען די מענטשן שטייען אויסגעשטעלט אין די רייען שטעלט זיך דער מערדער אַוועק אויף אַן אָפּגעהאַקטן בוים, וואָס ליגט אין מיטן פֿעלד און ער זעט פֿון וואַנען עס גייט אַרויס אַ רויך פֿון ציגאַרעטן. יעדעס מאָל זוכט ער אויס די, וואָס רויכערן און ער דערשיסט זיי. אָבער וואָס מער ער שיסט, אַלץ מער רויכערט מען. אַזוי איז דאָס אין לאַגער : אַ זאַך, וואָס איז פֿאַרבאָטן רעכנט מען זיך נישט דערמיט און מען איז עובר אויפֿן פֿאַרבאָט. דאָס הייסט נישט, אַז מען וויל נישט לעבן, פֿאַרקערט : קיינער וויל נישט שטאַרבן, יעדער קעמפֿט אויף זיין אופֿן פֿאַרן לעבן, אַפֿילו די, וואָס

געפינען זיך שוין כמעט אין גסיסה גלייבן נאָך אַלץ, אַז זיי וועלן לעבן; ביז צום לעצטן אָטעם־הויך שטעקט נאָך אין זיי דער „אפשר"... און טראָץ דעם טוט מען דאָס, וואָס איז פאַרווערט. טראָץ דעם וואָס עס איז פאַרבאָטן צו רויכערן און מען שיסט פאַרן רויכערן, רויכערט מען. דאָס איז פאַר מיר איינע פון די נישט־פאַרשטענדלעכע דערשיינונגען אין לאַגער.

לעבן מיר שטייט אַן אינזשיניער. ער קאָן זיך נישט איינהאַלטן און ער רויכערט. ער לאָזט אַריין דעם רויך אין אַרבל אַריין. דאָך באַמערקט דאָס דער מערדער. ער האָט אפשר נישט באַמערקט ווער עס האָט גערויכערט און ער איז זיכער, אַז איך האָב דאָס געטאָן. ער רופט מיך אַרויס פון דער רייע מיט די ווערטער: „דריי דיך אום". ווי אַ פונק בליצט אַדורך אין מיין מוח דער געדאַנק: נישט לאָזן זיך הרגענען פון די דריי ווערטער! איך שטעל זיך אויף אַכטונג און זאָג: „הער אונטערשטורעמפירער, איך מעלדע געהאָרכזאַם, דאָס איך ני אין מיינעם לעבען גערויכט האָבע אונד אַוך יעצט ראַוכטע איך ניכט".

ער קוקט מיר אין די אויגן אַריין און הייסט מיך צוריקגיין אין דער רייע. דאָס איז געווען דער איינציקער פאַל, ווען אַ מענטש איז געבליבן לעבן נאָך ראָקיטאַס דריי ווערטער „דריי דיך אום".

***

נאָכן אַפּעל בלייבן אויפן פּלאַץ ליגן די הרוגים. דאָס צעטראָטענע, פאַרגעלטע גראָז איז דורכגעווייקט פון בלוט. די מענטשן באַקומען קאַווע און אַ שטיקל ברויט. באַלד וועט מען אַריינגעטריבן ווערן אין באַראַק און עס וועט זיך אָנהייבן די געוויינלעכע פּיין. די פּיס פאַר־לאַנגען אָפּרו. דאָס גראָז אויפן פּלאַץ איז נאַס פון פרישן בלוט; אויף די מתים וואָס זענען נישט פאַרבלוטיקט זעצט מען זיך עסן דאָס וואָס מען האָט נאָר־וואָס באַקומען. אין איינוועגס זוכט מען אין זייערע קע־שענעס אַ שטיקל ברויט, וואָס איז אפשר ביי זיי געבליבן, און אַז עס לוינט זיך ציט מען פון זיי אַראָפּ די שיך.

## די צוויי פעריאָדן פון יאַנאָווער לאַגער

אין דאָזיקן לאַגער איז מיין צונויפטרעף מיטן טויט פנים אל פנים געווען אַ פערמאַנענטער. איך קאָן זאָגן, אַז במשך דער צייט פון מיין געפינען זיך אין יאַנאָווער לאַגער ביז איך, ווי מיר איז באַקאַנט, דער איינציקער, וואָס איז לעבן געבליבן. דאָס הייסט, איינער פון עטלעכע צענדליק טויזנט מענטשן. איך גלויב, אַז איך האָב דעריבער אַ חוב איבערצוגעבן אַז פון יאַנאָווער לאַגער בכלל געגומען, זענען פאַראַן בלויז עטלעכע צענדליק אָדער אפשר נישט קיין סך מער ווי הונדערט לעבן־געבליבענע.

דעם לאַגער דאַרף מען איינטיילן אין צוויי פעריאָדן: דער ערשטער פעריאָד באַשטייט פון דער ערשטער העלפט פון יאָר 1942 ביז דעם חודש אויגוסט, דעמאָלט ווען מען האָט ערשט דעם לאַגער אָנגעהויבן אויפצושטעלן. עס זענען נאָך דאָרטן נישט געווען קיין באַראַקן, נאָר בלויז אַ גרויסער מאַגאַזין פאַר תבואה, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויסן שלאָף־פלאַץ פאַר טויזנטער מענטשן, און אַ גאָר גרויס פעלד, ווו די מענטשן זענען שעהען־לאַנג געשטאַנען אויף די אַפּעלן ביז צו זייער אומקום.

דער צווייטער פעריאָד הייבט זיך מער־ווייניקער אָן אין חודש סעפּטעמבער 1942, ווען עס זענען שוין אויפגעשטעלט געוואָרן באַראַקן און אין דעם לאַגער איז איינגעפירט געוואָרן אַ געוויסער „סדר", אַ סדר אָפילו ביים אומברענגען די יידן. אין ערשטן פעריאָד איז דאָס געווען

גאַנץ פּשוט אַ הריגה־אָרט. הינטער דעם לאַגער האָט זיך געצויגן אַ טאָל פון זאַמדן. דאָרטן זענען צוויי מאָל אין טאָג, פרימאָרגן און אָוונט, אַוועקגעטראָגן געוואָרן די הונדערטער טויטע פון דעם אָרט ווו עס איז שפּעטער אויפגעשטעלט געוואָרן דער לאַגער.

אָט פון דעם ערשטן פּעריאָד בין איך, גלויב איך, דער איינציקער לעבן־געבליבענער.

מיין לעבן־בלייבן נאָך ראָקיטאַס „דריי דיך אום", איז זיכער געווען דער איינציקער פאַל, וואָס האָט זיך געטראָפן אין לאַגער. איך בין אַ סך יאָרן שפּעטער געווען אַן עדות אויפן פּראָצעס פון די מערדער פון יאַנאָווער לאַגער אין שטוטגאַרט. ראָקיטאַ האָט נאָך געלעבט, אָבער מען האָט אים צום דאָזיקן פּראָצעס נישט געבראַכט, ווייל ער איז געווען שווער קראַנק אויף אַ ראַק און צו דעם איז ער אויך געווען משוגע.

פאַרשטייט זיך, אַז די ריכטער האָבן געקענט די שוידערלעכע רוצחישע מעשים פון ראָקיטאַ, פון דעסטוועגן איז מיין דערציילן פאַרן געריכט וועגן דעם באַזונדערס אויסטערלישן „דריי דיך אום" געווען אויפן געריכט־זאַל ממש אַ סענסאַציע. דעם פאַקט גופא פון די דריי ווערטער האָבן זיי געקענט, אָבער זיי האָבן זיך נישט געריכט, אַז אַ לע־בעדיקער ייד וועט קומען דערציילן, אַז מיט אים גופא האָט דער פאַל געטראָפן.

אין דעם פאַל (ווען איך האָב שוין געהערט ראָקיטאַס „דריי דיך אום") בין איך געשטאַנען אַליין און אָפּגעזונדערט מיטן טויט פּנים אל פּנים. איך זאָג אָפּגעזונדערט, ווייל טראַץ דעם, וואָס אַרום און זענען געשטאַנען הונדערטער מענטשן אויסגעשטעלט אויף אַ טויטן־אַפּעל (אַזוי האָט מען דעם אַפּעל גערופן אין יאַנאָווער לאַגער) בין איך אָבער פאַרט אין אָט דער רגע געווען אַליין, אָפּגעזונדערט פון די לעבעדיקע, אָפּגעשניטן פון דער וועלט, אָפּגעטיילט פון לעבן. דאָס איז שוין געווען פאַר מיר אַ מצב פון „יענער זייט". דאָך איז מיין רעאַגירן געווען אַ רעאַגירן פון „דער זייט", פון אַ לעבעדיקן.

פון וואַנען האָט זיך דאָס גענומען?

אין משך פון די שפּעטערדיקע וואָכן, חדשים און יאָרן בין איך אויך נישט איין מאָל געשטאַנען פּנים אל פּנים מיטן טויט. דאָך איז דער פאַל מיט ראָקיטאַ געבליבן אין מיין זכרון ווי מיין שטאַרקסטע איבערלעבעניש אין מיין לאַגער־לעבן.

ווען איך טראַכט ביי היינט צו טאָג וועגן יענער געשעעניש דאַכט זיך מיר, אַז דעמאָלט, גראָד אין יענער רגע צווישן לעבן און טויט, בין איך געווען שטאַרקער פונעם מערדער; מיין מאָראַלישע קראַפט האָט איבערגעשטיגן זיין אוממאָראַלישע געפאַלנקייט און רשעות. און די דאָזיקע מאָראַלישע קראַפט האָט זיך צו מיר גענומען אין דעם פאַל, וואָס מיין גאַנצער מענטשלעכער וועזן האָט נישט גענומען צו קענטעניש אַז איך קאָן באַזייטיקט ווערן פון מיין מאָראַלישן חוב פון חברה־קדישא, פון דעם טרעגער פון חסד של אמת, אַ חסד, וואָס מען טוט לגבי דעם בר־מינן, וועלכער קאָן מער נישט מיט גאָרנישט אָפּצאָלן פאַר דעם וואָס מען טוט צו אים.

***

ווידער בין איך צוריקגעקומען צו מיין ראָלע פון אַ חברה־קדישא־מאַן, נאָך דעם ווי איך בין געשפּרונגען אַ נאַקעטער פון דעם דעפּאָר־טאַציע־צוג, וואָס האָט אונדז געפירט קיין בעלזשעץ אויף אומקום. אין יענער רגע איז דאָס שטאַרקסטע געפיל מיינס און מיין גרעסטע אחריות געווען: ברענגען אַ ייד צו קבר ישראל.

אַ ייד, וואָס איז געשפּרונגען צוזאַמען מיט מיר פון צוג און האָט נישט מצליח געווען, ווייל דאָס איז געווען אַ שפּרונג אין טויט אַריין. איך האָב געטאָן זיין רעכט אַ נאַקעטער מיט אַ געפלאַצטן קאָפּ, אין אַ קאַלטער שנייאיקער נאַכט, וווּ דער טויט האָט נישט געהאַט קיין שליטה אויף מיר, ווייל איך האָב געדאַרפט דערפילן די ראָלע פון חברה קדישא, פון חסד של אמת.

איך באַשרייב דאָס אין מיין בוך:

# דער שפּרונג צום טויט און צום לעבן

איך פיל זיך וואָס אַמאָל שוואַכער. די לופט אין בונקער איז געדיכט. גראָבע טראָפּנס שווייס רינען מיר פון שטערן, באַגיסן מיר די אויגן און גיסן זיך מיט דער גאַנצער ביטערקייט אַריין אין מויל. אַלץ איז אויף מיר נאַס. אין האַלדז שטיקט מיר און ווערגט. די אויגן באַדעקן זיך מיט אַ דינעם נעפּל, ס׳פאַרווישט זיך דאָס ליכט פון דער צווייטער וואַנט, דער קעלער דרייט זיך ארום מיר, אין האַלדז שטיקט אַלץ שטאַרקער. מיט דער לעצטער אָנשטרענגונג וועק איך יאַנקען.

מיטאַמאָל בין איך ווידער וואַך! די דייטשע שטיוול קלאַפּן אויף די טרעפּ! יאַנקע האַלט מיך ביי דער האַנט. עמעצער רירט די ברעטער, אונטער וועלכע מיר ליגן. אַ קינד וועקט זיך און וויינט...

מען האָט אונדז אַנטדעקט!

מיר זענען פאַרזאַמלט אויפן הויף. לעבן מיר שטייט דאָס קיישעלע מיטן קליינעם קינד. יאַנקע איז ערגעץ פאַרשוווּנדן. קיינער האָט נישט באַמערקט וווהין זי איז אַנטלאָפן.

די פרישע לופט גיט מיר נייע כוחות. כ׳פיל זיך נישט אַזוי אָפּגעשוואַכט ווי אין קעלער. כ׳דערמאָן זיך, אַז יאַנקע האָט אַריינגעלייגט אין טאַש פון מיין מאַנטל אַ שטיק ברויט; איך עס דאָס מיט גרויס זשעדנעקייט.

איך בין אַנטשלאָסן צו אַנטלויפן ביי דער ערשטער געלעגנהייט. איך קוק זיך אַרום. אָבער פון אַלע זייטן זענען מיר אַרומגערינגלט פון

די רוצחים. די גאַסן, דורך וועלכע מען פירט אונדז, זענען באַדעקט מיט טויטע. אויפן פלאַץ שטייען שוין אַ פּאָר טויזנט מענטשן אין רייען. אַן עס־עס־אָפיציר ציילט די רייען. ער וויל וויסן, צי ער האָט שוין דעם „קאָנטינגענט". ביים טויער לאָדנט מען איין אין לאָרעס (אָפענע פלאַטפאָרמעס), וועלכע פאָרן ביז צו דער סטאַציע פון וואַנען עס גייט אָפּ אַ צוג קיין בעלזשעץ — גלייך צום טויט.

איך ציטער פון שרעק. כ'האָב מורא, זיי זאָלן מיך נישט ברענגען צוריק אין יאַנאָווער לאַגער אַריין פון וואַנען כ'בין אַנטלאָפן. דער געדאַנק וועגן טויט און די טאָרטורן מאַכט מיך משוגע. אין דער דאָזיקער רגע האָב איך נאָך איין ווונטש: „מען זאָל מיך נאָר נישט דאָרטן אַהינפירן!". כ'וואָלט שוין בעסער געוואָלט אַז מען זאָל מיך פירן צו די וואַגאָנען, וואָס פאָרן גלייך צום אָרט פון אומקום.

***

אויפן וועג צו דער סטאַציע זוכן מיינע אויגן יאַנקען. פון איר וויל איך שעפּן כוח. זי איז נישטאָ, איר איז עס געלונגען. איך וויל אויך אַנטלויפן און דעצידיר זיך שנעל צו שפּרינגען פון דער לאָרע; כ'בין שוין מיט איין פוס אויף דער צווייטער זייט, כ'וויל שוין שפּרינגען, דערפיל איך די מערדער־האַנט פון אַן אוקראַינישן מיליציאַנט אויף מיין האַלדז. ער שלאָגט. די קלעפּ גיבן מיר צו פאַרשטיין, אַז איך טאָר נישט טאָן קיין נאַרישקייטן. איך הערש ווידער איבער מיינע נערוון. מיין באַשלוס איז פעסט: כ'וועל מיך נישט לאָזן אומברענגען — איך מוז לעבן!

מיר פאָרן אַדורך דעם לאַגער און דערנענטערן זיך צו דער סטאַציע. אַ שטיין פאַלט מיר אַראָפּ פון האַרץ: דעם שרעקלעכן טויט, די חיהשע טאָרטורן, האָב איך שוין אויסגעמיטן. איצט מוז איך האַלטן קאָפּ! יעדער שריט איז וויכטיק, אַלץ מוז זיין באַרעכנט און רואיק.

לעבן די וואַגאָנען מוזן מיר זיך אַלע אויסטאָן נאַקעט. די מערדער לויפן אַרום צווישן אונדז מיט דרענגער, שלאָגן, הרגענען און טרייבן אַריין אין די פערד־וואַגאָנען. שנעל מוז מען פון זיך אַראָפּוואַרפן דאָס אָנטועכץ. אַ טייל בלייבן אין די אונטערוועש, אַנדערע אין גאַנצן נאַקעט.

אין דעם געיעג אַרבעט מיין מוח אינטענסיוו. „קיין בעלזשעץ וועלן זיי מיך נישט ברענגען, איך מוז אומבאַדינגט מיטנעמען מיין מאַנטל".

דער מאַנטל ליגט לעבן מיר. אַ ביסל ווייטער זענען אויסגעלייגט די קראַנקע און טויטע. שנעל כאַפּ איך אַ נאַקעט מיידעלע פון אַ יאָר צען, וואָס ליגט אין שנײ, און כ׳לאָז זיך מיט איר דורך דעם שמאָלן ברעטל אין וואַגאָן אַריין. די מערדער שטייען אויף דער רעכטער זייט און זעען נישט, אַז אויף מיין לינקער האַנט איז אויפגעהאָנגען דער מאַנטל; דאָס מיידעלע, וואָס ליגט אויף מיין רעכטער האַנט, פאַר־שטעלט אים.

דער וואַגאָן איז געפּאַקט מיט נאַקעטע מענטשן: מענער, פרויען, קינדער, זקנים, קראַנקע און טויטע; אַזעלכע וואָס זענען ביי זיך אויפן בעט אין דער לעצטער מינוט געשטאָרבן, אַנדערע, וואָס מ׳האָט דער־שאָסן און אַזעלכע, וואָס זענען אויף דער סטאַציע געהרגעט געוואָרן. אין דעם קליינעם פערד־וואַגאָן איז אַ שרעקלעכע ענגשאַפט; מ׳שטייט אויף די טויטע און קראַנקע. פון אָנהייב שרייט מען נאָך און מען קריגט זיך וועגן גוט זיצן און שלעכט שטיין, אָבער באַלד ווערט אַלץ רואיק. דער וואַגאָן איז פאַרהעמערט און פאַרקלאַפּט, דאָס פענצטערל מיט אייזערנע קראַטן און שטעכל־דראָט — פאַרהאַקט.

אַלע ווייסן, אַז מען פאָרט צום טויט. מען זאָגט שוין נישט קיין ווידוי, מען וויינט נישט און מען קלאָגט נישט; מען מאַכט שלום מיטן גורל. מ׳איז שוין געוועזן מיד פון דעם אָנגעשטרענגטן וואַרטן, די נערוון האָבן מער נישט אויסגעהאַלטן, מ׳האָט שוין געוואַרט אויף דער רגע ווי אויף אַ דערלייזונג. איצט איז נאָך אַלעם. דאָ, אין וואַגאָן, פילט מען זיך שוין ווי טויט; מען האָט שוין דעם שרעקלעכן קאָשמאַר הינטער

זיך; מ׳האָט אויפגעגעבן דעם קאַמף און עס איז לייכטער געוואָרן אויף דער נשמה. איצט קאָן מען שוין זאָגן נאָך זיך אַליין: „ברוך דיין אמת״.

עס איז קיין אונטערשיד נישט צווישן די טויטע און די לעבעדיקע. מען שטייט אויף די טויטע, מען שטייט אויף די לעבעדיקע, וואָס קאָנען זיך מער אויף די פיס נישט האַלטן. עמעצער דערציילט ווי ער איז געווען גוט באַהאַלטן און ווי מ׳האָט אים געפונען. דאָס איז זיין לעצטע מעשה. געוועזענע יידישע מיליציאַנטן, וואָס האָבן ביז איצט „דינסט געמאַכט״, שטייען לעבן די אַנדערע. די שיינע מונדירן און די היטלען מיט גלאַנציקע דאַשקעס האָבן זיי געמוזט איבערלאָזן אין דרויסן. זיי האָפן נישט מער אויף קיין באַלוינונג פאַר זייער טרייער דינסט קיינער איז דאָ נישט בייז אויף זיי. מען שעלט זיי נישט. מען שעלט נישט די דייטשן און אויך נישט די אוקראַאינישע מיליציאַנטן. דאָס לעצטע וואָרט איז שוין געזאָגט געוואָרן.

אַן אַלטער מיט אַ סידור אין דער האַנט וויל נאָך איבערצייגן זיין שכן, אַז די יידן זענען זיך אַליין אין דעם אַלעם שולדיק, — זיי האָבן צופיל געזינדיקט. קיינער קריגט זיך נישט מיט אים; זאָל זיין אַזוי — וואָס איז דען דאָס שוין וויכטיק?...

אין אַ ווינקל דערציילט אַ פרוי, וואָס פאַר אַ טויט עס דערוואַרט אונדז. מיט אַ רואיקער שטים חזרט זי איבער די מעשיות, וואָס זי האָט וועגן דעם געהערט פון אַ דייטש. קיינער פרעגט זי נישט איבער. די ווערטער פאַלן ווי אין אַ הוילעניש אַריין. מען לעבט שוין איצט סיי ווי נישט — איז נישט וויכטיק ווי אַזוי מען וועט אומקומען. דער לעבנס־אינסטינקט עקזיסטירט נישט מער.

אין מיר שטעקט נאָך אַלץ די עקשנות. איך רוק זיך צו צום פאַר־קראַטעוועטן פענצטערל. דאָ ליגט די איינציקע מעגלעכקייט. כ׳פּרוּוו די אייזנס און פיל אין זיך געננג כוח זיי דורכצוברעכן. איך קאָן אָבער גאָרנישט אָנהייבן, ווייל אין דרויסן איז נאָך ליכטיק. די מערדער דרייען

זיך אַרום און שיסן אין די פּענצטערלעך אַרײַן. אין האַרץ בעט איך גאָט, אַז דער צוג זאָל נאָך שטיין, ביז די נאַכט וועט צופאַלן. איך פּרווו צורעדן דעם אינזשיניער, וואָס שטייט לעבן מיר, אַז ער זאָל אויך שפּרינגען. מיר האָבן דאָך נישט וואָס אײַנצושטעלן. ער איז נאַקעט ווי די מוטער האָט אים געבוירן. ער ווייסט, אַז ער האָט גאָרנישט צו פאַרלירן. ער איז בײַז אויף דער גאַנצער וועלט, איז מיד פונעם בײַז־איצטיקן קאַמף און וויל נישט פּרוון. איך פיל, אַז ווען מען זאָל איצט עפענען דעם וואַגאָן און זאָגן „גייט"! — וואָלט ער דורכגעלעבט אַן אַנטוישונג. ער האָט שוין שלום געמאַכט מיט אַלץ — ער געפינט זיך שוין צווישן די טויטע; ער האָט מער נישט קיין כוח צו תחית־המתים.

איך בין אומעטיק — אַזוי איינער אַליין צווישן די אַלע טויטע מענטשן! זיי פילן זיך נישט איינזאַם, זיי פאַרבינדט דער געמיינזאַמער גורל, וואָס מאַכט לייכט די לעצטע מינוטן. איך בין איינזאַם, איך איינער וויל לעבן, איך איינער האָב נאָך דעם קאַמף נישט אויפגעגעבן. איך ווענד זיך צו די שכנים זיי זאָלן מיט מיר צוזאַמען שפּרינגען פון צוג. כ'רוף אויס אין וואַגאָן: ווער וויל מיט מיר שפּרינגען? איך זוך אַ באַ־שטעטיקונג, אַז איך בין נישט משוגע! דוכט זיך אָבער, אַז איך בין יאָ אומנאָרמאַל, ווייל די אַלע זענען דאָך אַנדערש!...

עמעצער פּרווט אויסלאַכן מײַנע פּלענער. „זיי וועלן אים ווי אַ זיפּ דורכלעכערן מיט קוילן" — שפּאָט ער.

ווער האָט מורא פאַר קוילן, וואָס קאָנען דורכלעכערן? ווער האָט נאָך עפּעס צו פאַרלירן?

יעדער ווייסט, אַז מען קאָן מער גאָרנישט פאַרלירן; מען געפינט זיך שוין אין צושטאַנד פון פאַרגליווערונג און אינערציע — דער ווילן איז אָפּגעשטאָרבן.

דער גרויסער פאַבריקס־קוימען אַקעגנאיבער דעם פּענצטערל פאַר־לירט צו ביסלעך די געל־רויטלעכע פאַרב; צוערשט זעט עס אויס, ווי

ער וואָלט געוועןְ איינגעהילט אין אַ בלויען לבוש, וואָס פאַרווישט זיך שפּעטער אין גרויען אַריין און פאַרשווינדט אין גאַנצן. די נאַכט לייגט זיך מיט איר פינצטערניש אויף דער אַרומיקער וועלט. מיר שטייען נאָך אַלץ אויף דער סטאַציע. איך נעם זיך צו די קראַטן. איך פיל זיך גאָרנישט אָפּגעשוואַכט. פון צייט צו צייט טויכט אויף אין מיין מוח די שאלה: „וואָס וועל איך טאָן נאָך דעם שפּרינגען?״ כ׳האָב קיין צייט נישט וועגן דעם צו טראַכטן. די אייזנס האַלטן שטאַרק. כ׳מוז אַרבעטן פאָרזיכטיק, כדי נישט צו וועקן די אויפמערקזאַמקייט פון די רוצחים. מיט קאַלטבלוטיקייט באַרעכן איך יעדע באַוועגונג. איך מוז זיך איילן, כדי עס זאָל נישט זיין צו שפּעט!

ענדלעך רירט דער צוג פון אָרט. כ׳שטרענג אָן אַלע כוחות. די אַנדערע קוקן זיך צו גלייכגילטיק. כ׳שטער אַ ביסל זייער רו. איך פיל זיך ווי איך וואָלט געמאַכט אַ געוואַלד אויף אַ בית־הקברות. דאָך פיל איך די סימפּאַטיע, וואָס טראָגט זיך פון אָפענעם קבר צו מיר.

אין ווינקל לעבן מיר שטייט אַ יונג מיידל, וואָס נעמט אַרום איר אַלטע מוטער און שיצט זי, זי זאָל נישט צעקוועטשט ווערן פון די אַנדערע. דאָס איז די איינציקע אין וואַגאָן, וואָס איז ביז איצט נאָך נישט אַריינגעפאַלן אין אַפּאַטיע. זי קריגט זיך מיט די אַנדערע וועגן אַ גוט אָרט פאַר איר קראַנקער מוטער. דער אַלטיטשקער איז נישט גוט געוואָרן, שטופּט זי זיך מיט איר צום פענצטערל, רוקט מיך אַוועק און מאַכט פאַר איר פּלאַץ. איך וויל זיך אויף איר בייזערן: מיט וואָס פאַר אַ רעכט נעמט זי מיר צו דעם פּלאַץ? איך נעם זי אָן, כדי זי אָפּצושטויסן פון פענצטערל, דערפיל איר נאַקעט לייב און צי צוריק מיין האַנט. דאָס איז אַ מענטש, וואָס לעבט נאָך, דאָס איז אַ פרוי...

ווייך, גאָר ווייך, ווי צו אַ ניי־געבוירן קינד, לייג איך ווידער צו מיין האַנט צו איר נאַקעטן קערפּער. אַ שטראָם פון וואַרעמקייט נעמט

מיך אַרום. מיר פֿאַלט איין אַ געדאַנק: שטיל, מיט ציטערדיקע ליפּן, רוים איך איר איין אין אויער: „שפּרינג מיט מיר, וועלן מיר גיין צוזאַמען״. זיס, ווי אַ ליבע־דערקלערונג קלינגט איר שטים: „גיי אַליין, איך קאָן מיין מוטער נישט פֿאַרלאָזן״.

איך וויל איר זאָגן, אַז זי וועט דער מוטער נישט העלפֿן, ווייל זי איז שוין פֿאַרלוירן, אַז זי האָט רעכט צו ראַטעווען איר לעבן. דאָס הילכן פֿון די רעדער איבער אַ בריקל דערמאָנט מיר אָבער אַז איך מוז זיך איילן. אָן אַ וואָרט רוקט זיך דאָס מיידל אָפּ מיט איר מוטער פֿון פֿענצטערל. איך נעם זיך ווידער צו דער אַרבעט.

עמעצער שטופּט זיך צו מיר פֿון צווייטן עק וואַגאָן. איך האָב אים אָנגעשטעקט מיט מיין עקשנות; ער וויל אויך שפּרינגען; ער האָט ערגעץ איבערגעלאָזט אַ קינד; ער וויל זיך מיט אים נאָך טרעפֿן. איך לערן אים, ווי אַזוי ער מוז שפּרינגען. איך וועל זיין דער ערשטער, ער נאָך מיר. אין וואַלד וועלן מיר זיך געבן סימנים און שפּעטער ווייטער גיין צוזאַמען.

דאָס פֿענצטערל איז גאָר שמאָל. די אַנדערע וועלן אונדז מוזן העלפֿן אַרויסרוקן זיך; צוערשט די פֿיס, שפּעטער דעם קערפּער און דעם קאָפּ. מיט אַלע כוחות רייס איך איצט די אייזנס. ווען איך פֿיל אַז זיי גיבן נאָך, בעט איך די שכנים, זיי זאָלן אונדז העלפֿן אַרויסרוקן זיך דורכן פֿענצטערל. די שטעכל־דראָט שניידט זיך אַריין אין מיינע פֿינגער. אַ וואַרעמע קלעפּיקע מאַסע רינט פֿון די הענט אויף מיין פּנים. איך פֿיל נישט דעם ווייטיק. וואָס שנעלער דער צוג פֿאָרט, אַלץ שנעלער באַוועגן זיך מיינע הענט, אַלץ שטאַרקער איז די אָנ־שטרענגונג. די אייזנס ברעכן זיך ווי דינע ברעטלעך. דער שטעכיקער דראָט גיט זיך אונטער מיינע פֿינגער. דאָס פֿענצטערל איז אָפֿן — איך קאָן שפּרינגען!

איך מוז שפּרינגען נאַקעט, ווייל מיט דעם מאַנטל וועל איך נישט אַדורך דורכן פֿענצטערל. עמעצער וועט מיר אים נאָכוואַרפֿן. נאָך

אַ מאָל לערן איך דעם צווייטן, ווי אַזוי ער זאָל שפּרינגען. אָרעמס ציען זיך אויס, כדי מיך אַרויסצורוקן. איך פּיל אַ פּאָר וואַרעמע הענט אויף מיין שטערן און אין ליכט פון דער לבנה, וואָס רייסט זיך אַריין דורך דער עפענונג, זע איך דאָס נאַקעטע מיידל. זי האָט אויף אַ רגע אָפּגע־לאָזט איר מוטער כדי מיר צו העלפן. כ׳זע זי איצט דאָס ערשטע מאָל. אַנדערע הויבן מיך ביי די פיס און רוקן מיך אַרויס. איך בין שוין מיט אַ האַלבן קערפּער אין דרויסן. פון די וואַגאָנען, ווו עס שטייען אויסגעשטעלט די רוצחים מיט מאַשין־געווערן, הערט זיך דאָס בילן פון קוילן. מיין קערפּער שטעקט אין פענצטערל און פאַרשטעלט דאָס נישטיקע לבנה־ליכט. אין וואַגאָן איז שטאָק־פינצטער. די אויגן זעען גאָרנישט. די ווייכע האַנט האָט זיך אַראָפּגערוקט פון מיין שטערן און לייגט זיך אויף מיינע ליפּן. רוקנדיק זיך מיטן גוף פון פענצטער אַרויס, קוש איך די האַנט פון דער אומבאַקאַנטער, אָבער מיט די געדאַנקען בין איך ביים שפּרינגען. בלויז אויף אַ רגע בליצט נאָך דער פאַרדרוס, פאַרוואָס זי גייט נישט מיט מיר. איך פיל אירע ליפּן אויף מיינע און הענג מיטן פּנים צום וואַגאָן. איך לאָז אָפּ איין האַנט, הענג בלויז אויף איינער. אונטער מיר ליגט אַ וועלט איינגעהילט אין ווייסן. איך קוק צי מיר פאָרן נישט איבער אַ בריק, איך פיל אַז לענגער וועט מיין צעבלוטיקטע האַנט זיך נישט דערהאַלטן. איך הער דאָס ווילדע גע־שיסעריי פון צווישן די וואַגאָנען; דער צוג פאָרט גאָר שנעל, דער וואַלד פאַרשווינדט און באַווייזט זיך ווידער. אין מוח בליצט דער לעצטער געדאַנק, אַז איך טאָר נישט בלייבן ליגן אויפן שניי, ווייל די רוצחים וועלן זען ווו צו צילן, און איך לאָז נאָך די האַנט.

איך שטיי הינטער אַ בוים, דאָס פייער בליצט אַרום מיר, דער צוג פאַרשווינדט ווי אַ פונק. כ׳בין אַליין לעבן אַ גרויסן וואַלד. דער מאַנטל ליגט אַ ביסל ווייטער. די אַרבל צעשפּרייט, זעט ער אויס ווי אַ מענטש וואָלט געלעגן אויפן שניי. ער איז געלעכערט פון קוילן. די רוצחים האָבן געגלויבט, אַז דאָס איז אַ מענטש, האָבן זיי צו אים געשאָסן.

איצט גיי איך זוכן מיין מיטשפּרינגער. איך וויל אים געבן דעם

אָפּגעשמועסטן סימן, אָבער פון מויל קומט נישט אַרויס קיין קול. איך האַלט זיך קוים אויף די פיס; איך פאַל, הויב זיך ווידער אויף. נאַקעט, מיט דעם מאַנטל ארויפגעוואָרפן אויף מיר, שלעפּ איך זיך ווי אין אַ חלום צום אָרט וווּ איך וויל טרעפן מיין גורל־ברודער. איך שטרענג אָן אַלע מיינע כוחות, צי זיך ווייטער אויפן שניי. קליינע שוואַרצע פלעקן באַווייזן זיך אויף דער ריינער ווייסקייט. מיר דוכט זיך אַז זיי פאַרשטעלן מיר דיאויגן; כ׳וויל זיי אָוועקרוקן און טאַפּ דאָס בלוט, וואָס רינט פון קאָפּ. די שוואַרצע פלעקן מישן זיך אויס מיט דער ווייסקייט, צעגיסן זיך איבער איר, רייסן אָפּ דאָס ליכט פון מיינע אויגן. אין דער פינצטער טאַפּ איך דעם נאַסן שניי, דריק צוזאַמען אַ פולע פויסט, לייג צו צו די אויגן. ווידער זע איך פאַר זיך די ריינע ווייסקייט. אַ דערפרישטער, שלעפּ איך זיך ווייטער, פאַל ווידער און פאַרליר דאָס ליכט. איך לייג נאָך אַ מאָל צו שניי צום פאַרבלו־טיקטן פּנים און אייל זיך ווייטער. איך זע וואָס אַ מאָל וויניקער אויף די אויגן. דאָס לינקע אויג איז אין גאַנצן פאַרשטעלט. דאָס רעכטע פאַרגיסט זיך מיט בלוט, וויש איך עס מיט שניי און צי זיך ווייטער אויף די קני. מיינע הענט טאַפּן אָן עפּעס ווייכס. איך לייג ווידער צו שניי צום רעכטן אויג. מיטן פּנים אַראָפּ ליגט דער צווייטער, איך דריי אים אויס צו מיר, וויל זען דאָס פּנים, אָבער אַ שוואַרצער שאָטן פאַר־שטעלט מיר די ראיה. וויש איך ווידער דאָס פּנים מיט שניי און לייג צו דאָס אויער צו זיין נאַקעטער ברוסט: דאָס האַרץ קלאַפּט! די ליפּן מורמלען עפּעס! כ׳וויל זיך צובייגן צו זיין מויל. די שוואַרצע וואַנט דערלויבט מיר נישט. אויטאָמאַטיש לייג איך מיר צו פרישן שניי. די לבנה באַלייכט זיין פאַרבלוטיקט פּנים. מיר דוכט זיך, אַז מיט אַ רגע צוריק, ווען איך האָב אים באַרירט, איז ער גאָרנישט געווען פאַרבלוטיקט. כ׳ווייס נישט, צי דאָס בלוט וואָס באַגיסט אים איז זיינס. ער ציט מיך צו זיך. נאָך אַ מאָל בויג איך זיך צו אים צו און ווידער די שוואַרצע וואַנט! אויפסניי וויש איך מיט שניי דאָס רעכטע אויג. זיין פּנים איז אין גאַנצן אין בלוט. איך האַלט די לינקע האַנט אַרום אים, וויל אים אַ ביסל אויפהויבן, כדי צו הערן, וואָס ער וויל זאָגן,

שטרענג זיך אָן און פֿאַל לעבן אים. זיין קערפּער דריקט מיין האַנט. מיט אַלע כּוחות צי איך זי אַפּער פון אונטער אים. ער ליגט אויפֿן שניי אַ פאַרשטייפטער, זיין האַרץ קלאַפּט נישט מער; איך בין אַליין אין וואַלד.

ביסלעכווייז נעם איך צוזאַמען די געדאַנקען. איך רייס זיי אָפּ פונעם שמאָלן פענצטערל אין פערד־וואַגאָן, פון דעם מיידלס ווייכן קערפּער און פון אירע וואַרעמע ליפּן, פון קליינעם בריקל און דעם אַדורכגעשאָסענעם מאַנטל, פון די שוואַרצע פלעקן אויף דעם קריש־טאָל־ווייסן שניי און פון פאַרשטייפטן גוף, וואָס ליגט לעבן מיר. איינס צום צווייטן בינד איך צוזאַמען און דערמאָן זיך אַז דאָ, לעבן די שינעס, איז אָ געפאַר צו זיצן, און אַז אָ פּאָר טריט ווייטער ציט זיך דער וואַלד.

נאָך אַ מאָל וויש איך דאָס אויג און נעם קריכן אויפֿן בערגל צום וואַלד צו. אין מיטן וועג בלייב איך ליגן און דריי זיך אום צום בר־מינן אין טאָל. מיך עגבערט אַ געדאַנק, אַז איך האָב דאָרט עפּעס פאַר־געסן. איך גיב זיך נישט אָפּ קיין דין־וחשבון פון וואַנען דאָס געפיל נעמט זיך צו מיר. דאָס לאָזט מיך אָבער נישט ווייטער זיך שלעפּן. איך צי זיך צוריק צום טויטן. ער ליגט ווו איך האָב אים איבער־געלאָזט מיט דעם פּנים אַרויף. די לבנה באַלויכט אים. נאָך אַ מאָל לייג איך צו דאָס אויער צו זיין האַרץ, פּרווו דעם דופק — ער לעבט נישט! איך זעץ זיך לעבן אים, וויל זיך דערמאָנען: נאָך וואָס בין איך צוריקגעקומען? דאָס לבנה־ליכט פאַרשווינדט. נעם איך פרישן שניי און וויש מיר דאָס אויג. ליגנדיק, פּרווו איך זיך נאָך אַ מאָל דערמאָנען, נאָך וואָס איך האָב זיך צוריקגעקערט פונעם אָפּגעגאַנגענעם וועג. איך פיל נישט קיין ווייטיק, נאָר יעדע פּאָר מינוט באַדעקט זיך דאָס רעכטע אויג מיט אַ נעפּל.

איך פּרווו זיך שטעלן אויף די פיס, לען זיך אָן אויף די הענט, און פאַל צוריק. אַ פּאָר מאָל מאַך איך דעם פּרווו, נאָר כּסדר מיט

דעם זעלבן רעזולטאַט. איך בין אָפּגעמאַטערט, און כ׳בלייב זיצן אַן באַוועגונג אויפן שניי. מיין בליק פאַלט אויף דעם טויטן. ער האָט געוואָלט זען זיין קינד. פאַרן קינד האָט ער זיך אַנטשלאָסן צו שפּרינגען פון צוג און צו שטערן די טויטן־מנוחה, אין וועלכער ער האָט זיך שוין געפונען. זיין קינד וועט ער מער נישט זען; צו קבר־ישראל וועט ער נישט געברענגט ווערן — הפקר וועט ער בלייבן ליגן אין דעם טאָל לעבן די באַן־שינעס.

ווי איך וואָלט געפונען אַ לאַנג־געזוכטע זאַך, דערמאָן איך זיך נאָך וואָס איך בין דאָ צוריקגעקומען: איך האָב זיך אומגעקערט פון מיטן וועג כדי צו פאַרדעקן דעם טויטן, און נישט לאָזן אים הפקר, אַן אַ תיקון.

איך ווייס נישט פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען אָט דער געדאַנק. אַזוי פיל בר־מיננס וואַלגערן זיך אין די גאַסן, פעלדער און וועלדער, און גראָד דעם מוז איך צודעקן? מיר האָבן זיך געלאָזט גיין צוזאַמען אונדזער וועג צום לעבן, און דערפאַר מוז איך צו אים טאָן אַ חסד.

איך נעם אַוועקשאַרן דעם שניי. דאָס רעכטע אויג פאַרנעפּלט זיך, איך הער אָבער נישט אויף צו שאַרן די נאַסע בלעטער. כ׳בין אָפּגעשוואַכט פון דער אָנשטרענגונג, פאַל מיטן פנים צום הימל. אַן אָפּגעבראָכענע צווייג גליטשט זיך אַראָפּ מיט אַ טומל פון בערגל. דאָס דערמאָנט מיר, אַז איך מוז זיך צואיילן. פאַרעקשנט נעם איך ווידער שאַרן די נאַסע בלעטער. מיט איין האַנט אָנגעלענט אין טויטן קערפּער, אַרבעט איך האַסטיק מיט דער צווייטער, ווי עס וואָלט מיך עמעצער געיאָגט. איין געדאַנק באַהערשט מיין מוח: צושיטן דעם בר־מינן, ברענגען אים צו קבר־ישראל!

עס איז אַ לייכט פּרעסטל, כ׳פיל אָבער נישט די קעלט. שנעל שאַר איך די פאַרפוילטע בלעטער און נעם שלעפּן דעם טויטן קער־

פּער אין גרוב אַריין. ער לאָזט זיך נישט רירן פון אָרט. איך קריך אַריבער אויף דער צווייטער זייט און שטופּ אים צו צום גרוב. עס געלינגט מיר אים איבערצודרייען און זיין רעכטע האַנט פאַלט אויף מיין האַלדז, ווי ער וואָלט מיך וועלן אַרומנעמען... נאָך אַ מאָל שטרענג איך אָן די כּוחות, גיב אַ שטופּ, און ער ליגט שוין אין גרוב מיטן פּנים צום אויסגעשטערנטן הימל.

אָן אָפּגעשוואַכטער, זעץ איך זיך לעבן דעם קבר. דאָס רעכטע אויג פאַרגייט נאָך אַלץ מיט אַ דינעם נעפּל. פון ווייטנס דערנענטערט זיך אַ געדרויש. שנעל לייג איך זיך לעבן דעם טויטן. אַ צוג פאָרט אַדורך מיט אַ גערודער; איך פיל די היץ, וואָס שלאָגט פון דער מאַשין און איך ציטער, ווי כ׳וואָלט מורא געהאַט, אַז דער טויטער זאָל זיך נישט וועקן. ווען דער געהילך רייסט זיך איבער ליג איך נאָך אַלץ אויסגעצויגן. ס׳גלוסט זיך מיר נישט אויפשטיין; כ׳האָב נישט קיין כּוח צו נייע אָנשטרענגונגען. די ערד וואַרעמט מיך אַזוי גוט...

עס פאַלט ווידער אַ שניי. דער טויטער ווערט באַדעקט צו ביס־לעך מיט אַ ווייסן לבוש, ווי די נאַטור וואָלט אים אָנגעטאָן תּכריכים. עס וועקט זיך אין מיר אַ שרעק: דער פרישער שניי קאָן נאָך פאַרשיטן דעם קבר! איך נעם האַסטיק אַרויפשאַרן די בלעטער. אַ שוואַרצער קבר אין מיטן דער ווייסער וועלט! באַלד וועט דער ווייכער שניי אים צודעקן און קיינער וועט דעם מת נישט שטערן זיין שלאָף.

## סעלעקציעס

דער פאַקט, וואָס איך האָב זיך אַנטשלאָסן צו שפּרינגען פון צוג אַ נאַקעטער אין דער קאַלטער נאַכט האָט זיכער גורם געווען דאָס געפיל, אַז דער טויט איז מיר נישט נוגע, אַז מיך האָט באַהערשט די איבערצייגונג אַז מיין אויסגאַנגס־פּונקט איז „די זייט" און אַז אויך דאָרט, אינעם שניי, דערוואַרט מיך „די זייט", דאָס לעבן.

די אַנדערע אין וואַגאָן האָבן נישט געוואָלט שפּרינגען ווײל זײ זענען שוין געווען רעזיגנירט אין די דאָזיקע רגעס פון זײער לעבן, זײ האָבן זיך שוין געזען אויף „יענער זײט‟, אין רשות פון טויט.

בײ מיר אָבער איז געווען אַן עקשנות פון לעבן, וואָס די אַנדערע האָבן אפשר נישט געהאַט אין אַזאַ מאָס ווי איך.

די דאָזיקע עקשנות, ווי ווײט קאָן דערגײן, אָדער אָנהאַלטן?

דאָס איז ווידער דער סוד פון טויט און פון לעבן, צי גאָר פון גורל.

איך וויל נאָך דערצײלן וועגן דאָזיקן סוד, וואָס טראָגט דעם נאָמען: „סעלעקציע‟.

אײגנטלעך, דאַרף דאָס אָנגערופן ווערן אין מערצאָל: „סעלעקציעס‟, ווײל דאָס וואָרט איז כולל אַ פילפאַכיקן פענאָמען, וואָס איז נוגע נישט בלויז דעם יחיד, נאָר דעם כלל.

סעלעקציע...

דער דאָזיקער מאָדערנער אויסדרוק איז אַזוי אַרײן זינט דעם סוף פון דער צווײטער וועלט־מלחמה אין דעם שפּראַך־באַנוץ, אַז אָפט פאַרגעסט מען, לײענענדיק אָדער הערנדיק דאָס דאָזיקע וואָרט, אין דעם גרויליקן אינהאַלט, וועלכן די דײטשן האָבן אין דעם וואָרט אַרײנגעלײגט. דאָס וואָרט „סעלעקציע‟ געפינט מען אין הונדערטער ביכער, עס ווערט איבערגעחזרט טויזנטער מאָל.

סעלעקציע האָט באַדײט די לעצטע גורלדיקע גרענעץ צווישן לעבן און טויט, דער ראַנד פון וואַנען דער מענטש איז געשטויסן געוואָרן אין תהום אַרײן. דאס איז געווען דאָס אָרט וווּ אַ קלײנע האַנט־באַוועגונג האָט דעצידירט וועגן טויט און לעבן.

די קלײנע האַנט־באַוועגונג איז געווען דער אײנציקער דעצידירנדיקער שופט איבער טויט און לעבן, דער לעצטער, ענדגילטיקער אורטײל.

די האַנט־באַוועגונג האָט געהערט צו אַ מענטש, אַ קליין מענטשעלע — אַ דייטש אין אַ מונדיר מיט די צוויי אותיות: S S

שוין ביי דער באַן אין אוישוויץ אָדער אין אַן אַנדערן לאַגער איז עס געשטאַנען, דאָס מענטשעלע. טיילמאָל האָט ער געהאַלטן אַ קליין שטעקעלע אין האַנט, טיילמאָל איז דאָס געווען אַ הענטשקע, וואָס ער האָט געטראָגן (זיי האָבן ליב געהאַט ביים אויספירן טייוולאָנישע אַקציעס צו באַניצן זיך מיט זייערע הענטשקעס).

עס שטייען אויסגעשטעלט הונדערטער יידישע מענטשן, וועלכע זענען נאָר־וואָס אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון די בהמה־וואַגאָנען. די „אָפּעראַציע" דויערט עטלעכע מינוט: אַ קליינע באַוועגונג מיט דעם שטעקעלע, אָדער מיט דער הענטשקע און מען ווערט אַוועקגעשטופּט אין אַ זייט. אַ צווייטע באַוועגונג באַדייט, אַז מען דאַרף זיך שטעלן אויף דער אַנדערער זייט. אָט די זייט מיינט גיין צו דער גאַז־קאַמער און קרעמאַטאָריע. די צווייטע זייט מיינט צייטווייליק לעבן.

די יידן וואָס ווערן אַזוי סעלעקציאָנירט ווייסן אַז דאָס הייסט: „מי לחיים ומי למות", ווער צום לעבן און ווער צום טויט. אָבער אין דער ערשטער רגע גיבן זיי זיך נישט אָפּ קיין דין־וחשבון וועגן דעם צו וועלכער קאַטעגאָריע זיי זענען באַשטימט געוואָרן. דאָס דויערט נישט לאַנג, ווייל באַלד זעען זיי זייערע שכנים און זיי פאַרשטייען שוין אַלץ. אויב זענען דאָס אַלטע און קינדער איז דאָס פאַר זיי אַ זיכערער טויט. און מען דאַרף זיך נישט טועה זיין: אַלטע באַדייטן יידישע מענער און פרויען פון אַ קנאַפּע פערציק יאָר.

אַזוי זעט אויס די ערשטע סעלעקציע. אַזוי זעען מיר זי, אַזוי שרייבט מען וועגן איר, אַזוי לייענט מען וועגן איר.

דאָס וואָס מיר זעען נישט איז די אינערלעכע איבערלעבעניש פון יעדן יידישן יחיד, וועלכער שטייט פאַר דער סעלעקציע. מען קען נישט זיינע געפילן, זיין טיף־באַהאַלטענע רעאַקציע.

איך זאָג אינערלעכע איבערלעבעניש, אָדער טיף־באַהאַלטענע רע־

אַקציע, ווײַל קײן אויסערלעכע רעאַקציע איז נישט געווען בנמצא, נישט פון מורא, נישט פון שרעק, נישט פון וויינען אָדער שרייען.

אַ שטומע עדה יידן, וואָס וואַרטן אויף אַ זיכערן טויט.

## דאָס יידישע קינד

געווען זענען צייטן אין אוישוויץ ווען די טראַנספּאָרטן זענען געווען גרויסע און גאָר אָפטע, און אין דער פרי, ביים אַרויסגיין פון די וואַגאָנען, האָט מען גלייך אין זיך איינגעזאַפּט דעם גערוך פון פאַרברענטע מענטשלעכע גופים. אין אָט די טעג האָבן די קרעמאַטאָריע־אויוונס נישט געקאָנט אַריינגעמען די טויזנטער דערשטיקטע גופים פון די גאַז־קאַמערן; האָט מען דעריבער געברענט די גופים, וואָס די קרעמאַטאָריעס האָבן נישט געקאָנט אַריינגעמען, אויף דער פרייער לופט, און דער אומהיימלעכער רויך האָט זיך געטראָגן קילאָמעטערס ווייט אַוועק. די וואָס זענען אין די דאָזיקע פרימאָרגנס געשטאַנען אויסגעשטעלט אויף די סעלעקציעס ביי דער באַן האָבן זיך גלייך לויטן שטיקנדיקן רויך שוין גאָרנישט געקאָנט טועה זיין. יעדער האָט געוווסט וואָס דאָס באַדייט. דאָך האָט מען נישט געוויינט און נישט געשריגן.

ביי די דאָזיקע סעלעקציעס איז פאָרגעקומען עפּעס אַזוינס וואָס האָט נישט זיינס גלייכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע. און דאָס איז דאָס אומברענגען דאָס יידישע קינד. איך שטרייך אונטער די ווערטער: יידיש קינד, ווייל דער דאָזיקער אומקום איז נוגע בלויז און אויסשליסלעך דעם יידישן קינד, צו וועלכן די דייטשן האָבן אויך שפּעטער צוגעגעבן דאָס ציגיינער־קינד.

אויף דער ערשטער סעלעקציע ביי די באַנען, אָדער אויף די אַנדערע זאַמל־פּלעצער האָט זיך געפונען דאָס יידישע קינד. דאָס יידישע קינד און נישט דאָס פּוילישע, דאָס טשעכישע, דאָס אונגאַרישע, דאָס האָלענדישע, דאָס פראַנצויזישע, אָדער פון וועלכער ס'איז אַנ־דערער נאַציע.

דאָס יידישע קינד האָט זיך שטענדיק געפונען אויף דער זייט פון די וואָס זענען סעלעקציאָנירט געוואָרן צום טויט.

געוועזן זענען דאָס גאָר קליינע קינדער, וואָס זייערע מאַמעס, טאַטעס, אָדער זייערע שוועסטערלעך צי ברידערלעך האָבן זיי געפירט ביי די הענטלעך; געוועזן אַזעלכע גאָר קליינע וואָס מען האָט זיי געטראָגן אויף די הענט, געוועזן אַפילו אַנדערע קינדער פאַראײנזאַמטע, וואָס זענען געגאַנגען אַליין, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס האָבן שוין נישט געהאַט נישט קיין מאַמען און נישט קיין טאַטן, נישט קיין שוועסטער און נישט קיין ברודער, וועלכע זאָלן זיי פירן.

אויך דאָס יידישע קינד האָט נישט געוויינט און נישט געשריגן אויף דער סעלעקציע.

איך שרייב בלשון יחיד: „דאָס יידישע קינד", ווייל איך האָב פּאָר מיינע אויגן איין און איינציק יידיש קינדיש קעפּעלע, וואָס איך זע אַרויסטראָגן פון וואַגאָן און אַריינטראָגן אָן געוויין און אָן געשריי אין דער גאַז־קאַמער. און איך וויל אַז דער לייענער פון די דאָזיקע שורות זאָל זען בלויז דאָס איין און איינציקע יידישע קינד וואָס ווערט אַוועק־געפירט צום טויט. דערנאָך זאָל ער דאָס קליינע שוואַרץ־האָריקע קינ־דישע קעפּעלע פאַרטאָפּלען, פאַרפילפאַכן, עס זאָל ווערן פאַרטויזנט, פאַרמיליאָנט!

די שפּעטערדיקע סעלעקציעס זענען שוין פאָרגעקומען אין די לאַ־גערן. דאָס איז געוועזן אין דער צייט ווען די דייטשן האָבן אויס־געליידיקט די לעצטע יידישע שטעטלעך. אין די לאַגערן איז מער נישט געוועזן קיין פּלאַץ. אַ סיבה איז אויך געוועזן דאָס וואָס די יידן

װעלכע זענען סעלעקציאָנירט געוואָרן צו גיין אין לאַגער אַריין און נישט אין קרעמאַטאָריע־אויוון, זענען שנעל געפאַלן פון די כוחות און זענען אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מוזולמענער.

יעדע עטלעכע טעג האָט זיך איבערן לאַגער פונאַנדערגעטראָגן דער אויסגעשריי: „אַלע יודען אַנטרעטען!”.

די יידן האָבן זיך אויסגעשטעלט אין זייערע בלאָקן, נאַקעטע, און ווידער זענען זיי געשטאַנען פאַרן דײַטש מיטן שטעקעלע אָדער מיט דער הענטשקע. ער האָט אָנגעקוקט דעם קרבן פון פאָרנט, באַפוילן אים זיך אויסדרייען און געהייסן פאַרשרייבן זיין נומער — צו דער גאַז־קאַמער. צומאָרגנס האָט דער קרבן שוין נישט געלעבט.

***

ווי שוין דערמאָנט, איז וואָס שייך דער סעלעקציע צווישן קינדער איז דאָס געווען בלויז אַ יידישער פאַל. מען קאָן דאָס אפשר אויך נישט אָנרופן סעלעקציע, ווייל מען האָט קיין יידישע קינדער נישט סעלעקציאָנירט, נאָר זיי באַשטימט צו פאַרניכטונג אָן אויסנאַם. אָבער וואָס שייך דער סעלעקציע פון דערוואַקסענע, איז זי געווען חל בלויז לגבי יידן. קיין שום אַרישער מאַן אָדער פרוי איז נישט אונטערגעליגן קיין סע־לעקציע.

דאָס איז געווען אומעטום דער אונטערשיד צווישן דעם יידישן דעפּאָרטירטן און דעם נישט־יידישן דעפּאָרטירטן. די נישט־יידן האָבן געאַרבעט און געליטן גענוי ווי די יידן. זיי האָט אויך דאָס שווערע לעבן פאַרוואַנדלט אין מוזולמענער. נישט געווען אין דעם פאַל קיין אונטערשיד צווישן יידן און נישט־יידן. אָבער צו דער סעלעקציע זענען זיי נישט געשטעלט געוואָרן, צו דער גאַז־קאַמער זענען זיי נישט באַשטימט געוואָרן.

איך וויל, אַז יידן פון אַלע דורות זאָלן דאָס וויסן, איך וויל אַז מענטשן פון דער גאָרער וועלט און פון אַלע צייטן זאָלן דאָס געדענקען.

***

זאָל מען היינט, נאָך איבער דרייסיק יאָר זינט דעם יידישן אומקום, אַריינגיין אין ישראל, אין פּאַריז, צי ערגעץ־אַנדערש אין אַ שטוב ווו עס זיצט אַ ייד ביי אַ ניי־מאַשין, ביי אַ שוסטער־קאָפּיטע, ביי אַ ספר, ביים לערנען אַ בלאַט גמרא און זאָל מען זיי פרעגן, די וואָס זענען ניצול געוואָרן פון אַ סעלעקציע, וואָס זענען געווען זייערע איבערלע־בענישן אין יענע רגעס?

## ר׳ משהלע

בעת דער ערשטער גרויסער סעלעקציע אין לאַגער פון בירקענוי האָט זיך מיר אויף אַ קורצע ווײַלע אויסגעדאַכט אַז איך האָב געפונען אַן ענטפער אויף די דאָזיקע פראַגן. איך אַליין בין אויך דעמאָלט, ווי אַלע אַנדערע יידן, געשטאַנען צו דער סעלעקציע, אָבער מיין נומער איז נישט פאַרשריבן געוואָרן, אָבער דער נומער פון מיין נאָענטן שכן ר׳ משהלע, איז יאָ פאַרשריבן געוואָרן. האָב איך אים אַ רגע געקוקט אין די אויגן אַריין און מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איך לייען אַרויס פון זיי דעם סוד פון איינעם וואָס שטייט ביים ראַנד, ביים ראַנד פון טויט.

ר׳ משהלע איז פאַר מיר געווען פון דער ערשטער רגע אָן פון אונדזער באַקאַנטשאַפט אין לאַגער ביז צו דער סאַמע לעצטער רגע זיינער

אַ געהיימעניש. איך האָב זיך מיט אים באקענט ביי אויסטערלישע באַדינגונגען. טראָץ דעם וואָס מיר זענען עטלעכע חדשים געווען צוזאַמען אין לאַגער האָב איך קיינמאָל גאָרנישט וועגן אים געוווּסט.

דאָס ערשטע מאָל ווען איך האָב אים געזען האָב איך געהאַט פאַר זיך אַ קליין אויסגעדאַרט יידעלע, אַ נאַקעטס, ווען מען האָט, פאַרן קומען אין לאַגער בירקענוי, נאָך דער באַן־סעלעקציע, אָפּגעשוירן ביי אונדז די האָר פון די קעפּ. איך בין אויך געווען נאַקעט און מיר זענען געווען מיט אַ סך אַנדערע פאַר דער טיר וואָס האָט געפירט צו דער זאַנע צום אויסבאָדן. דאָרט איז געשטאַנען אַן אויסגעפרעסענער דייטש מיט אַ גראָבן שטעקן, מיט וועלכן ער האָט יעדן פון אונדז דערלאַנגט אַ שווערן קלאַפּ. איך האָב גראָד צופעליק דעם שטעקן באַקומען איבער דער פּלייצע און איך האָב אינסטינקטיוו געמאַכט אַ באַוועגונג מיט דער האַנט. דעם צווייטן קלאַפּ האָב איך באַקומען איבער דער האַנט. אַזוי אַרום האָט דער שטעקן אויסגעמיטן דעם קאָפּ פון דעם קליינטשיקן ייד, וועלכער איז געגאַנגען לעבן מיר.

אַזוי האָב איך זיך באַקענט מיט ר׳ משהלען.

איך בין ביז היינטיקן טאָג איבערצייגט, אַז מיין האַנט־באַוועגונג דעמאָלט איז געווען אַן אינסטינקטיווע בכדי מיך צו באַשיצן פון אַ צווייטן קלאַפּ. איך גלויב אָבער, אַז ר׳ משהלע האָט דאָס אַנדערש פאַרשטאַנען; ער איז געווען זיכער, אַז איך האָב מיין האַנט אונטערגעשטעלט בכדי צו פאַרמיידן אַז ער זאָל דעם קלאַפּ באַקומען איבערן קאָפּ.

מיר האָבן קיינמאָל וועגן דעם נישט גערעדט. מיר האָבן איבערהויפּט כמעט קיינמאָל נישט גערעדט איינער צום צווייטן. ר׳ משהלע איז געווען אַ שטילער באַהאַלטענער ייד, ער איז געווען קאָרג אויף אַ וואָרט און ער האָט פשוט בכלל נישט גערעדט. איך האָב נישט געוווּסט פון וואַנען ער שטאַמט און אויך צי ר׳ משהלע איז פאַקטיש געווען זיין באַמען אָדער עמעצער אין געטאָ ווו ער איז פריער געווען, אָדער אפשר שוין

אין צוג קיין אוישוויץ האָט אים דעם נאָמען געגעבן, ווייל דער נאָמען ר׳ משהלע האָט צוגעפּאַסט צו זיין נעבעכדיקן אויסזען.

פון דער ערשטער רגע ווען איך בין געשטאַנען מיט אים פּאַר דער טיר צו דער זאָנע צום אויסבאָדן זיך האָט ער זיך געהאַלטן לעבן מיר גאָר נאָענט, גאָר נאָענט אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן צו מיר. ער האָט מסתמא געפילט אין מיר אַ מאָראַלישן כוח, אַ כוח וואָס ער האָט גע־דאַרפט בכדי אָנצושפּאַרן זיך אין אים. אין דער אמתן האָב איך אין די דאָזיקע רגעס געהאַט אַ גרעסערן כוח פון אַ סך אַנדערע, ווייל פאַר מיר איז בירקענוי שוין געווען מיין צווייטער שווערער לאַגער נאָך דעם יאַנאָווער לאַגער אין לעמבערג ווו די באַדינגונגען זענען געווען ווייט, גאָר ווייט, שווערערע. דאָרטן זענען איך געווען סעלעקציעס וואָס האָבן אָבער געטראָגן אַ פּערמאַנענטן כאַראַקטער און מען האָט נישט פאַרשריבן קיין נומערן, נאָר מען האָט דערהרגעט אויפן אָרט. צוויי מאָל אין טאָג, אין דער פרי, ביים לויפן צו דער אַרבעט און אין אָוונט ביים אַפּעל. פאַרשטייט זיך אַז נאָך ראָקיטאַס „דריי דיך אום״ און די מאַסן־הריגות אין יאַנאָווער לאַגער האָט מיין אָנקומען אין בירקענוי נישט געמאַכט אויף מיר אַזאַ איינדרוק ווי אויף די אַנדערע. פון דעם האָט זיך גענומען מיין מאָראַלישער כוח. ר׳ משהלע האָט אים אַרויסגעפילט (ס׳איז נישט מעגלעך אויפצוקלערן ווי אַזוי) און ער האָט זיך באַמיט אין מיר זיך אָנצולענען.

דאָס איז געווען אָן אָפּטע דערשיינונג אין לאַגער אַז אַ שוואַכער, אָדער אַזעלכער וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ שוואַכן, האָט געזוכט אָנצולענען זיך אויף אַ שטאַרקערן פון אים און טאַקע דער שטאַרקער האָט זיך אינסטינקטיוו צוגעקליבן אַ שוואַכן בכדי אים צו באַשיצן.

דעם זעלבן טאָג האָב איך געפונען ר׳ משהלען לעבן מיר אויף דער פּריטשע אין בלאָק.

ער איז זיכער געווען אַ פרומער ייד. אַ באַהאַלטענע פרומקייט, אַ באַשיידענע האָט פון אים אַרויסגעשטראַלט. דער איינציקער באַווייז

פון זײַן פרומקייט איז געווען דאָס, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געגעסן קיין וורשט, וואָס ער האָט אויסגעטוישט אויף אַ קלײַן שטיקעלע ברויט. ווי נאָענט ער האָט זיך געפילט צו מיר האָט ער קיינמאָל מיר נישט פאַרגעלייגט אויסצוטוישן מיט אים זײַן וורשט. דאָס איז געווען אַפילו אַ נאַאיווער אויסדרוק פון פרומקייט, ווײַל איך גלויב אַז אַ גרויסער טייל פון די וורשטן וואָס מיר האָבן פון צייט צו צייט באַקומען איז געווען פון סינטעטישער אויסאַרבעטונג. אין לאַגער האָט מען געזאָגט, אַז די דייטשן מאַכן די וורשטן פון קוילן.

ווען מיר זענען דעם ערשטן טאָג אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט אויף דעם שאָסיי האָב איך ווידער ר׳ משהלען געטראָפן לעבן מיר. אָט אַזוי זענען מיר געווען צוויי נאָענטע מענטשן, וואָס האָבן קיין איינציק וואָרט נישט ארויסגערעדט צווישן זיך. איין מאָל האָב איך זיך צוגערוקט צו אים. דאָס איז געווען צו כל־נדרי, ערב יום־כיפור, ווען מיר האָבן זיך צוזאַמענגענומען אין בלאָק. ער איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, זײַנע אויגן זענען געווען פאַרמאַכט און זײַנע ליפּן האָבן זיך באַוועגט אין אַ תפילה. אין אָט דער רגע האָב איך דערפילט, אַז איך דאַרף זײַן נאָענטקייט. האָב איך זיך צו אים צוגערוקט. ער האָט געדאַוונט און איך האָב געהערט.

שפּעטער האָבן מיר זיך פאַרלוירן איינער פון צווייטן. איך האָב מיך אײַנגעשלאָסן אין דעם טיפוס־בלאָק מיט די רוסן, וועגן וועלכע איך האָב שוין געשריבן, און ער איז געבליבן ערגעץ אין אַן אַנדערן בלאָק.

ווען מען האָט שפּעטער אין קאַראַנטין־לאַגער אויסגעשריגן: „אַלע יודען אַנטרעטען!״. און איך האָב זיך געפונען מיט אַלע אַנדערע אויפן אַפּעל צו דער סעלעקציע איז ר׳ משהלע ווידער געשטאַנען לעבן מיר.

אים האָט מען פאַרשריבן אין גאַז־קאַמער אַרײַן, צום טויט.

ווען מען האָט אונדז אָפּגעטיילט איינעם פון אַנדערן האָט ר׳ משהלע

צום ערשטן מאָל צו מיר גערעדט. ער האָט מיר געזאָגט איין זאַץ, קוים עטלעכע ווערטער: „ר׳ יוסף, איר זאָלט דערציילן״.
דאָס איז געווען זיין צוואה.

און ווי קען מען פאַרשטיין און באַנעמען פון די עטלעכע ווערטער דעם סוד פונעם ראַנד, פונעם מצב וואָס איז נישט מער דאָס לעבן און איז נאָך נישט דער טויט?

דער לעצטער אָטעם־הויך פון אַ פרומען ייד פאַר דער גאַז־קאַמער: „איר זאָלט דערציילן״.

דאָס איז געווען די ערשטע גרויסע סעלעקציע סיי פון קאַראַנטין־לאַגער און סיי פון בירקענוי. שפּעטער זענען געקומען די אַנדערע סעלעקציעס, איינע האָט געיאָגט די אַנדערע, אַזוי יעדע עטלעכע טעג. דורך די שמאָלע לעכער פון דער נעץ בין איך יעדעס מאָל אַרויס מיט ניסים, ביז עס איז געקומען די לעצט־לעצטע פאַר מיר און אַלע וואָס זענען ניצול געוואָרן בעת די פריערדיקע סעלעקציעס.

צי האָב איך זיך דעמאָלט אין בלאָק נומער דריי שוין געפונען אויפן ראַנד?

יעדער איינער פון אונדז האָט אַדורכגעלעבט אָט די רגעס. ביי איינעם איז דאָס געווען אַ קורצע שוואַכקייט וואָס האָט געדויערט עט־לעכע מינוט; ביי אַ צווייטן האָט די שוואַכקייט געדויערט גאָר לאַנגע מינוטן און אַפילו שעהען. ביי אַן אַנדערן איז דאָס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ כסדרדיקן מצב, פון וועלכן ער איז מער נישט אַרויס. ער האָט נאָך געלעבט נאָך דעם ווי ער איז ניצול געוואָרן פון דער לעצטער סעלעקציע טעג, וואָכן און אפשר אַפילו חדשים, אָבער דעם לאַגער האָט ער נישט איבערגעלעבט.

ווען איך וויל זיך דערמאָנען אין מיינע קורצע רגעס ווען איך בין שוין געשטאַנען ביים ראַנד פון דער לעצטער גרענעץ פון טויט, קום איך אין מיינע מחשבות צוריק צו דעם „דריי דיך אום״ פון ראָקיטאַ אין

יאַנאָווער לאַגער. דאָס איז שוין געווען דער טויט. די אויגן זענען נאָך אָפן און זעען נישט. די אויערן זענען אָנגעשפּיצט און זיי הערן נישט. אַ געדאַנק קומט אויף ווי אַ בליץ און פאַרשווינדט: מאַמע! טאַטע! — רייסט זיך אַרויס פון מיר. אַ נעפּל וויקלט מיך איין.

מער גאָרנישט.

***

דאָס נישט קאָנען דעפינירן דאָס אילוזאָרישע נאָך נישט געפינען זיך אויף דער סאַמע לעצטער גרענעץ ביים ראַנד פון טויט, נאָך די סעלעקציעס אין די לאַגערן פון אוישוויץ, האָט זיך זיכער גענומען פון דעם וואָס דאָס אָרט פון דער סעלעקציע איז געווען נאָך ווייט און אָפּגעזונדערט פון דעם אָרט פון טויט. די סעלעקציע איז פאָרגעקומען אויף די פּלעצער פון די פאַרשידענע לאַגערן פון בירקענוי און אוישוויץ און די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס האָבן זיך געפונען עטלעכע הונדערט מעטער ווייטער. איז, טראָץ דעם וואָס דאָס אָפּגעבן זיך אַ דין־וחשבון פון טויט איז געווען אַ קלאָרער און האָט נישט איבערגעלאָזט קיין שום ספק, האָט זיך נאָך דער מענטש דאָך נישט געפונען אין תחום פון טויט.

אויף דער דויער פון צייט האָט דאָ געהאַט זיין אויסווירקונג. פון דער סעלעקציע ביזן פאַרגאַזן זענען געוויינלעך אָפּגעלאָפן פיר און צוואָנציק שעה. די סעלעקציע איז פאָרגעקומען אין פרימאָרגן און דאָס פאַרגאַזן דעם נאָענטסטן פרימאָרגן. די אמתדיקע קאָנפראָנטאַציע מיטן טויט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן פון דער רגע אָן ווען די טויערן פון דער גאַז־קאַמער האָבן זיך צוגעשלאָסן, נאָך דעם ווי דער מענטש איז דאָרט אַריינגעשטופּט געוואָרן. עס איז מיר נישט באַקאַנט צי אַזאַ מין עדות (פון דער גאַז־קאַמער אינעווייניק) איז ערגעץ־ווו בנמצא און ער קאָן וועגן דעם שוידערלעכן הריגה־אָרט דערציילן.

די, וואָס האָבן דעם דערשטיקטן קרבן אַרויסגעטראָגן פון דער גאַז־קאַמער, נאָך דעם ווי אירע טויערן האָבן זיך צוריק געעפנט און

זיי האָבן אים אַריבערגעטראָגן צו דער קרעמאַטאָריע, האָבן געקאָנט זיין בלויז עדות פון זיין טויט שוין מחוץ דער גאַז־קאַמער.

אין שייכות דערמיט מוז איך, דער לעבן־געבליבענער, זיך אומ־קערן צו דער צייט פון מיין געפינען זיך אין יאַנאָווער לאַגער, און אויך צו דער צייט ווען אויפן פוסטן פעלד פון גרויסן מאַסן־קבר בין איך צוזאַמען מיט די אַנדערע גרעבערס פון אַט דעם מאַסן־קבר אַריינגעשאָסן געוואָרן אויף דער גאַנצער מאַסע טויטע און האַלב־טויטע, וואָס האָבן זיך שוין דאָרט געפונען.

דאָרט, אויף די צוויי ערטער, איז דער טויט געגעבן געוואָרן אויפן אָרט און תיכף. צייט און אָרט האָבן דאָ נישט געשאַפן די מינדסטע אילוזיע, ווי אין אוישוויץ.

איך האָב שוין באַשריבן די רגע פון ראָקיטאַס „דריי דיך אום״ אין יאַנאָווער לאַגער. איך בין ביזן היינטיקן טאָג איבערצייגט, אַז ווען דער מערדער האָט געשאָסן פון הינטן אין קאָפּ אַריין פון זיין קרבן האָט ער געשאָסן צו אַ מענטש, וואָס האָט זיך שוין אין יענער רגע, ווען די קויל האָט אויפגעבליצט, געפונען אויף יענער זייט פון לעבן. דאָס הייסט, אַז ראָקיטאַ האָט שוין אפשר געשאָסן אין קאָפּ פון אַ טויטן. די באַוועגונג, וואָס דער מענטש האָט געמאַכט נאָך ראָקיטאַס דריי ווער־טער, בכדי זיך אומצודרייען צו אים מיטן רוקן, איז שוין געווען אַ באַ־וועגונג פון אַ טויטן, ביי וועמען עס האָט זיך אין דער בליץ־רגע אויס־געלאָשן דער לעצטער פונק פון לעבן. דאָס הייסט, אַז די ווערטער האָבן געהרגעט פריער פאַר דער קויל.

אויך אין דעם פאַל בין איך נישט דער סאַמע ריכטיקער עדות. ווייל אויב איך לעב האָב איך דאָך נישט געקענט, נאָך די דריי ווערטער, די סאַמע לעצטע גרענעץ וואָס שיידט אָפּ דאָס לעבן פון טויט. עס האָט אין מיר געשטעקט אַ פונק פון ווילן וואָס איז געווען שטאַרקער פון ראָקיטאַס דריי ווערטער, וואָס האָבן געהרגעט.

ווייל איך איצט אויפלעבן אָט די רגע ווען עס האָט זיך אין מיר אָנגעצונדן דער דאָזיקער פונק פון ווילן. איך האָב שוין דאָס געטאָן פריער און איך קום צוריק צו יענער רגע. איך ווייס, אַז אַ סך צייט איז זינט דעמאָלט פאַרביי. אַ סך מאָל מעקט די צייט אָפּ פון זכרון אָט אַזעלכע רגעס. ווי שוין געזאָגט, שרייב איך אָט די ווערטער אַ קנאַפּע פינף און דרייסיק יאָר נאָך דעם ווי די געשעענישן זענען זיך פאַרלאָפן. דאָס זענען אָבער נישט קיין איבערלעבענישן וואָס שטעקן בלויז אין מיין זכרון; זיי זענען אין מיר, ערגעץ טיפער ווי דאָס האַרץ וואָס קלאַפּט אין מיר, מער אינטימער ווי דער זכרון וואָס וועקט זיך; עפּעס אַזוינס וואָס געהערט צו דעם „כל זמן שהנשמה בקירבי" און וואָס פאַרשווינדט צוזאַמען מיט מיר.

איך ווייס, אַז עס איז היינט אַ מאָדע צו באַהאַנדלען די אַלע פּראָבלעמען אויף אַ „וויסנשאַפטלעכן" אופן.

איך האָב זיך מיט עטלעכע וואָכן צוריק באַטייליקט אין פּאַריז אין אַ מסיבה פון גאָר בכבודיקע יידן, וווּ אַ וויכטיקער פּראָפעסאָר האָט אַרויסגערופן באַוווּנדערונג ווען ער האָט אויפגעקלערט ווי אַזוי די פּראָבלעמען פון דעם אומקום פון די זעקס מיליאָן יידן דאַרפן באַהאַנדלט ווערן וויסנשאַפטלעך, איך שטרייך אונטער דעם פראַנצויזישן אויסדרוק: **scientifique**, איך ווייס, אַז עס איז אַפילו צו דעם צוועק אַנטשטאַנען אַ גאַנצע שול פון וויסנשאַפטלער. בין איך מודה ומתוודה, אַז דאָס וואָס איך דערצייל לאָזט זיך נישט אַריינגעמען אין די כעמישע אָדער פיזישע ראַמען פון אַ שטרענגער וויסנשאַפט. איך בין איבערצייגט, אַז איך בין נישט דער איינציקער צווישן די, וואָס זענען ניצול געוואָרן פון היטלער־גיהנום, וועלכער קאָן נישט אַריינגעמען זיינע איבערלעבענישן אין די ראַמען פון אַ שטרענגער וויסנשאַפט. ווייל ווי ווייט די וויסנשאַפט זאָל שוין נישט האָבן דערגאַנגען, האָט זי פונדעסטוועגן נאָך נישט דערגרייכט די שטופע, אַז זי זאָל זיין ביכולת „אויפצוקלערן" דעם מצב פון דער מענטשלעכער נשמה אין יענע לעצטע פיינלעכע רגעס.

**איך וויל פּרובירן ווידער אויפלעבן יענע רגע, די איינציקע רגע ווען אויף דער וואָגשאָל פון גורל האָט זיך געוויגט מיין לעבן און מיין טויט. אפשר זענען געווען אַנדערע, גאָר געציילטע אַזעלכע רגעס, וואָס איך בין איצט נישט בכוח זיי ווידער אויפצולעבן.**

***

**איצט איז זונטיק, דער זעקסטער טאָג אין חודש נאָוועמבער. נעכטן שבת, דעם פיר און צוואַנציקסטן פון חודש חשוון, האָב איך געהאַט יאָר־צייט נאָך מיין פאָטער ע״ה. אין דער שול האָט מען מיך אויפגערופן צו דער תורה. ס׳איז געווען אַ טריבער טאָג און איך האָב זיך דערמאָנט אַז פון אַלע די, וואָס זענען פון מיר אַוועקגעגאַנגען, איז מיר באַקאַנט, דאַכט זיך מיר, בלויז דער טאָג פון דער פּטירה פון מיין פאָטער. מיין מוטער חנה־דבורה ע״ה, מיין ברודער אלתר־חיים ע״ה, זיין פרוי און קינד, מיין שוועסטער פיידזי, מיין שוועסטער בריינדזי זענען אַוועק צוזאַמען מיט דער גרויזאַמער צייט. קיינער פון זיי איז נישט געבראַכט געוואָרן צו קבר ישראל. גיי איך אויף זייערע קברים אין יענע רגעס ווען זיי קומען צו מיר.**

**אָפטמאָל, ווען איך קלעטער אויף די הויכע אַלפּן־בערג קומען זיי צו מיר. נישט אַלע צוזאַמען קומען זיי, אַמאָל דער, אַ צווייט מאָל אַן אַנדערער. זיי קומען צו גיין אָט אַזוי פּשוט בכדי מיך צו באַגלייטן אין מיין איינזאַמקייט, בכדי אַ ביסל צו זיין מיט מיר צוזאַמען. שטעל איך זיך דעמאָלט אַוועק פאַר אַ הויכן שטיין, אָדער אַ בוים אַ געשפּאָלטענעם פון אַ דונער, און איך זאָג קדיש. אָט אַזוי אויף דעם באַרג, נענטער צו גאָט.**

עס זענען פאַראַן רגעס ווען זי קומט צו מיר — צירעלע.

היינט זונטיק זיץ איך אַליין אין מיין וווינונג אין פּאַריז און שרייב. מיר געפינען זיך אין יאָר 1977. אין דרויסן שיינט די זון. אַזוי איז שוין מיין גורל. איך לעב איבער ווידער מיינע אַמאָליקע איבערלעבענישן ווען די זון שיינט. אפילו די איבערלעבענישן וואָס האָבן זיך פּאַרלאָפן אין טריבע טעג... איך פיל דאָס נישט ווי אַ שפּאָט פון גורל. אפשר איז דאָס גאָר אַ חסד? גאָטס אַ מתנה נאָך פינף און דרייסיק יאָר?

געווען איז דאָס אין אַ טאָג פון חודש יולי אין יאָר 1942 אין יאַנאָ־ווער לאַגער. די זון האָט געהאַלטן ביי אַוועקגיין, מאַכנדיק אָרט פאַר דער ערשטער טונקלקייט פון דער אָנקומענדיקער נאַכט. בייטאָג זענען צוגע־קומען אַ סך נייע יידן אין לאַגער אַריין. אויף דער גאָר נאָענטער באַן־סטאַציע פון קלעפּאַראָף האָט מען אַ גאַנצן טאָג, פון באַגינען אָן, פאַר־לאָדן נאַקעטע יידישע מענטשן אין בהמה־וואַגאָנען וואָס האָבן זיי גע־דאַרפט אָפּפירן קיין בעלזשעץ.

אין דער דאָזיקער זיך דערנענטערנדיקער נאַכט איז געווען שוין נאָכן אַפּעל. אויף דעם אַפּעל־פּלאַץ זענען געלעגן ווי געוויינלעך אַ סך קרבנות פון ראָקיטאַס „דריי דיך אום" און אַ סך אַנדערע טויטע, אויך שוין פון צווישן די ניי־געקומענע. מען האָט באַקומען אַ ביסל זופּ און גלייך האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַריינשיסן אין דעם שלאָף־באַראַק. איך בין שוין דעמאָלט געווען זינט אַ צען טעג אין לאַגער און איך האָב זיך נאָך געפונען צווישן די לעבעדיקע. איך גלויב נישט אַז עמעצער פון די וואָס זענען געקומען אין דער זעלבער צייט וואָס איך אין לאַגער אַריין האָט נאָך דעמאָלט געלעבט.

דאָס מאָל איז דאָס אַריינשיסן אין דעם שלאָף־באַראַק געווען גאָר שווער, ווייל די צאָל פון די ניי־געקומענע איז געווען אַ גאָר גרויסע. ווי שוין דערמאָנט, איז דאָס געווען בלויז די איינציקע געביידע פון דעם גע־וועזענעם תבואה־מאַגאַזין, וועלכער האָט געקאָנט אַריינגעמען קוים עט־לעכע הונדערט מענטשן. אויפן פּלאַץ פאַרן מאַגאַזין זענען געשטאַנען

עטלעכע טויזנט מענטשן. ווי אַזוי ברענגט מען אַריין עטלעכע טויזנט מענטשן אין אַ באַראַק וואָס קאָן אַריינגעמען קוים עטלעכע הונדערט? האָבן די רוצחים אויסגעאַרבעט אַזאַ „מעטאָד": זיי האָבן אַרום דער מאָסע יידן אַרומגעשטעלט אַ קרייז מאַשין־געווער און גענומען שיסן צו די ערשטע, וואָס זענען געשטאַנען צום נאָענטסטן. דער תבואה־מאַגאַזין האָט געהאַט אין זיינע עקן צוויי טויערן־איינגענג. האָבן די מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען די ערשטע, אויף וועלכע עס האָט זיך געשיט דאָס פייער פון די אַרומגעשטעלטע מאַשין־געווערן, גענומען שטופּן די מאָסע נענטער צום מאַגאַזין, צו די איינגאַנג־טויערן, אָבער די פון הינטן האָבן זיך פאַרטיידיקט, זיי האָבן נישט געוואָלט זיין פון די ערשטע וואָס קומען אַריין אין בלאָק, ווייל דאָס איז געווען אַ זיכערער טויט דורך דערשטיקט ווערן. די ערשטע וואָס זענען אַריין אינעווייניק זענען געלעגן אויפן באָדן, דאָס הייסט די סאַמע נידעריקסטע. די, וואָס זענען שפּעטער אַריינגעשאָסן געוואָרן אין בלאָק, זענען טויט אָדער לעבעדיק געפאַלן אויף זיי. אַזוי האָט זיך יעדע נאַכט געשאַפן אַ באַרג פון מענטשן, וואָס האָט זיך שעהען־לאַנג באַוועגט. די וואָס זענען געלעגן אונטן האָבן פּרובירט אין לעצטן געראַנגל פאַר זייער לעבן אַרויפכאַפּן זיך אַ ביסל העכער בכדי נישט דערשטיקט צו ווערן. אין בלאָק האָט זיך דאָס אָפּגעשפּילט אין דער פינצטערניש. אָבער אין דרויסן, בעת דער שיסעריי, האָבן גרויסע פּראָזשעקטאָרן באַלויכטן דאָס פעלד. דער קאַמף אין דרויסן האָט געדויערט לאַנגע מינוטן, אפשר שעהען. די, וואָס זענען געשטאַנען די ערשטע, האָבן זיך געשטופּט צום בלאָק, בכדי אויסצומיידן דאָס פייער פון די אַרומשטייענדיקע מאַשין־געווערן. דאָרט איז דער פּלאַץ געוואָרן וואָס אַמאָל שוואַרצער פון די טויטע וואָס זענען געפאַלן פון די קוילן. די וואָס האָבן זיך געפונען פון הינטן, לעבן דעם בלאָק, האָבן זיך פאַרטיידיקט. זיי האָבן געשטופּט אין דער פאַרקערטער ריכטונג בכדי נישט אַריינצופאַלן באַצייטנס אין בלאָק אַריין. האָט די באַוועגלעכע מאָסע מענטשן גענומען אַרומרינגלען דעם בלאָק פון די זייטן און פון הינטן. דאָרט זענען קיין טויערן נישט געווען, קיין שום איינגאַנג האָט דאָרט נישט געפירט אין דעם בלאָק אַריין. אָבער די מאַשין־געווערן פון די

רוצחים זענען דאָרט געשטאַנען. זיי האָבן אַלץ פּאָרויסגעזען. האָבן מענטשן ווידער זיך גענומען שטופּן צום פראָנט פון בנין.

דערווײַל האָט זיך דער בלאָק אויסגעפּילט. וואָס אַמאָל העכער, וואָס אַמאָל העכער. די לעבעדיקע האָבן נישט ווילנדיק מיטגעשלעפּט די טויטע. אין דעם געדראַנג האָבן אַזוי די טויטע און די לעבעדיקע אין אַ קאָנוולסיוון געקנויל געפּירט אַ קאַמף פאַר אַ פּלאַץ אַ ביסל העכער, דאָרט ווו דער טויט האָט אַביסל ווינציקער געלויערט.

ווי אַזוי האָב איך עטלעכע נעכט זיך אַדורכגעשלעפּט צום לעבן? איך האָב דאָס קיינמאָל נישט געוווּסט און איך האָב אויך נישט פּרוּבירט דאָס צו פאַרשטיין. נישט דעמאָלט, נישט שפּעטער און אויך נישט היינט.

אָבער דאָס איינציקע מאָל, דאָס איין און איינציקע מאָל וואָס איך האָב זיך געפונען ביים ראַנד, אפשר שוין אויף יענער זייט פון דער גאָר לעצטער גרענעץ, וואָס שיידט אָפּ דאָס לעבן פון טויט, לעב איך אין דער איצטיקער רגע ווידער אַדורך אין מיין גוף און אין מיין נשמה.

אין יענער נאַכט האָב איך זיך געפונען אין אַ שלעכטער פּאָזיציע. איך בין שוין געווען אַריינגעשטופּט אין בלאָק, ווען אין דרויסן זענען נאָך געווען אַ סך מענטשן. צו ביסלעך האָב איך געפּילט אויף מיר די משא פון די גופים, וואָס האָט מיך גענומען צודעקן. מיינע הענט און פיס וואָס האָבן אין אָנהויב נאָך פּרובירט זיך באַוועגן אינעם קאַמף פאַר אַ בעסערער פּאָזיציע, זענען געליימט געוואָרן. צוערשט האָב איך נישט מער געפּילט מיין גוף. אויף מיין ברוסט איז געלעגן אַ שווערע, גאָר שווערע משא, האָב איך נאָך פּרובירט זי אָפּרוקן פון מיר, אָבער איך האָב מער נישט געהאַט קיין הענט. אין בלאָק איז געווען פינצטער, אָבער ערגעץ אין די טיפענישן פון מיין מוח האָט נאָך געשטעקט אַ קליין, אַ גאָר קליינטשיק ליכטל. אָט דאָס ליכטעלע וואָס האָט נאָך געשטופּט די הענט און די פיס צו באַוועגן זיך. זיי האָבן אויפגעהערט זיך צו באַוועגן, אָבער ער־

געץ טיף אין קאָפּ אָדער שוין אין גרוב האָט נאָך געשטעקט די גאַר שוואַכע שיין פון דעם ליכטל.

עס האָט מיך גענומען שטיקן ביים האַלדז. דאָס ליכטעלע האָט מיר אונטערגעזאָגט אַוועקצורוקן די האַנט וואָס דערדריקט מיין האַלדז און נעמט מיר אַוועק דעם אָטעם. דאָס אונטערזאָגן האָט זיך אויסגעלאָשן צו־זאַמען מיט דעם אָטעם.

דאָס ליכטעלע?

דעמאָלט זענען זיי געקומען צו מיר. צוערשט מיין מאַמע. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אירע שוואַרצע קליידער וואָס זי האָט געטראָגן ביים ליכט־בענטשן ערב יום־כיפּור. אויפן קאָפּ האָט זי נישט געטראָגן איר שייטל, נאָר דאָס ווייסע זיידענע קאָפּ־טיכל וואָס זי האָט געטראָגן ביי פּאָרכטיקע געלעגנהייטן. פון אירע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן. די זעלבע וואָס זי האָט פאַרגאָסן יעדעס יאָר ערב יום־כפּור ביים ליכט־צינדן.

עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַז איך דערקען זיי, די טרערן, יעדן טראָפּן, יעדע טרער באַזונדער.

זי האָט אַראָפּגענומען פון מיין האַלדז די האַנט וואָס האָט מיך דערדריקט און מיר צוריקגעגעבן דעם אָטעם.

דערנאָך איז געקומען די צווייטע, צירעלע.

זי איז געקומען באַשיידן, אַזוי ווי זי איז געווען ווען מיר האָבן זיך אָפּגעזעגנט, דאָרט, פאַר דעם טויער פון יאַנאָווער לאַגער, און ווען זי איז פאַרשלעפּט געוואָרן צו די וואַגאָנען.

האָבן זיי נאָך דעמאָלט געלעבט?

אָדער זענען זיי געקומען שוין פון יענער זייט?

זיי האָבן זיך בײדע גענומען ביי די הענט, מיין מאַמע און צירעלע.

איך בלאָק איז געווען פינצטער, אָבער דאָס ליכטעלע, דאָס גאָר קליינטשיקע ליכטעלע אין מיר האָט זיך ווידער אָנגעצונדן.

אינדערפרי בין איך געלעגן אויפן פלאַץ, אויסגעשטרעקט צווישן די טויטע. די זאַמד־קאָמאַנדאָ האָט געהאַלטן ביים פאַרשלעפן די קערפערס צו דעם זאַמד־גרוב.

מיך האָבן זיי נישט פאַרשלעפט. איך האָב געלעבט.

***

איך האָב שוין אויף אַן אָרט אין דעם בוך באַשריבן דעם מאַסן־טויט אויפן פעלד אין מיטן וואַלד, ווו איך בין געווען צווישן די באַגראָבערס און שפּעטער צווישן די באַגראָבענע. איך קום איצט ווידער צוריק צו יענער איבערלעבעניש צוליב דעם ווייל איך פיל אַז אויך אין דעם פאַל, ווי בעת אַלע אַנדערע, פעלט אַזוי צו זאָגן, דאָס אינערלעכע געפיל פון דער איבערלעבונג, דאָס הייסט ווי אַזוי דער מענטש האָט אין די טיפענישן פון זיין נשמה אויפגענומען דאָס דערנענטערן זיך פון זיין טויט.

איך ווייס אַז דאָס וואָס איך שרייב איז נישט קלאָר אַרויסגעבראַכט. עס וועט זיכער נישט זיין קלאָר קיינמאָל. ווי אַזוי קאָן דאָס זיין קלאָר פאַר אַ לייענער פון די דאָזיקע ווערטער, אַז אויך פאַר מיר, דעם שרייבער, בלייבט די אומקלאָרקייט, אַ פאַרנעפּלטע דערשיינונג, פון עפּעס וואָס האָט נישט קיין קאָנטורן, וואָס קאָן נישט באַגריפן ווערן דורך די מענטשלעכע חושים?

איך שרייב די דאָזיקע שורות ווייל נאָך אַזויפיל יאָרן פון אָפּוואַרטן, האָב איך דאָס געפיל אַז איך מוז דערציילן. דאָס איז מיין אינערלעך גע־

פיל, מיין אינטימער דראַנג. ס'איז אפשר אויך אַ דערפילונג פון אַ צוואה וואָס די, וועלכע זענען דעמאָלט פון אונדז אָפּגעריסן געוואָרן, האָבן אונדז איבערגעלאָזט. ר׳ משהלע וואָס האָט ביים געזעגענען זיך מיט מיר פאַרן אַוועקפירן אים צו דער גאַז־קאַמער מיר איבערגעלאָזט דעם איינ־ציקן אָנזאָג:

„ר׳ יוסף, איר זאָלט דערציילן".

די איבערגעבליבענע ביים לעבן נאָך די סעלעקציעס דערמאָנען זיך זיכער אַז דער אָנזאָג: „איר זאָלט דערציילן", איז געווען דער לעצטער ווילן־אויסדרוק פון די וואָס זענען געגאַנגען צום טויט.

דאָס איז מיין אמונה אַז אין אָט דעם אויסגעשריי, אין דעם לעצטן, וואָס האָט זיך געטראָגן פון זייערע ליפּן האָבן זיי מקדש־השם געווען.

זיי האָבן דערנענטערט דעם מענטש — ייד צו דער געטלעכקייט, צו דעם צלם אלוהים.

אָט אַ ייד, אַ ר׳ משהלע, אַ ר׳ יצחקל, אָדער פייוול, אָדער לייביש, אָדער חנהלע, וואָס ווערט געשלעפּט צום טויט, צו אַ זיכערן טויט. אין זיין מוח, אין איר מוח איז איבער דעם נישט דאָ קיין שום ספק. אין עטלעכע מינוטן אַרום וועט ער, אָדער זי, אויסהויכן די נשמה. און אין דער רגע קלערט ער נישט וועגן זיין טויט; זיינע לעצטע געדאַנקען טראָגן זיך צו דעם מענטש, צו דער מענטשהייט, צו די מענטשן פון דרויסן צו די פון די צוקונפטיקע דורות. „איר זאָלט דערציילן". בכדי זיין טויט זאָל נישט פאַרשוויגן ווערן. בכדי עס זאָל זיך אויסלייטערן אין דעם פייער, וואָס גייט אים פאַרברענען, אַ בעסערער מענטש, אַ העכערע מענטש־הייט;

דער ייד וואָס האָט געהאַלטן ביים אויסהויכן די נשמה און איבער־געלאָזט בלויז נאָך זיך:

דערציילט!

שמע ישראל!

****

אויך די לעבעדיקע, די וואָס זענען געשטאַנען אַ ביסל ווייטער און געוואַרט אויף דעם מאָרגן ווען די שריפה וועט אויך זייערע נפשות מיט־רייסן, פאַרשלעפּן, האָבן זיך אין די דאָזיקע רגעס ווען זייערע נאָענטסטע זענען פון זיי אַוועקגעריסן געוואָרן, דורכגעדרונגען מיט דעם „דערציילט" און „שמע ישראל".

אויף עטלעכע פון זיי האָט דאָך דאָס פייער נישט געהאַט קיין שליטה. זיי זענען געבליבן. עטלעכע פון זיי געפינען זיך צווישן אונדז; קליינע פשוטע יידישע מענער, באַשיידענע יידישע פרויען. זיי האָבן נישט אויס־גערופן דעם לעצטן „שמע־ישראל". זיי האָבן זיך באַלד נאָך דעם חורבן איינגעפעדעמט אין אַ ניי לעבן. זיי האָבן געגעבן דעם יידישן פאָלק אַ ניי־עם דור. זאָג איך צו די וואָס ווילן דווקא באַהאַנדלען די פּראָבלעמען פון דעם גרויסן חורבן אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן, זיי זאָלן אַריינגיין אין די שטובן פון די דאָזיקע יידישע מענער און פרויען, צו די ניצול־געוואָ־רענע פון אומקום; זאָלן זיי אָנקוקן זייערע ליכטיקע קינדער, דעם שיי־נעם יונגן דור וואָס איז פון זיי אַרויסגעקומען, דעמאָלט וועלן זיי פאַר־שטיין די נייע אויפפאַסונג פון עקשנות, פון גבורה, פון העלדישקייט, די נייע מדרגה פון מענטשלעכן ווידערשטאַנד, וואָס דערנענטערט זיך צו דער געטלעכקייט, צו קדוש־השם.

אַזוי טראָגן זיך די געדאַנקען פון די לעבעדיקע צו די טויטע און פון די טויטע צו די לעבעדיקע. איצט געפין איך זיך ווידער אויף דעם ראַנד פון דעם מאַסן־גרוב אין וואַלד.

איך האָב דאָס באַוווסטזיין אַז דאָס איז מיין טויט. איך וויל נישט וויינען. ווען איך וואָלט אין אָט דער רגע געהאַט פאַר מיר דאָס בילד פון מיין מוטער, פון מיין פאָטער, שוועסטער, אָדער ברודער וואָלט איך אפ־שר געוויינט, געוויינט צו זיי בכדי אויסצובעטן ביי זיי אַ טרער איבער מיר, איבער מיין טויט.

## מיין טאַטע קומט צו מיר אין מאַסן־קבר...

אין מיין קאָפּ איז געווען אַ פּוסטקייט און פּאַר מיינע אויגן זע־נען נישט אויפגעשוואומען די בילדער פון מיינע נאָענטע. אויך נישט פון צירעלען, וואָס איך האָב ערשט נאָר־וואָס איבערגעלאָזט אין דער היים. די פּוסטקייט אין קאָפּ איז געווען אַזוי גרויס אַז צו ביסלעך איז אויך פון מיינע אויגן פאַרשוואונדן דאָס בילד פון דעם גרוב מיט דער גרויסער מאַסע יידן, טויטע און לעבעדיקע — די מאַסע וואָס האָט זיך נאָך באַוועגט אין אַ טויט־קאָנוולסיע. מיינע אויערן האָבן אויך אויפגע־הערט אויפצונעמען דעם שטילן זיפץ וואָס האָט זיך נאָך געטראָגן פון אָפענעם גרוב. איך בין געשטאַנען אויף מיינע פיס, אויף דער ווייכער ערד וואָס מיר האָבן נאָר־וואָס אויסגעגראָבן, מיין גוף איז נאָך נישט געלעגן אין דעם מאַסן־קבר, אָבער איך האָב מער נישט געפילט אין מיר דאָס לעבן; קיין שום לעבנס־רעאַקציע האָט זיך מער אין מיר נישט דערהאַלטן.

ווען דער קאָמענדאַנט פון „עס־עס" האָט אויסגעשריגן זיין „לאָס!" און מאַשין־געווערן האָבן ווידער גענומען שפּייען, איז דורך מיין מוח אַדורך אַ בליץ וואָס האָט מיר געהייסן לויפן אין גרוב אַריין.

ווייזט אויס אַז דאָס איז נישט געווען דער לעצטער בליץ.

עס האָט נאָך געשטעקט אין מיין קליינעם פינגער פון דער רעכטער האַנט. איך האָב עס געהאַט פאַרגעסן. איצט האָט עס אויפגעטויכט אין מיין זכרון. איך ווייס נישט צי דאָס איז באמת געווען צום זכרון, אָדער

פשוט צו מיינע אויגן: אַ קליין שוואַרץ דאָרנדל, וואָס שטעכט און שטעכט און לאָזט זיך נישט אַרויסרייסן פון דעם קליינעם פינגער.

איך בין נאָך געווען אַ יינגעלע. קוים אָנגעהויבן צו לערנען אלף־בית אין חדר. חול־המועד סוכות האָט מיך דער טאַטע מיטגענומען צום ברעג פון טייך וואָס האָט זיך געצויגן נאָענט פון אונדזער גאַליציש שטעטל. מיר זענען דאָרט געגאַנגען רייסן קליינע צווייגעלעך בכדי צו מאַכן פון זיי הושענות. דאָס גראָז און די ביימעלעך אַרום זענען געווען נאָס. מיר האָבן גענומען אָפּרייסן די צווייגעלעך. דער טאַטע האָט מיר געוויזן די שיינע בלעטעלעך וואָס זענען נאָך געווען גאָר גרין און ער האָט געזאָגט אַז די גרינע זענען ראוי צו זיין הושענות און נישט די געלע. שוין אויף דעם וועג צום וואַסער האָט ער מיר געזאָגט אַז דאָס איז פאַר אַזאַ יינגעלע ווי איך אַ גרויסע מצווה אָפּצורייסן צווייגלעך אויף הושענות, איבער וועלכע מען וועט מאַכן ברכות — די ערשטע מצווה אין מיין לעבן. בין איך געשטאַנען פאַר די ביימעלעך מיט אַ הייליקן ציטער. באַלד אין די ערשטע רגעס האָב איך זי באַמערקט, אַ שוואַרצע טשערניצע. איך האָב שוין פריער אַ סך מאָל געגעסן טשערניצעס, וואָס די פויערטעס פלעגן ברענגען אין ערדענע טעפּלעך צו פאַרקויפן צו די באַלעבאָסטעס. דאָס איז אָבער געווען דאָס ערשטע מאָל ווען איך האָב די קליינטשיקע פּרי געזען אויף אַ ביימעלע. און זי איז נישט געווען אַליין. זי איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ סך אַנדערע: קליינטשיקע קעפּעלעך וואָס האָבן געבלישטשעט אין די שטראַלן פון דער זון וואָס האָט זיך באַוויזן נאָך דעם רעגן.

אין מיין קעפּעלע איז אָבער אויפגעגאַנגען אַ געדאַנק: אפשר האָב איך אים געהערט פון מיין טאַטן און אפשר שוין אין חדר; אַז אַ מצווה טאָר מען נישט איבעררייסן. האָב איך געקוקט מיט בלישטשענדיקע אייגעלעך פון חשק אויף דער שוואַרצער טשערניצע און אויך געכאַפּט אַ בליק צו מיין טאַטן, וואָס איז געווען פאַרנומען מיט דער מצווה פון אָנרייסן שיינע גרינלעכע צווייגעלעך פאַר די הושענות. ווען ס׳האָט זיך מיר

אויסגעדאַכט אַז ער קוקט נישט האָב איך געגעבן אַ שטרעק אויס מיין הענטעלע צו דער שוואַרצינקער טשערניצע. מיין טאַטע האָט גאָרנישט געזען, אָבער מיין הענטעלע האָט נישט דערלאַנגט צו דעם פאַרכישופטן פרי׳לע.

אויפן וועג האָט זיך אַ קליין שטעכיק דאָרנדל אַריינגעכאַפּט אין מיין פינגערל און אַרויסגערופן ביי מיר אַ געשריי פון ווייטיק. דער טאַטע האָט פון זיינע צווייגעלעך אַרויס אויף דער צווייטער זייט פון ביימעלע מיך געפרעגט פאַרוואָס איך שריי. האָב איך אים אָפּגעענטפערט אַז דאָס איז גאָרנישט, נאָר אַז איך לאַך אַ ביסל.

האָט מיך דורכגענומען אַ פאַרדרוס: נישט בלויז וואָס איך האָב איבערגעריסן אַ מצווה, נאָר אויך דאָס וואָס איך האָב געזאָגט אַ ליגן מיין טאַטן. אַ טאַטן זאָגט מען נישט קיין ליגן. דאָס איז אַן עבירה. בכדי נישט צו פאַרערגערן מיין פיינלעכע מערכה, האָב איך מיין פינגערל מיטן קליינטשיקן דאָרנדל, וואָס האָט זיך אין אים פאַרשטאָכן, אַריינגעשטעקט אין מיין מויל און גענאָגט און גענאָגט. ווי־נאָר דער טאַטע איז געווען אַ ביסל ווייטער האָב איך געשטופּט דאָס פינגערל אין מויל אַריין. ווייל עס האָט געשטאָכן און געשטאָכן און וויי געטאָן.

אַזוי איז געווען אויפן גאַנצן וועג אַהיים. דאָס וואָס דער טאַטע האָט נישט באַמערקט האָט די מאַמע אין דער היים יאָ געזען. האָט זי מיך געפרעגט וואָס איך נאָג אַזוי מיין פינגערל. האָב איך איר אָפּגעענטפערט אַז איך לעק פון אים אָפּ די מצווה פון די הושענות. אָבער איך האָב מיך שוין איצט אָפּגעהאַלטן פון נאָגן דאָס הענטעלע.

נאָך עטלעכע טעג האָט עס אויפגעהערט וויי צו טאָן.

***

ליגנדיק אין גרוב, וועקט זיך אין מיר דאָס פינגערל און שטעכט. גענוי ווי דעמאָלט אויף דעם ברעג פון טייך ביים רייסן די

צווייגעלעך פּאַר הושענות, איבער וועלכע מען האָט געמאַכט ברכות. דאָס שטעכן ברענגט מיר דאָס בילד פון מיין טאַטן. ער רייסט צווייגעלעך פּאַר דער מצווה. איך הער עפּעס אַ קול. אחוץ דעם דאָרנדל אין רעכטן פינ־גערל פיל איך גאָרנישט. דער טאַטע האָט אַ שוואַרצע באָרד. ער שמייכלט, ווי ער זאָל וועלן מיר זאָגן אַז ער ווייסט וועגן דער טשערניצע און דעם דאָרנדל. ער, דער טאַטע מיינער, איז אויך טויט. איך זע אים אַנידער־לייגן זיך לעבן מיר. דאָס פינגערל שטעכט נאָך אַ ביסל. איך זאָג אַ ליגן. ס'איז דער ערשטער ליגן אין מיין לעבן. אָבער ער שמייכלט. ער לייגט זיך לעבן מיר אין ווייסן קיטל און אין לאַנגן טלית. מיר זענען אַליין. ער און איך. דער טאַטע און זיין זון. אַרום איז פּוסט און פּוסט. נאָר ער און איך. צוויי וואָס גייען אויף דער זעלבער סטעזשקע. אין מיטן שמאָלן וועג שטייט אַ מויער, אָדער אַ צווייגל מיט שטעכיקע טשערניצעס. די מויער מוז מען אַריבערשפּרינגען פון דער זייט אויף יענער זייט, פון יענער זייט אויף דער זייט. איך בין אַ קליין ייִנגעלע. איך האָב קורצע פיסעלעך און דאָס פינגערל שטעכט און טוט וויי. וויל איך אַריבער אויף דער צווייטער זייט און קאָן נישט. צו קליין, צו שוואַך. שטעלט דער טאַ־טע אונטער די פּלייצע און וואַרפט מיך אַריבער אויף דער זייט. ער איז געבליבן אויף יענער זייט.

ער איז אַוועק, אָבער דער טלית זיינער איז געבליבן. דער טלית וויקלט זיך אַרום דעם קיטל. אַ קיטל אָן אַ קאָפּ, אָן פיס. די מויער איז אויך פאַרשוווּנדן, אויך די סטעזשקע.

אָט אַזוי צווישן הימל און ערד אַ טלית מיט לאַנגע, לאַנגע ציצית, וואָס וויקלט אַרום אַ ווייסן קיטל: אָן אַ קאָפּ און אָן פיס.

אויף דער זייט.

איך פיל אַ ווייטיק אין מיין פוס.

האָב איך מורא געהאַט?

## די מורא האָט זיך אָפּגעטאָן פון אונדז

יעדער איינער פון די וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם קאַשמאַר שטעלט זיך די פראַגע: די, וואָס זענען אַוועק האָבן זיי מורא געהאַט?

ס׳איז אָנגענומען אַז מורא האָבן איז אַ סוביעקטיוו געפיל. איינער האָט מורא אין געוויסע אומשטענדן און אַן אַנדערער האָט אין די זעלבע אומשטענדן נישט מורא.

איך גלויב אַז דאָס איז גילטיק ביז צו אַ געוויסער גרענעץ. די מיינונג איז אפשר אויך צוגעפּאַסט צו איבערלעבונגען אין אַ נאָרמאַלער צייט.

איך בין נישט ביכולת זיך צו פאַרמעסטן אויפצוקלערן דעם ענין.

איך וויל בלויז דערציילן וועגן דער מורא אין דער צייט פון יידישן אומקום. אין אָט דער צייט האָט דער מענטש מורא געהאַט ווי געוויינלעך לויט זיין פּסיכישער איינשטעלונג, לויט זיינע אינסטינקטיווע רעאַקציעס. מען האָט מורא געהאַט אויף דער ערשטער סעלעקציע, ביי דער באַן, מען האָט מורא געהאַט אין לאַגער, מען האָט מורא געהאַט ביי דער אַרבעט, מען האָט מורא געהאַט ביי דעם פאַרטיילן דאָס עסן, מען האָט מורא געהאַט אויף דער פּריטשע, ווו מען איז געלעגן.

פריער אין געטאָ האָט מען מורא געהאַט פאַר אַלץ.

דאָס אַלץ ביז צו דער גרענעץ.

אין אָנבליק פון טויט האָט מען נישט מורא געהאַט.

אויף דער סעלעקציע ביי דער באַן האָט אָפּט דער עס־עס־מערדער געטראָגן אין דער האַנט אַ גראָבן שטעקן אָדער גאָר אַ בייטש. פון צייט צו צייט האָט ער געקלאַפּט מיט דעם מכשיר איבערן קאָפּ, אָדער אפילו איבער די אויגן. די מענטשן וואָס זענען געשטאַנען און געוואַרט אַז די רייע אויף זיי זאָל קומען האָבן געוווסט אַז יענע זייט באַדייט דער טויט. פאַר דעם האָט מען נישט מורא געהאַט. מען האָט מורא געהאַט פאַרן באַ־קומען אַ קלאַפּ מיטן שטעקן איבערן קאָפּ.

מען איז געשטאַנען איינער לעבן דעם צווייטן און מען האָט זיך שטילערהייט אונטערגעזאָגט:

„ער זאָל נאָר נישט אַ קלאַפּ געבן איבער מיין קאָפּ".

דאָס זעלבע איז געווען אין לאַגער גופא. עס זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן מורא געהאַט אַז מען זאָל זיי נישט באַרויבן פון דעם שטיקל ברויט וואָס זיי האָבן באַהאַלטן אויף שפּעטער ווען זייער הונגער וועט דערגרייכן די לעצטע שטופע. איך האָב געקענט אַזעלכע מענטשן וואָס האָבן פאַר שרעק פשוט געציטערט אויפן גאַנצן לייב.

מען האָט מורא געהאַט פאַר שרייען. אַז מען איז געשטאַנען ביי דער אַרבעט און אַן עס־עס־מאַן אָדער אַ ציווילער פאָראַרבעטער פון דרויסן, אָדער אַ קאַפּאָ האָט געשריגן איז מען אַריינגעפאַלן אין אַ פּחד. מען האָט מורא געהאַט אַז נאָכן שרייען זאָלן נישט קומען קיין קלעפּ.

אָבער דער זעלבער מענטש, וואָס האָט אַזוי שרעקלעך געציטערט פון פּחד מען זאָל אים נישט צורויבן דאָס אָרעמע שטיקל ברויט וואָס ער האָט געטראָגן אונטער זיין העמד, האָט אַרויסגעוויזן אַ מאָראַלישע העלדישקייט אין אָנבליק פון טויט.

ווידער מוז איך רעדן וועגן דעם ייד אין לאַגער.

איך האָב בעת אָט די איבערלעבענישן און שפּעטער, אַ סך וועגן דעם געטראַכט און איך טו דאָס אויך ביי היינט צו טאָג. איך פּרוביר

צוריקצוקומען צו יענע מינוטן, צו מיינע אייגענע איבערלעבונגען און צו דעם אויפפירן זיך פון מיינע נאָענטע אין לאַגער.

איך גלויב אַז דער ייד, דער יידישער מאַן, די יידישע פרוי און אפילו דאָס יידישע קינד, האָט פון דער ערשטער רגע פון אַריינקו־מען אין לאַגער זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון פון אייגענעם טויט.

נאָך זייענדיק ביי זיך אין שטוב פאַרן גיין אין געטאָ אַריין, שפּע־טער שוין זייענדיק אין געטאָ, נאָך שפּעטער, אויפן וועג צו דער ערש־טער סעלעקציע, אויפן וועג צו דער באַן, אין וואַגאָן, איז ער אַרומגענו־מען געוואָרן פון דער אַטמאָספערע פון טויט. די דייטשן האָבן דערציילט וועגן אַרבעטס־לאַגערן, ווו מען אַרבעט גאָרנישט אַזוי שווער און מען באַקומט גוט צו עסן.

איך געדענק ווי אין לעמבערג, ביי דער ערשטער אַקציע קעגן די אַלטע לייט, אין מערץ 1942, האָבן זיך אַרומגעטראָגן ידיעות וואָס האָבן געשטאַמט דווקא פון די דייטשן גופא, אַז די אַלטע לייט ווערן געפירט אויף אַן אָרט ווו זיי וועלן אַרבעטן ביי אַ גאָר לייכטער אַרבעט, פאַר דער דייטשער אַרמיי; זיי וועלן דאָרט האָבן גוטע באַדינגונגען.

דאָס איז געווען באַלד אין אָנהויב. מען האָט נאָך דעמאָלט נישט גע־ווּסט פון די טייוולאָנישע פאַרניכטונגס־פּלענער פון די דייטשן, האָט מען נאָך ווי עס איז געגלויבט די דאָזיקע „גוטע" ידיעות. מענטשן, ביי וועמען עס איז אַוועקגעריסן געוואָרן אַ זיידע, אַ באָבע, אַ טאַטע אָדער אַ מאַמע, און עס זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן מיטאַמאָל פאַרלוירן אַלע צוזאַמען, האָבן זיך געטרייסט: „עס וועט זיי דאָרט גוט זיין".

אָבער טיף, גאָר טיף אין האַרצן האָט מען שוין אָנגעהויבן פאָראַבען דעם טויט; אַ סם וואָס האָט געטריפט טראָפּנווייז און וואָס האָט צו ביס־לעך באַהערשט דעם באַוווּסטזיין פונעם ייד.

אפילו די קליינע קינדער זענען באַהערשט געוואָרן פון דאָזיקן גע־פיל. נאָך דעם ווי איך בין געשפּרונגען צום צווייטן מאָל פון צוג, שוין

נאָך דעם יאַנאָווער לאַגער און נאָך מײַן טיפוס, האָב איך זיך געפונען אויף אַ קורצע צײַט, ביז צום פאַרשלעפּט ווערן קיין אױשװיץ, בײַ מײַן ברודער אלתר־חיים ע״ה, וואָס האָט געוווינט אין סאָסנאָוויץ. ער האָט געהאַט אַ טעכטערל פון פינף יאָר, בריטאַ. אַ געוויסן פרימאָרגן ווען איך האָב זיך נאָר־וואָס געהאַט אויפגעוועקט פון שלאָף איז דאָס קינד צוגעקומען צו מײַן בעט און מיך געפרעגט פאַרטרוילעך:

„פּעטער, עס וועט זײַן אַן אַקציע״?

האָב איך זיך געמאַכט נישט וויסנדיק און זי געפרעגט:

„וואָס אַזוינס איז אַן אַקציע?״

האָט זי מיר געענטפערט:

„דאָרט ווי מען דערהרגעט אונדז״.

דאָס איז געווען אין חודש מערץ 1943.

אַ מיידעלע פון פינף יאָר.

**
*

דער באַוווסטזײַן פון טויט איז בײַ דעם ייד געווען באַגלייט פון אַ געפיל פון איינזאַמקייט. יעדע משפחה פאַר זיך, יעדער יחיד פאַר זיך. ער האָט געוווּסט אַז פון די, וואָס זענען מיט אים, קאָן די הילף נישט קומען. זיי אַליין, יעדער איינער באַזונדער און אַלע צוזאַמען האָבן זיך דאָך געפונען אין דעם זעלבן מצב פון טויט־סכנה. ניין, פון זיי האָט די הילף נישט געקאָנט קומען. און פון דרויסן? נישט פון דער אַרומיקער וועלט, דאָס הייסט פון די פּאָליאַקן, וואָס זענען אַליין געווען אונטערדריקט, הגם נישט אויפן זעלבן אופן, דאָס הייסט נישט זײַענדיק אין קיין טויט־סכנה. אויך פון דער ווײַטער וועלט איז נישט געווען צו דערוואַרטן קיין הילף. מען האָט באַקומען געננוג ידיעות פון דער דאָזיקער וועלט דורכן

ראַדיאָ און דורך אַנדערע קוועלן בכדי צו וויסן אַז פון דאָרט, פון גאָר ווייט, פון אַמעריקע, פון רוסלאַנד, שוין אָפּגערעדט פון פראַנקרייך אָדער ענגלאַנד, וואָס זענען אַליין געווען אין קריג, געענוי ווי רוסלאַנד, וועט די הילף נישט קומען. איז מען געווען דעריבער אָפּגעריסן פון אַלץ און פאַראייניזאַמט; דער יידישער מענטש אין אָנבליק פון דער דייטשער אכ־זריות.

אַזוי האָט מען צו ביסלעך געמאַכט שלום מיטן געדאַנק, וועגן דעם דערוואַרטן טויט און מען האָט מער נישט מורא געהאַט.

דאָס איז, גלויב איך, אויך געווען די סיבה וואָס אין דעם פּאַרניכ־טונגס־לאַגער זענען, נאָך די ערשטע צוויי־דריי טעג כמעט נישט געווען מער קיין זעלבסטמאָרדן פון יידן. די ערשטע צוויי־דריי טעג האָט זיך נאָך געטראָפן אַז עמעצער איז געגאַנגען אויף די דראָטן, בכדי זיך צו לאָזן דערשיסן דורך די עס־עס־וועכטער אויף די טורעמס אַרום דעם לאַגער. שפּעטער איז כמעט מער נישט געווען קיין זעלבסטמאָרד פון אַ ייד.

איך שטרייך אונטער פון אַ ייד, ווייל ווי איך האָב שוין געשריבן איז אין לאַגער גופא די סיטואַציע פון דעם ייד געווען גאָר אַ באַזונדע־רע. שוין אָפּגערעדט פון דער ערשטער סעלעקציע ביי דער באַן, וועל־כע איז נוגע געווען בלויז דעם ייד. צו דער גאַז־קאַמער האָט מען סעלעק־ציאָנירט נאָר יידן. אָבער די לעבנס־באַדינגונגען זענען געווען פאַר אַלע, דאָס הייסט פאַר די יידן און די נישט־יידן, די זעלבע. איז אויסגעקומען אַז אויב אַ ייד איז געוואָרן אַ מוזולמאַן, דאָס הייסט אַ מענטש וואָס האָט נישט געקאָנט מער אויספירן קיין שום אַרבעט, האָבן די דייטשן געהאַט פאַר אים אַ „לייזונג״; דערשטיקן אים אין דער גאַז־קאַמער, נאָך אַ סע־לעקציע. פאַר די נישט־יידן, וואָס זענען געוואָרן מוזולמענער, איז דאָס ניטש חל געווען.

איך האָב שוין דערציילט וועגן דעם טראַנספּאָרט פון פוילישע מו־זולמענער וואָס זענען געבראַנגט געוואָרן צו אונדז אין קאַראַנטין־לאַגער אין בירקענוי. זיי זענען געקומען פון לאַגער פלאָסענבורג, עטלעכע הונ־

דערט מענטשן, אַלע אָן אויסנאַם מוזולמענער. דאָס איז געווען סוף חודש נאָוועמבער אין יאָר 1943. אין דרויסן איז שוין געלעגן אַ שניי און בייַנאַכט האָט געהערשט אַ שטאַרקער פראָסט. האָבן די דייטשן זיי אַריינגעטריבן אין קאַראַנטין־לאַגער ווו עס האָבן צו יענער צייט געלעבט אַן ערך אַכט טויזנט יידן. (אחוץ די פוילישע און דייטשע בלאָק־עלטסטע). מען האָט זיי אַריינגעטריבן צו אונדז מיטן באַפעל אַז מען זאָל זיי אין אָוונט, נאָכן אַפּעל, אויסבאָדן אין הייסן וואַסער און שפּעטער, נאַסע און נאַקעטע אַרויסטרייבן אויף אַ פאַרשנייט און פאַרפרוירן פעלד אויף אַ גאַנצע נאַכט. איך האָב שוין דערציילט ווי אַזוי מיר האָבן זיי געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. אויב איך חזר איבער דאָ דעם דאָזיקן פאַל איז דאָס בכדי קלאָר אַרויסצוברענגען די טויט־געפאַר.

איך מוז אונטערשטרייכן אַז די צאָל פון אמתע נישט־יידישע מוזולמענער איז אין אַלגעמיין געווען אַ סך אַ קלענערע, אויך פראָפּאָרציאָנעל פון דער יידישער צאָל. דער ייד, ווי שוין געזאָגט, איז אין לאַגער געווען הפקר און איזאָלירט. ער האָט מיט דער אויסערלעכער וועלט נישט געהאַט קיין שום פאַרבינדונג; דאַקעגן דער נישט־ייד האָט זיך געקאָנט פאַרבינדן מיט זיין משפחה פון דרויסן, וואָס האָט אים געשיקט פעקלעך עסן און וואַרעמע בגדים. דאָס האָט אים געהאָלפן לייכטער איבערצוטראָגן די שווערע לאַגער־באַדינגונגען. ביי אים, ביים נישט־ייד, איז אויך געווען אַ האָפענונג באַפרייט צו ווערן פון לאַגער און צוריקצוקומען אין זיין היים, צו זיין משפחה — אַ האָפענונג, וואָס דער ייד האָט נישט געהאַט.

אויב עס זענען דאָך געווען נישט־יידישע מוזולמענער האָט דאָס געשטאַמט פון דעם וואָס אַ טייל פון זיי האָט נישט מער געהאַט קיין משפחה אין דרויסן, אָדער ער האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אָנצוקניפּן אַ פאַרבינדונג, צוליב פאַרשידענע סיבות, מיט זיין משפחה.

דערצו איז נאָך צוגעקומען דער פאַקט וואָס דער ייד האָט אין משך פון דער לאַנגער צייט פון אכזריותדיקן היטלער־רעזשים, און אויך טראָגנ־

דיק מיט זיך די ירושה פון זיין גאַנצער מאַרטירער־געשיכטע, אָנגע־זאַמלט אין זיך מער ווידערשטאַנדס־קראַפט און איז געווען אָנגעזאַפּט מיט מער מאָראַלישן כוח אויסצוהאַלטן יסורים.

דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען שפּעטער מיט די יידישע מוזולמענער, אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1944, ווען די גאַז־קאַמערן און די קרעמאַטאָריעס האָבן נישט מער פונקציאָנירט. די אַכט הונדערט יידן פון לאָדזשער געטאָ, וועלכע זענען צו אונדז געבראַכט געוואָרן אין דער גונטער־גרובע, נאָך פאַרשידענע גלגולים אויפן וועג, זענען כמעט אַלע געווען מוזולמענער; מיר האָבן זיי אַלע געוואויגן אין דער קראַנקענבוי (מעדיצינישע אַנטענע). עס איז געווען בלויז איינער, דער גרעסטער, וואָס האָט געוואויגן 48 קילאָ. אַלע אַנדערע האָבן געוואויגן פון דרייסיק ביז פינף און פערציק קילאָ. מיר האָבן זיך דערוווסט וועגן דער פאַראָר־דענונג פון די דייטשן: אַלע אַראָפּשיקן אַרבעטן אונטער דער ערד, אין דעם קוילן־גרובן און זיי געבן אַזעלכע באַדינגונגען אַז זיי זאָלן שנעל אויסשטאַרבן. דאָס מאָל, ווו איך האָב שוין דערציילט, האָבן מיר, די אָר־גאַניזירטע גרופּע, זיי אַלע, אָן אויסנאַם געראַטעוועט דאָס לעבן.

ווידער, אויב איך חזר איבער די דאָזיקע געשיכטע איז צו באַווייזן אַז אין לאַגער גופא האָט בלויז די גאַז־קאַמער פאָרגעשטעלט מיט זיך אַן אורטייל וואָס מיר זענען נישט געווען בכוח צו ענדערן. דער ייד איז נישט באַגאַנגען קיין זעלבסטמאָרד, ווייל אין זיין נאָענטער פּערספּעק־טיוו איז געשטאַנען די גאַז־קאַמער. דאָס הייסט: דער זיכערער טויט — דאָס זעלבע וואָס האָט אים דערוואַרט אין פאַל פון זעלבסטמאָרד. צוליב דעם זענען, לויט פּראָצענטער, אין לאַגער געווען מער נישט־יידישע זעלבסטמאָרדן ווי יידישע.

דאָס איז זיכער געווען איינע פון די ווייטערדיקע סיבות פאַרוואָס דער ייד האָט פאַרן טויט ווייניקער מורא געהאַט ווי די אַנדערע.

עס איז אָבער געווען נאָך אַן אַנדערע גאָר וויכטיקע סיבה:

דער ייד, אויב אַפילו ער האָט מורא געהאַט, האָט ער נישט געוואָלט אַרויסווייזן זיין מורא.

אין משך פון מער ווי צען יאָר, ווען דער היטלעריזם האָט אין די דרייסיקער יאָרן איבערגענומען די הערשאַפט אין דייטשלאַנד, איז ביים ייד אויף דער וועלט און קודם־כל אין אייראָפּע (און נישט בלויז אין דייטשלאַנד) אויפגעקומען דער געדאַנק אַז די נאַציסטישע חיה־רעה וואָס איז אויפגעשטאַנען אין דריטן רייך וויל אים, דעם ייד, ברענגען צום צושטאַנד פון סאַמע נידעריקסטן באַשעפעניש און אַנטמענטשן אים, בכדי אים שפּעטער צו קאָנען לייכטער פיזיש פאַרניכטן. דער דאָזיקער איינ־דרוק און די דאָזיקע פינצטערע פאָרויסזאָגונגען האָבן זיך אין אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און די דייטשע מאַסן־הריגות איבער יידן, פאַר אים פולשטענדיק באַשטעטיקט.

דעריבער איז ביים ייד אַנטשטאַנען אַן אינערלעכער כוח פון ווידער־שטאַנד. קעגן דעם פון די דייטשן פּלאַנירטן טויט האָט ער נישט געקאָנט קעמפן. די מעכטיקע, אוממענטשלעכע און אומברחמנתדיקע מאַשין פון דערהרגענען, וואָס דער דייטש האָט אויפגעשטעלט, האָט דער ייד גאָר־נישט געהאַט מיט וואָס זיך אַנטקעגנצושטעלן, אחוץ די ליידיקע און בלויזע הענט. דעם דייטשן ווילן אַראָפּצונידעריקן אים צו דער מדרגה פון אַן אונטערמענטש (לויטן נאַצישן לעקסיקאָן) האָט ער אַנטקעגנגע־שטעלט זיין ווילן, דעם יידישן ווילן צו טראָגן דעם צלם אלוהים, פון דער געטלעכער אָפּשפּיגלונג פון מענטש.

דאָס איז נישט געווען קיין ענין פון אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד, נאָר דער ווילן פון יעדן יחיד באַזונדער, פון יעדער יידישער פרוי, פון יעדן יידישן מאַן, אפילו פון יעדן יידישן קינד וואָס איז געווען צוזאַמענ־געשמידט אין איין קאָלעקטיוון ווילן: נישט ווערן פאַרוואַנדלט דורך דעם דייטש אין אַן אונטערמענטש. שטאַרבן ווי אַ מענטש!

דער ייד איז געגאַנגען שטאָלץ און מיט ווירדע צום טויט. ער האָט נישט מורא געהאַט, ער האָט נישט געבעטן קיין רחמים. זיין ווידערשטאַנד

האָט אין די דאָזיקע לעצטע מינוטן גובר געווען דעם אכזריותדיקן ווילן פון דער דייטשער בעסטיאַליטעט.

איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט וועגן דעם איבערצוציַיגן זיך אַ ביסל שפּעטער, באַלד אין די ערשטע טעג נאָך מיַין באַפריַיאונג, נאָך פאַרן סוף פון דער מלחמה. איך האָב זיך דעמאָלט געפונען אויפן געביט פון נידערשלעזיע, דאָס הייסט אויפן באָדן וואָס איז נאָר־וואָס געווען דיַיטש־לאַנד. די רוסישע אַרמיי איז מיט גרויסע שריט אַריַין אין דער טיף און אין דער לענג פון דיַיטשלאַנד. אויפן וועג האָט מען אויסגעפונען דיַיטשע אָפיצירן, הויכע באַאַמטע פון געסטאַפּאָ, הויכע מיליטערישע אָנפירערס פון די פאַרשידענע גרופּירונגען פון עס־עס. זיי אַלע האָבן מורא געהאַט, זיי האָבן געבעטן רחמים, געקושט די הענט פון די רוסן און אפילו געקושט די הענט פון די באַפריַיטע ייִדישע דעפּאָרטירטע, וואָס אַ סך זענען נאָך געווען אָנגעטאָן אין זייערע פּאַסן־בגדים פון לאַגער. דער מאָראַליש־געפאַלענער צושטאַנד פון אַלע דיַיטשן האָבן געוועקט אַ געפיל פון עקל געמישט מיט פאַראַכטונג צו זייער בעסטיאַלישער פאַר־גאַנגענהייט, צו זייער שפּלדיקן דערנידעריקן זיך אין אָנבליק פון דער שרעק פאַרן טויט.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ געפיל פון שטאָלץ פאַר אַלע מיַינע ברידער און שוועסטער וואָס זענען אַזוי פּשוט־מענטשלעך און אָן אַן מורא אַוועק פון אונדז צום טויט. דעם זעלבן שטאָלץ האָב איך געפילט פאַר די וואָס גאָט האָט געגעבן כוח אויסצוהאַלטן און איבערצולעבן דעם גיהנום.

די טויטע און די לעבעדיקע זענען פאַרשריבן אין דאָזיקן ספר פון

## קידוש השם.